STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09419

DI YIDISHE TOKHTER FUN TOLEDO

Lion Feuchtwanger

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליאָן פויכטוואַנגער

די יידישע טאָכטער פון טאָלעדאָ

ליאָן פויכטוואַנגער

די יידישע טאָכטער פון טאָלעדאָ

צווייטער באַנד

פאַרלאַג יידיש בוך ווארשע

LION FEUCHTWANGER

ŻYDÓWKA Z TOLEDO

TOM DRUGI

Tłumaczył z niemieckiego: M. Rakowski

איבערגעזעצט פון דייטש: מ. ראַקאָווסקי

Okładkę projektował: R. Chwoles

הילע געצייכנט: ר. כוואָלעס

Redaktor: Sz. Belis

רעדאַקטאָר: ש. בעליס

Wydawnictwo „IDISZ BUCH" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 887. Nakład 4000 egz. Druk ukończono w czerwcu 1960 r. Ark. druk. 13,5, ark. wyd. 10. Papier druk sat. III kl., 61 × 86, 80 g
Druk. RSW „PRASA", Warszawa, Tarczyńska 8. C-78

דריטער טייל

טויטן די יידישקע האָבן די גראַפן באַשלאָסן. זיי זענען אַוועק אַהין, וו זי האָט געוווינט און אויף דער עסטראַדע האָבן זיי זי אומגעבראַכט צוזאַמען מיט אַלע, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען.

אַלפאָנסאָ דער קלוגער
אַלגעמיינע כראָניק, יאָר 1270

עס באַשליסן זיינע מענטשן
צו דער שפיל אַ סוף צו מאַכן,
ווייל זי ברענגט דעם קעניג שאַנדע.
לאָזן זיי זיך צו דעם אָרט גיין,
וו די יידישקע געפינט זיך
און אויף פרעכטיקער עסטראַדע
טויטן זי די שיינע יידין
און די אַלע, וואָס אַרום איר.

פון די סעפולוועדאַ־ראָמאַנסן

קאַפּיטל איינס

פון צפון, צו די פּירענעען, דורך די ברייטע פּרענקישע לענדער, האָט זיך געצויגן מיט איר גרויסער סוויטע די אַלטע קעניגין עלינאָר.

ווי נאָר עס האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן דעם טויט פון קעניג העבריק, איר מאַן, האָט זיך לויט איר באַפעל, פאַר איר אויפגעעפנט די טויערן פון סאָליסבערי־טורעם, ווי זי איז געזעסן געפאַנגען. קיינער האָט זיך נישט געוואַגט איר קעגנצושטעלן; זי האָט תיכף גענומען אין אירע הענט די הערשאַפט פאַר איר געליבטן זון ריטשאַרד, וועלכער איז איצט געוואָרן קעניג פון ענגלאַנד. א זעלנער מיט לייב און לעבן, האָט דער יונגער ריטשאַרד די מלוכה־ענינים גערן איבערגעגעבן זיין קלוגער ענערגישער מוטער און ער אַליין איז נאָך זיין קרוינונג אַוועקגעשוומען מיט אַן אַרמיי צום קאַמף אויפן נאָענטן מזרח. זי אָבער האָט געמאַכט א רייזע איבער איר גרויסער ענגלישער מלוכה, וועלכע האָט איינגעשלאָסן ריזיקע שטחים אין פראַנקרייך, געבראָכן דעם ווידערשטאַנד פון די פאַרעקשנטע באַראָנען, האָט אַרויסגעשלעפט גרויסע געלטער פון די ווידערשפּעניקע גראַפן, פּרעלאַטן און פון די גרויסע שטעט. זי האָט אַוועקגעשטעלט אויף אַ געהעריקער הויך די אָנפירונג און דאָס געריכטס־וועזן און געמאַכט אָרדענונג אין די פאַרלאָזענע ענינים.

פאַרלאָזן די צפונדיקע גראַפשאַפטן און הערצאָגטומער, וואָס זי האָט באַקומען בירושה דורך איר חתונה מיט העבריקן, איז זי אַראָפּגעפאָרן אין אירע ירושה־לענדער פון פּואַטו, גיען און גאַסקאָן. דאָרט האָט זי געהערט די אינטימע שפּראַך־קלאַנגען פון איר יוגנט, דעם פּראָוואַנסאַלישן קלינגענדיקן לאַנגעדאָק; זי האָט געאָטעמט מיט דער מילדער לופט פון איר היימאַט. אויפן צפון האָט זי באַקומען דעם געהעריקן קבלת־פּנים, אונטער וועלכן עס האָט זיך געשפּירט א געוויסע שרעק. דאָ האָבן זי באַגריסט מענטשן אויף די ראַנדן פון די וועגן. עס האָבן זי באַגריסט אַלטע פירשטן מיט אומפאַרשטעלטער פרייד. פאַר זיי איז זי געווען מער, ווי די באַרימטע

קעניגין פונעם צפון און די ערשטע דאַמע פון דער קריסטלעכער וועלט.
פאַר זיי איז זי געווען עלינאָר דע גיען, דאָס שפּראָצל פון זייער לאַנד, די
אמתע יורשטע.

זי איז איצט אַלט געווען כמעט ניין און זעכציק יאָר און די לעצטע
פופצן יאָר איז זי געזעסן אין געפאַנגענשאַפט, אָבער ווירדיק האָט זי זיך גע־
האַלטן אויפן פערד, זאָרגזאַם געקליידעט, קונציק געשמינקעוועט, די האָר
שיין פריזירט און געפאַרבט. מעגלעך, אַז טיילמאָל איז איר שווער געווען
זיך צו האַלטן גלייך אויפן פערד, ווייל אויף די בערג איז נאָך געלעגן
אַ סך שניי און די וועגן זענען געווען געפערלעך. אָבער די אַלטע פרוי האָט
זיך נישט געשראָקן פאַר שוועריקייטן און סכנות. זי האָט געשפּירט, אַז די
פופצן יאָר געפאַנגענשאַפט האָבן זי נישט געבראָכן. געשטאַרקט אירע כו־
חות האָט דאָס באַוווסטזיין, אַז נאָך מיט א קורצער צייט צוריק איז זי
געווען הילפלאָז, אכזריותדיק פאַרשפּאַרט אין טורעם פון סאַליסבערי, און
איצט קאָן זי מיט פעסטע, געשיקטע הענט דאָס פערד אין אירע לענדער
קערעווען. קלאָר קוקן אירע בלויע עטוואָס שטאַרע אויגן אויף די לאַנד־
שאַפטן פון איר היימאַט. זי האָט זיך גערוקט פאַרויס און אַפילו ביים אָנ־
קום פון אָוונט, בעת אַלע האָבן זיך געפילט פאַרמאַטערט, האָט זי זיך אָפּ־
געזאָגט צו בייטן דאָס פערד אויף אַ פּאַלאַנקין אָדער אויף אַ טראָג־שטול.

זי האָט זיך געלאָזן אין דער ריכטונג פון קאַסטיליע, קיין בורגאָס, כדי
צו באַזוכן איר טאָכטער, לעאָנאָר, צו זיין אויף דער חתונה פון איר אייניקל
בערענגאַריאַ און אויפן וועג זיך אומקוקן וועגן א חתן פאַר א צווייט אייניקל.

וואָס נעענטער צום דרום, אַלץ גרעסער איז געוואָרן איר סוויטע. ווען
זי איז אַריינגעדרונגען אין די פירענעען האָבן זי באַגלייט פינף הונדערט
רייטער, צוויי הונדערט פרויען און מיידלעך, Preux Chevaliers
dames choisies(* פרעלאַטן און באַראָנען פון אַלע אירע לענדער און
חוץ דעם אַ לייב־גוואַרדיע פון געקליבענע רוטיערן, אויסגעפּרוווטע געדונ־
גענע באַרבאַסאָן און גוטערא־זעלנער אין דער באַגלייטונג פון דרעסירטע
בייזע הינט. עס איז נאָכגעפאָרן אַ צוג פון אַריבער טויזנט וועגענער מיט
פעק הויז־מכשירים, פּראָוויאַנט און מתנות פאַר דער באַפעלקערונג. רייט־
קנעכט און דינער האָבן געפירט פערד און יאַגד־הינט פון דער קעניגין און
פון אירע אָנגעזעענע הערן. יעגער האָבן געטראָגן אירע באַליבטע פאַלקן

*) דרייסטע ריטער און אויסדערוויילטע דאַמען (פראַנצ.).

און אַזוי האָט זיך דער בונטער צוג לאַנגזאַם באַוועגט צווישן די דאָ און דאָרט נאָך פאַרשנייטע בערג.

אויף דער קאַסטילישער גרענעץ האָבן די אַלטע קעניגין באַגעגנט דאָן אַלפאָנסאָ און לעאָנאָר, דאָן פּעדראָ פון אַראַגאָן און די אינפאַנטין בערענגאַריאַ. פאַר די טויערן פון בורגאָס האָבן זי מקבל־פּנים געווען די אָנגעזעענסטע פּרעלאַטן און הויף־סוויטעס פוןביידע קעניגן. מיט גרויס פּאָמפּע איז זי אַריינגעפאָרן קיין בורגאָס. אומעטום האָבן פענער געפלאַטערט, פון פענצטער און באַלקאָנען זענען אַראָפּגעהאָנגען גאָבעלינען, אַלע קירכן־גלאָקן האָבן געקלונגען, די וועגן זענען געווען באַדעקט מיט צווייגן און בלומען, שמעקנדיק אונטער די קאָפּיטעס פון די פערד און אונטער די שיך פון די פוסגייער.

עס איז געווען די ווילדע און פּרעכטיקע עלינאָר. צענדליקער יאָרן איז זי געווען די דאַמע פון אייראָפּע, וועלכע מען האָט צום מערסטן באַוווּנדערט און פאַרשאָלטן. און איצט, אַז מען האָט זי געזען ווידער אַריינפאָרן אין איר פולער אַמאָליקער פּראַכט, האָבן ווידעראַמאָל אויפגעלעבט די צאָלרייכע מעשיות וועגן קריגס־פּאַסירונגען, מלוכה געשעענישן און ליבעאַוואַנטורעס. זי איז געווען דער איניציאַטאָר און דאָס האַרץ פון צווייטן קרייץ־צוג. זי איז געריטן אין דער שפּיץ פון די קרייצלער, קריגעריש און פּרעכטיק ווי פּענטעזילעאַ, די פירערין פון די אַמאַזאָנקעס. אין דער באַרימטער שטאָט אַנטיאָכיע האָט זיך איר יונגער פעטער, דער קעניג ריימאָנד אין איר פאַרליבט איבער די אויערן, און ער און איר מאַן, דער קעניג פון פראַנקרייך לואי דער זיבעטער האָבן זיך צוליב איר אַרומגעריסן אַזוי לאַנג, ביז איר מאַן האָט סוף כּל סוף מיט געוואַלד זי אָפּגעריסן פון זיין קעגנער און אַוועקגעפירט אויף יענער זייט ים. אָבער זי האָט זיך נישט געקאָנט באַרויקן נאָך דער דאָזיקער געוואַלד־טאַט, האָט זי אויסגעפועלט ביים פּויפּסט, זי זאָל זיך שיידן מיטן קעניג פון פראַנקרייך, און גלייך איז אויסגעוואקסן דער גראַף פון אַנזשו, וועלכער האָט זיך צו איר געפּוצט און דערנאָך איז געקומען דער קעניג הענריק פון ענגלאַנד. זי מיט אים האָבן אויסגעשמידט אַ מעכטיקע מלוכה. זי האָט אַראָפּגעבראַכט אין איר הויף געלערנטע, דאָקטוירים און מאַגיסטערס פון אַלע זיבן וויסנשאַפטן און קונסט, טרובאַדורן, דיכטער און דערציילער אָן אַ צאָל. זי האָט דעם אָדער יענעם דיכטער אַרויסגעוויזן איר חסד, ווי למשל בערנאַרדן פון ווענטאַדור, הגם ער איז געווען אַ זון פון אַן אויוון־הייצער. זי האָט זיך דערמאָנט ווי איר מאַן הענריק האָט זי אָפּגענאַרט און פאַראַטן און ווי אַזוי זי האָט אומגע־

בראַכט זיין שיינע געליבטע ראָזאַמונדע. ווי הענריק האָט זי דערנאָך פאַר־שפּאַרט און ווי אירע זין, איינשטעלנדיק זיך פאַר איר האָבן זיך אויפגע־הויבן אין קאַמף קעגן זייער פאָטער. און אָט קלינגען ווידער אַ סך לידער פראַנקישע, פּראָוואַנסאַלישע, קאַטאַלאַנישע, וואָס רימען איר הויף, פון וואַ־נען אירע שטעט האָבן געירשנט די איידלסטע דיכטונג און די פּרעכטיקס־טע זיטן. וסלה גק

דער דיכטער פיליפּ פאַן טאון האָט געזונגען: „די זיסע יונגע קעניגין ציט צו זיך אַלע געדאַנקען, ווי די סירענע, וואָס האָט אַוועקגענומען דעם שכל ביים פישער און אים פאַרנאַרט אויפן פעלדז״.

און בענוא פון סענט־מאַר האָט געזונגען: „דו הויכגעבוירענע, אויס־דערוויילטע, דו שטאָלצע און דרייסטע, וואָס קיין מלכה איז דיר ניט גלייכן, די גרויסמוטיקסטע פרוי פון גרעסטן קעניג אויף דער וועלט״.

און אפילו אַ גראָבהויטיקער דייטש האָט געזונגען:

„ווען די וועלט זאָל מיינע זיין
פון ים ביז צום רהיין,
וואָלט איך זי פאַרניכטן, פאַרדאַרבן.
נאָר די קעניגין פון ענגלאַנד
לעבן זאָל אין מיינע אָרעמס...״

די דאָזיקע אַלע לידער, מעשיות, ראָמאַנסן, אויסגעמישט מיט ווילדע זידלעריי־דיכטונג און דערציילונגען פון שונא, האָבן פון עלינאָר דעם גיען געמאַכט אַן אומרעאַלע געשטאַלט פון ווייט פאַרגאַנגענע ציטן, פון אַן אַנ־דער עפּאָכע. און אַפילו איצט, בעת זי איז אין דער ווירקלעכקייט, מיט לייב און לעבן אַריינגעטראָטן אין בורגאָס, אַרומגערינגלט מיט אירע רי־טער, דאַמען, זעלנער, פערד, הינט, פאַלקן און פאַרשידענע אוצרות, האָבן די קאַסטילישע און אַראַגאָנישע באַראָנען באַקומען דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט געריטן איינגעהילט אין אַ גאָלדענעם וואָלקן. נישטיק און אָרעם האָט אויסגעקוקט דער היינט אין פאַרגלייך מיט דעם אַמאָל פון דער דאָזי־קער גרויסער פרוי. ווען זיי האָבן זי דערזען האָט אין זייערע דערינערונגען אויפגעטויכט אַלץ, וואָס זיי האָבן געהערט וועגן צווייטן קרייץ־צוג, ווייל פאַקטיש איז דאָס געווען דער קרייץ־צוג פון דער קעניגין עלינאָר. דעמלט זענען ריטער און קעניגן נישט צוגעגאַנגען סוחריש צו דער זאַך, נישט גערעכנט זיך מיט אויבערמאַכט; נישט קיין געלט־גייציקייט און נישט קיין כיטרע אויסרעכענונגען האָט זיי באַוויגן צום שלאַכט; זיי האָבן געקעמפט

אין הסכּם מיט די אײדעלע געזעצן, אויס רײנעם חשק צום קאַמף, און די שלאַכט איז געװען בלויז אַ טורניר, אַן אײדעלע שפּיל אויף לעבן און טויט. פערציק טעג איז דער װאַסאַל געװען געבונדן מיט זײַן האַר, פערציק טעג האָט ער געקעמפט, און אויב אויפן פערציקסטן טאָג האָט ער קײן שלאַכט נישט דערגאַנגען, דאַן האָט זיך דער ריטער צוריקגעצויגן, הגם ער איז געװען זיכער, אַז אויפן אײן און פערציקסטן טאָג װעט עס אים געלונגען. דעמלט זענען נישט געװען קײן רוטיערן, געדונגענע זעלנער פון המון, װעלכע האָבן נישט געהאַלטן פון קײן אײדעלע מאַניערן, נאָר געקעמפט צוליבן זיג. אין יענע צײַטן האָט מען אַפילו דעם שונא אַרויסגעװיזן העפלעכקייט נישט געקוקט דערויף, װאָס ער האָט געדינט צו אַ פרעמדן גאָט. דער קאַליף האָט געשיקט דעם באַלאַגערטן קריסטלעכן קעניג אוראַקאַ זײַן לײַבאַרצט, אים צו קורירן. און מלחמה איז פאָרגעקומען בלויז פון מאָנטיק ביז דאָנערשטיק: פרײַטיק, שבת און זונטיק איז געװען װאָפנשטילשטאַנד, כּדי יעדער מוסולמענער, ייד און קריסט זאָלן אומגעשטערט קאָנען פײַערן זײַן רו־טאָג.

איצט האָבן די קאַסטילישע און אַראַגאָנישע הערן געגלויבט, אַז עס װעט װידער אָנקומען אַזאַ הערלעכע צײַט. אינעם גײַסט פון דער דאַמע עלינאָר איז דער צװײטער קרײַץ־צוג געפירט געװאָרן, און אין איר גײַסט װעט אויך איצט אויפן האלב־אינדזל געפירט װערן דער הײליקער קריג, און זיי, דער שפּאַנישער אַדל, װעט האָבן די געלעגנהייט זיך אַרויסצװײַזן אַלס די אמתע יורשים פון די ריטער אַרטור און קאַרל דעם גרויסן.

דער יונגער קעניג דאָן פּעדראָ איז נישט געגאַנגען, נאָר געשװעבט. ס'איז פּשוט אַ חסד פון גאָט, װאָס ער װעט חתונה האָבן מיט אַן אײניקל פון דער דאָזיקער רומפולער פּירשטין. װי אַ גליקלעכער קריסטלעכער ריטער װעט ער אַרײַנטרעטן אין קריג, נישט שפּירנדיק קײן קנאה־שנאה קעגן דאָן אַלפאָנסאָן.

אויך דער כּלי־זין־טרעגער אַלאַזאַר איז געװען פאַרכישופט פון דער באַרימטער אַלטער קעניגין. אין טאָלעדאָ האָט זיך אים געדאַכט, אַז מען קוקט אויף אים קרום, און װען דער קעניג האָט אים מיטגענומען קײן בורגאָס, האָט ער מורא געהאַט, אַז דאָניאַ לעאָנאָר װעט זיך מיט אים אָפּרעכענען צוליב זײַן פאַרדעכטיקטער קרובהשאַפט. אָבער זי האָט זיך צו אים באַצויגן מיט העכסטער צאַרטקייט און פרײַנדלעכקייט. דער קעניג האָט אים באַהאַנדלט װי אַ ייִנגערן ברודער און אין דער קעגנװאַרט פון דער גרויסער דאַמע עלינאָר איז צעשמאָלצן געװאָרן זײַן לעצטער ספק. די אײדעלע

דאַמען האָבן איינגעפונען, אַז ער איז ווערט צו זיין דעם קעניג דאָן אַלפאָנסאָס כּלי־זין־טרעגער. ער איז מיט כּבוד אויפגענומען געוואָרן אין דער קריסטלעכער ריטערלעכער וועלט.

די גאַנצע שטאָט בורגאָס האָט געפייערט דעם באַזוך פון דער אַלטע־קעניגין. טויזנטער זענען אָנגעקומען אָנטייל צו נעמען אין דער פייערונג און דערביי כאַפּן אַ פאַרדינסטל. באַלעבאַטים האָבן אויפגעעפנט שענקען, הענדלער האָבן פאַרקויפט טייערע וויינען און געווירצן. אין די אָפענע קיאָסקן, געוועלבן, פענצטער, ווו די סוחרים האָבן אַרויסגעשטעלט זייערע סחורות, האָבן זיך באַוויזן פּוץ און צירונג פון פלעמישע, לעוואַנטינישע און מוסולמאַנישע לענדער. פערד־הענדלער און וואָפן־שמידן האָבן אָפּגעלעקט אַ ביינדל, באַנקירן, געלטבייטער האָבן פאָרגעלייגט צו פאַרקויפן אָדער צו אַרענדירן די גיטער פון ריטער, וואָס גייען אַוועק אויף מלחמה. מחנות קאָמעדיאַנטן זענען דאָרט געווען, קמיע־הענדלער, זונות און קעשענע־גנבים. — דאָס אַלץ האָט געליאַרעמט, זיך געדונגען, געפּלירטעוועט און געליבט זיך, געלאָפן אין קירכן און אין שענקען, אַרויסגעוויזן פרומקייט, חוצפּה, גוטסקייט, ברוטאַליטעט, זיך אויסגעפּוצט בונט און לוסטיק, האָט געשטונקען, געמאַכט קינדער, געזונגען הימנס און זויף־לידער, האָט זיך געפריידט מיטן לעבן, האָט געשאָלטן מיט טויטע קללות די קאַליפן און דעם סולטאַן און גערימט די רומפולע קעניגין עלינאָר.

אויף איר הויף האָבן די קאַמער־הערן געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט. זיי האָבן געדאַרפט אויפנעמען און פאַרזאָרגן מיט עסן די געסט, וועלכע זענען אָנגעקומען פון גאַנץ קאַסטיליע און אַראַגאָן בייצוזיין אויף דער חתונה פון דאָן פּעדראָ מיט דער אינפאַנטין בערענגאַריאַ און צו מאַכן אַ קבלת־פּנים דער אַלטער פירשטין. אַ סך פון די דאָזיקע פּרעלאַטן, באַראָנען, הויכע ראַטגעבער האָבן מיטגעבראַכט משרתים, יעגער, שטאַלמענטשן. חוץ דעם, ווי ס׳רוב אויף אַזעלכע פייערונגען, זענען זיך אָנגעלאָפן אוואַנטוריסטישע ריטער, יונגע אדל־לייט, וועלכע האָבן אָנגעשאַרט געלט און כּבוד אויף פאַרשידענע טורנירן. ס׳האָבן אויך נישט געפעלט קיין טרובאַדורן, אויסטראַכטער און דערציילער, כּדי צו מאַכן דעם געהעריקן קבלת־פּנים פאַר דאָניע לעאָנאָר און פאַר דער אַלטער דאַמע עלינאָר.

די אַלטע דאַמע האָט זיך אָפּגערוט פון דער לאַנגער שווערער נסיעה. דעם צווייטן טאָג האָט זי שוין געפּראַוועט הויף אין דעם גרויסן שלאָס־זאַל. ביי ברענענדיקע ליכט איז זי געזעסן אויף אַן עסטראַדע, אויף אַ הויכן שטול — אימפּאָזאַנט, גלייך, ווי אַ דאַמע פון איר שטייגער. זי איז עטוואָס

דיקער געוואָרן; צייטווייז האָט איר פאַרפעלט אָטעם; זי האָט געמוזט דער־שטיקן דעם הוסט, און אונטער די פאַרבן און שמינקעס, וואָס האָבן אין משך פון לאַנגע שעהן זיך אָפּגעבערעקלט, האָט מען אַרויסגעזען אַן אַלט פּנים. אָבער די שטאַרק בלויע העלע אויגן האָבן געקוקט האַרט און קלאָר, און מיט קרעפּטיקע, גוט־באַטראַכטע פריינדלעכע ווערטער האָט זי אומ־דערמידלעך אָנטייל גענומען אין די געשפּרעכן.

דער אַלטער אַראַגאָנישער גראַף ראַמאָן באַרבאַסטראָ, וועלכער האָט אַמאָל צוזאַמען מיט עלינאָרן אָנטיילגענומען אין הייליקן קריג, האָט מיט בענקשאַפט גערעדט וועגן יענע הערלעכע יאָרן און האָט זיך באַקלאָגט אויף דער פּוסטקייט פון די היינטיקע נייע צייטן. דער קריג האָט זיין אַדל פאַר־לוירן, ער איז איצט אין ראַט און ער אַרבעט מער מיט דער פעדער ווי מיט דער שווערד. נישט די דרייסטקייט פון די ריטער אַנטשיידט איצט די שלאַכט, נאָר די צאָל רוטיערן.*)

— אויך אין יענע צייטן, ווען זי און דער איידעלער ראַמאָן זענען נאָך יונג געווען — האָט עלינאָר געענטפערט — איז דער קריג געווען נישט בלויז גלאַנץ און פּרעכטיקער שפּיל.

— ווי איך דערמאָן מיך איצט — האָט זי אויפגעקלערט — זענען די היציקע שלאַכטן און פייערונגען געווען בלויז אַן אויסנאַם. רעגלמעסיק זע־נען געווען די קליינע ליידן: די מאַרשן דורך אומענדלעכע, אומבאַקאַנטע, געפערלעכע געביטן אַן שום שטעגן און וועגן, די ווונדן אויף די פיס, דאָס צעהיצטע בלוט, דער שרעקלעכער דורשט, די שלאָפלאָזע נעכט מיט שטע־כעדיקע מוקן, די בייסנדיקע פליי און לייז. און דאָס ערגסטע איז געווען: די שרעקלעכע לאַנגווייליקייט, די אָנסופיקע ים־נסיעה, די וואָכן־לאַנגע מאַרשן סתם אין דער וועלט אַריין, און די ליידן פון וואַרטן אויף אָפּטיילונ־גען, וואָס דאַרפן קומען היינט, מאָרגן, איבערמאָרגן און אין א וואָך אַרום זענען זיי אויך נישט געקומען.

זי האָט געזען, אַז אירע צוהערער זענען אַנטוישט, האָט זי מיט אַ שמייכל אויסגעבעסערט דאָס אומעטיקע בילד.

פאַרשטייט זיך — האָט זי געזאָגט — דערפאַר איז דאָס פאַרגע־ניגן שפּעטער געווען גרעסער: די ווילדע פרייד אין שלאַכט און די פייערונ־גען אין אַ דעראָבערטער שטאָט.

---

*) געדונגענע זעלנער.

זי האָט דערציילט וועגן די פּייערונגען אויפן נאָענטן מזרח, ווי עס האָט זיך אויסגעמישט די קריסטלעכע און מוסולמענישע פּראַכט און ווי די געזאַנגען פון די טרובאַדורן האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער קונסט פון די אַראַבישע טענצערינס. אירע ווערטער האָבן געשטראָמט, אָבער נאָך מער באַרעדעוודיק זענען געווען אירע אויגן. מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן האָט זיך דער גראַף דערמאָנט אין די ביידע מענער, וועלכע האָבן אַנומלט אין אַנטיאָכע צוליב איר געקעמפט, דער קריסטלעכער קעניג ריימאָנד און דער פּרינץ סאַלאַדין, דער פלימעניק און באַטשאַפטער פון סולטאַן.

— די דאָזיקע פּייערונגען זענען געווען טייער דערפאַר — האָט פאַרענדיקט די אַלטע קעניגין מיט בענקשאַפט — ווייל מיר האָבן צווישן די שלאַכטן געברענט. נעכטן האָט מען אויסגעמיטן אַ געבענטשטן טויט און מאָרגן וועט מען מעגלעך שטאַרבן מיט דעם דאָזיקן געבענטשטן טויט.

דער אַרציבישאָף דאָן מאַרטין האָט געקוואָלן פון דער אָנוועזנהייט און פון די רייד פון דער דאַמע עלינאָר. חדשים לאַנג איז ער אַרומגעגאַנגען אָנגעבלאָזן, פול מיט צאָרן און געוואַרט. איצט וועט די דאָזיקע דבורה אָפּווישן די לעצטע שטערונגען, וואָס שטייען נאָך אויפן וועג צום גוטן קריג; און ער האָט זיך צעשמאָלצן אין פרומקייט און פרייד. ער איז געגאַנגען, ווי פליגלען וואָלטן אים געטראָגן. די כלי־זין, וואָס ער האָט תמיד געטראָגן הינטער זיין סוטאַנע, האָט אים איצט נישט געדריקט. ער האָט צונויפגעזאַמלט זיין גאַנץ ביסל קורטואַזיע און נישט קאָנענדיק זיך באַהערשן, האָט ער געזאָגט מיט גרילצנדיקער העפלעכקייט:

— דאָס הייליקע לאַנד האָט הערלעכע מעשים געזען, פראָמינענטע פרוי, ווען דו ביסט דאָרט אָנגעקומען, כדי די אומגלויביקע צו צעטרעטן, און איצט, אַז דיין שטראַלנדיקער ריטשאַרד באַלייכט דעם וועג, קומען ווידער אָן גוטע צייטן. דער רום פון דיין זון צוזאַמען מיט דיין רום האָבן שוין אָנגעטריבן א פּחד אויף די מוסולמענער. איך האָב באַקומען זיכערע ידיעות פון אַ פריינד, פונעם בישאָף פון צור. אַראַבישע קינדער, ווען זיי ווילן נישט פאָלגן, ווערן געשראָקן דורך זייערע מוטערס: „זיי שטיל, די יונגאַטש, ווייל אויב נישט, קומט באַלד דער קעניג ריטשאַרד דער מעלעקריק און נעמט דיך צו".

עלינאָר האָט נישט געקאָנט פאַרבאָרגן איר פרייד, ווען מען האָט געלויבט איר ליבלינג ריטשאַרד.

— יאָ, ער איז א גרויסער זעלנער — האָט זי מסכים געווען — אַן אמתער מילעס קריסטיאַנוס Miles christianus (קריסטלעכער

זעלנער). אָבער עס וועט אים לייכט נישט אָנקומען אויפן נאָענטן מזרח — האָט זי אַרויסגעזאָגט אָפנהאַרציק, וואָס נאָר זי אַליין האָט זיך געקאָנט אויף אַזוינס דערלויבן. — איך מיין דאָ נישט דעם שונא, דעם סולטאַן, איך מיין מיין ריטשאַרדס פאַרבינדעטע, אונדזער ליבן קרוב, דעם גרויסן קריס־טלעכן קעניג פון פראַנקרייך. ער האַלט נישט פון פראַכט און פון פרייד. ער וויל, אַז דער קריג זאָל אים וואָס ביליקער קאָסטן. מיט איין וואָרט, אונ־דזער גוטער פיליפ אויגוסט איז א ביסל אויסגעוועפּט. איצט וועט ער, מסתם, אין דער קרייץ־אַרמיי פאַרווערן אַנטיילצונעמען דאַמען און טרו־באַדורן. אָבער דערמיט וועט ער קיין הצלחה נישט האָבן ביי מיין זון רי־טשאַרד, וועלכער האָט ליב פילפאַרביקייט און טומל, וואָס ער האָט געיר־שנט פון זיין פאָטער און אפשר אויך עטוואָס פון זיין מוטער. אינדער־אמתן, וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ קרייץ צוג אָן פרויען און אָן טרובאַדורן? אייך, אויפן האַלב־אינדזל, איז בעסער פון אונדז — האָט זי זיך געווענדעט צו אַלפאָנסאָן און צו דאָן פעדראָן — ווייל איר דאַרפט נישט אַזוי ווי מיר מאַכן לאַנגע נסיעות אויפן ים, איידער מען קומט צו צום שונא. אייך קומט נישט אויס צו פירן הונדערטער אונטערהאַנדלונגען מיט די פאַלשע גריכן און מיט אַן אַנדער קריסטלעכן ערב־רב. דער שונא און דער רויב ליגט פאַר אייערע אויגן: קאָרדאָווע, סעווילייע, גרענאַדע.

פאַר אַלעמענס אויגן איז אויפגעשטאַנען דאָס לאַקנדיקע בילד פון די וואונדערבאַרע שטעט און פון דעם פּרעכטיקן רויב. און דער אַרציבישאָף דאָן מאַרטין האָט געשפּירט, ווי עס קלינגען אין אים די נעמען פון די מוסולמאַנישע שטעט: קאָרדאָווע, סעווילייע, גרענאַדע, און די ווערטער פון דער עוואַנגעליע: „איך האָב אייך געבראַכט נישט פרידן, נאָר די שווערד״.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט מיט איר גאַנצן האַרצן געדאַנקט גאָט פאַרן באַ־זוך פון איר מוטער. זי האָט באַוואונדערט איר טאַטנס מלוכהשע חכמה, זיין קריגערישע געניאַליטעט. זי האָט אַפילו עטוואָס מקנא געווען זיין לייכט־זיניקייט, מיט וועלכער ער האָט געגעבן פרייהייט זיינע ליידנשאַפטן. אָבער די ליבע צו איר מוטער האָט גובר געווען די דאָזיקע באַוואונדערונג און דאָס האַרץ האָט זיך ביי איר געריסן אויף שטיקער ביים געדאַנק, אַז די דאָ־זיקע מונטערע פרוי, וואָס איז כסדר גיריק צו נייע טאַטן, האָט געשמאַכט צווישן געמויערטע ווענט, וווהין איר טאַטע האָט זי אַריינגעשליידערט.

ווען די וויסטע ליבע משוגעת איז אָנגעפאַלן אויף אַלפאָנסאָן, האָט זי שטאַרק געלעכצט אויסצוקלאָגן זיך פאַר איר מאַמען, ווי א טאָכטער צו

א מוטער, ווי א קעניגין צו א קעניגין, ווי אַן אָנגעווייטיקטע צו אַן אָנגע־ווייטיקטע, און זיך מיט איר באַראַטן. אָבער איצט האָט זיך אַלפאָנסאָ צו איר צוריקגעקערט, פול מיט באַגייסטערונג פאַר מלחמה, און האָט קענטיק פאַרגעסן די יידישקע. ווען זי וואָלט אפילו ערלעך געוואָלט אַלפאָנסאָן מו־חל זיין דעם פאַראַט און דעם וואָרט־ברוך און פון איצט אָן האָבן צוטרוי צו אים, האָבן אָבער דערפאַרונג, באַוווסטזיין און אַנטוישונג אַזוי טיף זיך אין איר איינגעקריצט, אַז זי איז געווען גליקלעך זיך צו קאָנען מיט איר מוטער אַדורכרעדן וועגן אירע האָפענונגען און אירע דאגות.

ווען עלינאָר איז אַראָפּ פון פערד, ווען לעאָנאָר האָט איר די האַנט געקושט און די אַלטע מוטער־ליפּן האָבן זיך צוגערירט צו אירע אייגענע יונגע ליפּן, האָט זי דערשפּירט א טיפע לייבלעכע נאָענטקייט. שאַרף און בולט האָט מיטאַמאָל פאַר איר אויפגעלעבט די פאַרגאַנגענהייט, מענטשן און געשעענישן, וועלכע זי האָט געזען אַלס קינד און איבערגעלעבט אין דאָנפראָן. אין איר מוטערס פּרעכטיקן הויף אין פּואַטיע, אָדער אין קלויס־טער פאָנטעווראָ, ווו זי האָט באַקומען א פריילעכע וועלטלעכע דערציונג. דאָרט איז געווען איר דערציערין, די דאַמע אַגנעס דע פּראַנסאַק. לעאָנאָר איז דעמלט צו איר צוגעשטאַנען, זי זאָל איר דערציילן וועגן איר ליבע מיט איר פאָטער הענריק. די דאַמע אַגנעס האָט איר ענדלעך מודה געווען. דאָס קינד לעאָנאָר האָט דעמלט פאַרלאַנגט, מען זאָל די דאַמע אַגנעס משלח זיין, וויל זי האָט איר, דער פּרינצעסין לעאָנאָר, קנאַפּ כבוד אַרויסגעוויזן. און איצט האָט פאַר אירע אויגן דייטלעך אויפגעטויכט דער שלאָס דאָנפראָן מיט דער הילצערנער סטאַטוע פון היליקן געאָרג. זייער דראָענדיק האָט ער אויסגעקוקט ביי די שטראַלן פון דער שקיעה, און לעאָנאָר האָט זיך פאַר אים אָפטמאָל געשראָקן, אָבער נאָכדעם האָט זי אים ליב געקריגן. זי איז געווען זיכער, אַז זי ווערט באַשיצט פון דעם דאָזיקן שטאַרקן היליקן. איר פאָטער האָט זיך דאַך מיט איר נישט אינטערעסירט. איצט האָט זי דעם היליקן געאָרג לעבעדיק געמאַכט, זי האָט אים אַרויסגעראָטעוועט פו־נעם לאַנד פון אירע יונגע יאָרן און איצט שטייט ער דאָ נעבן איר און הייסט אַלפאָנסאָ. מען האָט אים געוואָלט אַוועקגנבענען, די יידן, דער שטן אָדער אַן אַנדער טייוול. אָבער זי האָט אים נישט געלאָזן אַוועקגנבענען, אינגאַנצן נאָך איז זי נישט געווען זיכער; נאָך זענען די שונאים ביי דער אַרבעט; אָבער דאָך האָט זי אים דאָ ביי דער זייט, און אויך איר מוטער האָט זי דאָ, מיט וועמענס הילף זי וועט די יידישקע אויף שטענדיק פאַר־טרייבן.

עס האָט געדויערט א שפּאָר ביסל צייט, איידער עס איז איר געלונגען צו בלייבן אַליין מיט איר מוטער. דער אָנקום, די איינאָרדענונג, די הויף־צערעמאָניעס, רעפּרעזענטאַנצן האָבן אַוועקגענומען גאַנצע צוויי טעג. ענדלעך, אויפן דריטן טאָג, בעת א גרויסער פאַרזאַמלונג, האָט די קעניגין עלינאָר געמאָלדן, אַז זי וויל אויף א ווייל פאַרבלייבן מיט איר טאָכטער איינע אַליין, און זי האָט אָן שום צערעמאָניעס אַלעמען אַרויסגעבעטן.

ווען זיי זענען געבליבן אַליין, האָט זי געהייסן איר טאָכטער זיך זעצן אַנטקעגנאיבער, ביי דער העלער ליכט פון דער זון און האָט זי באַטראַכט פון אַלע זייטן. רואיק האָבן אירע שטאַרע בלויע אויגן אַריינגעקוקט אין די גרינע פאָרשערישע אויגן פון איר טאָכטער. ביי דער העלער שיין פון דער זון האָט די מוטער אויסגעקוקט עלטער, די געזיכט־שטריכן שאַרפער ווי פריער, אָבער מער פירשטלעך, ווי עס פּאַסט פאַר א מוטער פון איר אָפּשטאַם. אינזיך האָט זיך לעאָנאָר פאַר איר געבויגן מיט ליבע און מיט יראת־הכבוד און זי האָט באַשלאָסן בלינד זי צו פאָלגן.

אין א רגע אַרום האָט די אַלטע מיט אַנערקענונג געזאָגט צו דער יונגער:

— דו זעסט גוט אויס.

און גלייך האָט זי אָנגעהויבן רעדן וועגן מלוכה־און פאַמיליע־ענינים. זי איז דאָ געקומען נישט בלויז זען זיך מיט איר טאָכטער, נאָר אויך איר צווייט אייניקל חתונה צו מאַכן.

— איבער דעם שידוך, וואָס איך האָב פאַר איר אויסגעזוכט — האָט זי געזאָגט — וועסטו זיך נישט קאָנען באַקלאָגן. דער יורש פונעם קעניג פיליפּ אויגוסט איז אַן אַנשטענדיקער יונג, צום גליק נישט ענלעך צו זיין פאָטער. איך מוז דיר מודה זיין, אַז עס איז נישט געווען שטאַרק יום־טובדיק אָפּצושליסן מיט אים א חתונה־אָפּמאַך. ער האַלט זיך פאַר א גרויסן הערשער, ער טרוימט צו ווערן דער צווייטער קאַרל דער גרויסער, אָבער ער פאַרמאָגט נישט קיין שום גרויסקייט, ער פאַרשטייט זיך בלויז אויף אַדוואָקאַטישע שטיקלעך. דערמיט קאָן מען נישט אויפבויען קיין מלוכה. ער האָט מיר געגנוג דאגות פאַרשאַפט, ער איז כיטרע און גנביש, ווי א ייד. ענדלעך, האָב איך אים געמוזט אַוועקגעבן די גראַפשאַפטן עוורע און וועקסען א פיין ווינקל אין נאָרמאַנדיע, און הוץ דעם דרייסיק טויזנט דוקאַטן. דאָס גייט אַלץ, מיין קינד, פון מיין אייגענער קעשענע. דו דאַרפסט גאָרנישט צאָלן, דו וועסט בלויז דערפון געניסן. דו וועסט זיין די שוויגער פונעם צוקונפטיקן קעניג פון פראַנקרייך, דיין ברודער ריטשאַרד איז באַלעבאָס אין די לענדער, וואָס ליגן צווישן דיין שפּאַניע און פרענקישע לענ־

דער פון דיין טאָכטער. עס וועט קומען א צייט, אויב דו וועסט, ווען, און דיין מאַכט וועט אַרומכאַפּן א גוטן טייל פון דער וועלט.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט זיך צוגעהערט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם צו די פּשוטע ווערטער פון איר מוטער, וועלכע אַרבעט אויס פאַר איר פּלענער, וואָס גרייכן ווייט אין דער צוקונפט. עס איז לעאָנאָרן קלאָר געוואָרן, אַז אויב איר מוטער האָט אָפּגעטראָטן די נאָרמאַנדישע גראַפשאַפט איז עס קודם כל, כדי זיכערן איר אייגענע מלוכה קעגן די אַפּעטיטן פונעם געפערלעכן פיליפּ אויגוסט אויף דער צייט וואָס איר געליבטער זון ריטשאַרד וועט פאַרברענגען אויפן קריגס־פעלד. אָבער וואָסערע סיבות עס זאָלן נישט שטיין הינטער דעם דאָזיקן חתונה־אָפּמאַך, איז איר מוטער גערעכט אין דער הינזיכט, אַז לעאָנאָרן וועט עס ברענגען נוצן: די דאָזיקע חתונה עפנט פאַר איר דעם וועג צו דער מאַכט.

אין די ענינים פון מלוכה־אָנפירונג האָט זי זיך געהאַלטן א סך העכער פון אַלפאָנסאָן, ווייל זי האָט אָנגעשטרענגט אַלע אירע כוחות קאַסטיליע מיט אַראַגאָן צו פאַראייניקן. אָבער אַריבער די פירענעען האָבן אירע טרוימען נישט דערגרייכט. ווי קאַרג און אָרעם זענען געווען אירע שטרעבונגען אין פאַרגלייך מיט דער פּאָליטישער שפּיל פון איר מוטער. זי האָט אַריינגעכאַפּט לענדער פון מערב ביז צו מזרח פון דער וועלט: אירלאַנד, שאָטלאַנד, נאָווואַראַ, סיציליע און דאָס קעניגרייך פון ירושלים. איר שפּילברעט איז די גאַנצע וועלט.

— איך האָב באַטראַכט דיינע טעכטער, מיין טייערע — האָט עלינאָר געזאָגט. — מיר דאַכט זיך, אַז ביידע זענען געראָטענע קינדער. אָבער די עלטערע, שיינט מיר, האָט א העסלעכן נאָמען, אוראָקאַ, נישט אמת? איך האָב נאָך נישט באַשלאָסן, וועלכע פון זיי אויסצוווילן. דו וועסט מיר אין די נאָענטסטע טעג ביידע פאָרשטעלן מיט גרויס צערעמאָניע. מיר מוזן אויך צוציען דעם בישאָף פון באָווע אַלס פאַרטרעטער פון פיליפּ אויגוסט און זיין יורש. אָבער דאָס איז בלויז א ריינע פאָרמאַליטעט.

דער מוטערס ווערטער האָבן לעאָנאָרן געריירט. אָבער שטאַרקער פון אַלץ האָט זי דערוואַרט, וואָס איר מוטער וועט זאָגן וועגן אַלפאָנסאָן און דער יידישקע. ענדלעך האָט זי געזאָגט:

איך האָב געהערט אין מיין טורעם אין סאָליבערי פאַרשידנס וועגן דעם, וואָס דו האָסט געהאַט אויסצושטיין פון דיין אַלפאָנסאָ. גענוי זענען זיי נישט געווען, די ידיעות. ווידערשפּרוכן אויף ווידערשפּרוכן, אָבער איך

האָב געקאָנט מאַכן אַ סך־הכל. דו ווייסט דאָך, אַז אין די דאַזיקע פראַגן האָב איך אויך אַ ביסל דערפאַרונג.

זי האָט גענומען לעאָנאַרס האַנט אין אירע ביידע הענט און צום ערשטן מאָל האָט זי אויסגעדריקט מיט ווערטער, דאָס וואָס זי האָט געפילט:

— דיר קאָן איך עס זאָגן — האָט זי איר טאָכטער פאַרטרויט — אַז איך בין נאָטילער צופרידן. וואָס מיין הענריק ליגט שוין אין דער ערד אונטער זיין שיינער עפּיטאַפיע. — און זי האָט מיט פאַרגעניגן ציטירט:

„קעניג הענריק בין איך געווען פון ענגלאַנד,
„איבער אַ גרויס שטיק וועלט מיין האַנט איך האַלט.
„באַטראַכט עס, דער וואָס לייענט עס,
„ווי קליין, צום סוף, דער גרויסער.
„פאַר מיר די ערד צו קנאַפּ געווען,
„און איצט דריי איילן איז גענוג".

— ער ליגט דאָרט גוט אין זיינע דריי איילן, אָבער נישט געקוקט דער־רויף ווינטש איך אים, אַז די ערד זאָל אים גרינג זיין. עס טוט מיר לייד פאַר אים. איך האָב נישט איינמאָל געוואָלט אים פטרן. און איינמאָל האָט מיר שיער־שיער נישט אָפּגעגליקט אים אומצוברענגען. ער איז געווען געערעכט, וואָס ער האָט מיך פאַרשפּאַרט. אויף זיין אָרט וואָלט איך אויך אַזוי געטאָן. אָבער איך האָב אים שטאַרק געליבט. ער איז געווען דער איינציקער, וועמען איך האָב געליבט אויסער איינעם, ניין, אויסער צוויי. ער איז געווען דער קלוגסטער מענטש אין דער קריסטלעכער וועלט. טיילמאָל האָט ער געהאַט גענוג שכל זיך אָפּצוקערן פון זיינע ליידנשאַפטן. ווייל ווי קאָן מען דען אַנדערש לעבן? —האָט זי געדולדיק אויפגעקלערט. — פון דער צווייטער זייט איז גערעכט מיינע אַ פריינדין, די אַבאַטעסין קאָנסטאַנצע, וועלכע זאָגט, אַז די ערדישע ליבע איז — האָניק־לעקן אויף דערנער.

דאָניאַ לאָנאָר האָט אַ פרעג געטאָן:

— מוטער, וואָס זאָל איך טאָן מיט דער יידישקע?

די אַלטע קעניגין האָט אַ קוק געטאָן אין דער הויך און מיט אַ לייכטן געמיטלעכן שמייכל האָט זי זיך אָנגערופן:

— וואַרט אָפּ, מיין קליינע טאָכטער, ביז די צייט וועט רייף ווערן, זי אָפּצורוימען פון וועג. עס איז מיר אויסגעקומען פיל צו ליידן, ווייל איך האָב נישט געקאָנט וואַרטן. וואַרשיינלעך וועט ער זי פאַרגעסן בעת דעם קריג.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט שטיל און הילפלאָז געשעפטשעט:

— ער האָט פון איר אַ קינד, אַ זון.

די קעניגין האָט מיושבדיק און זאַכלעך דערקלערט:

— דאָס קינד וואָלט איך אויף דיין אָרט גאָרנישט געטאָן. זיי זענען מער צוגעבונדן צו זייערע ממזרים, ווי צו די מוטערס. אַפילו מיין ריטשאַרד, גאָט וווייסט וויפל ווייבער ער האָט געהאַט, אָבער זיינע ממזרים האָט ער ליב. הענריק האָט מסתם זיי אָנגעמאַכט אָן אַ שיעור. צוויי ממזרים קען איך. איינער הייסט וויליאַם, דער צווייטער דזשאָפרי. דער דאָזיקער דזשאָפרי שטרעבט נאָך כבוד און וואַרפט אַן אויג אויפן טראָן. איך מוז אים האַלטן אויפן אויג, כל־זמן ריטשאַרד איז נישטאָ אינדערהיים. אָבער ער איז אַן אָנשטענדיקער און אַ טיכטיקער מענטש. איך האָב אים געמאַכט פאַרן בי־שאָף פון יאָרק.

— איך האָב שטאַרק געליטן — האָט לעאָנאָר געזאָגט — איך האָף, אַז דו ביסט גערעכט, אַז דער קריג וועט זי פולשטענדיק אַרויסוואַרפן פון זיין בלוט. אָבער ווער קאָן עס וויסן? ער האָט מיר ביי זיין נשמה געשווירן, אַז ער וועט זי פאַרלאָזן, אָבער קוים האָט ער געהאַט בורגאָס הינטער זיך, איז ער ווידער צו איר אַוועקגעלאָפן.

— קיין שונא האָט מיר אַזוי נישט פאַרביטערט דאָס לעבן, ווי דיין פאָטער הענריק — האָט עלינאָר געזאָגט — אָבער ער האָט מיך ליב געהאַט און איך אים. און דיין פאָטער האָט זיינע זין געליבט, און זיי האָבן אים פיינט געהאַט, ווייל ער איז געווען גרעסער פון זיי, און ער האָט זיי גע־באַלעוועט און זיי האָבן אים מער קרענקונג פאַרשאַפט, ווי ער מיר, און זיכער מער, ווי אַלפאָנסאָ פאַרשאַפט דיר. און ער האָט זיי ווידער און ווידער געבאַלעוועט, און זיי האָבן פון אים אָפּגעלאַכט און אים זיך קעגנגעשטעלט. בעת איך האָב נאָך מיט אים געלעבט, האָט ער אין מאַנטשעסטער דריי־ווענט פון אונדזער שלאָפצימער געלאָזט באַצירן מיט פרעסקן און די פער־טע איז געבליבן ליידיק. ווען איך בין איצט געווען אין מאַנטשעסטער איז אויך די פערטע וואַנט באַצירט. דאָרט זעט מען אַ גרויסן אָדלער מיט פיר יונגע אָדלערלעך. צוויי רייסן מיט זייערע שנאָבלען די ווונדן אויף זיינע פליגלען, דער דריטער רייסט אים די ברוסט מיט זיינע נעגל, דער פערטער זיצט אים אויפן האַלדז און שטעכט זיינע אויגן.

זי האָט זיך צעהוסט. פאַר לעאָנאָר האָט זי זיך נישט באַמיט צו דער־שטיקן דעם הוסט, וואָס האָט זי די לעצטע יאָרן געמאַטערט. זי האָט צו־געמאַכט די אויגן און מיטאַמאָל איז זי געוואָרן אַן אַלטע פרוי. מיט גע־

שלאָסענע אויגן מיט אַ גלייכמעסיקער שטים, ווי בעת מען טוט תפילה, האָט זי אויפגעקלערט:

מיט לואין האָב איך געהאַט בלויז טעכטער, וואָס איך האָב באַטראַכט ווי אַן אומגליק. מיט העגריקן האָב איך געהאַט זין, נאָר צי דאָס איז געווען אַ גליק, ווייס איך נישט. זין פאַרשאַפן דאגות, צי זענען זיי געראָטן צי נישט. קיין מוטער פאַרלאַנגט נישט זיי זאָלן האָבן ווייכע הערצער; איך האָב לכל הפחות נישט געוואָלט, אַז מיין זון זאָל ווערן אַ הייליקער. אָבער ווען זיי זענען העלדן שלאָגן זיי זיך, און אַנדערע באַמיען זיך זיי צו שלאָגן, און אַז מען שלאָגט זיך ווערט מען געהרגעט. מיינע ערשטע צוויי זענען אומגעקומען, און מיין דריטער אבן־טוב, דיין ברודער ריטשאַרד פאַרשאַפט מיר האַרץ־ווייטיק. ער איז אַ טייערער זון, אָבער ער באַלעבאַטעוועט שלעכט און צוליב די דאגות, וואָס ער פאַרשאַפט מיר שלאָף איך נישט גאַנצע נעכט.

זי האָט זיך אויפגעריסן פון אָרט.

קום אַהער נעענטער — האָט זי געזאָגט; נאָך נעענטער! — און רואיק, מיט אַ ווילדער פאַרטרוילעכקייט האָט זי איר באַפוילן:

— אויף קיין שום פאַל זאָלסטו גאָרנישט טאָן, ביז וואַנען אַלפאָנסאָ וועט נישט אַריינגעצויגן ווערן אין קריג. אַז ער וועט זיין אין פעלד, טו צוערשט דאָס נייטיקסטע. גיי קיין טאָלעדאָ און נעם איבער די אָנפירונג. די מוסולמענער זענען האַרטנעקיקע שונאים. דיין אַלפאָנסאָ געווינט נאָך נישט דעם קריג, יעדעס אומגליק האָט זיין גליק, יעדע מפלה האָט אירע מעגלעכקייטן. דעמלט באַשולדיקט דער גענעראַל דעם מיניסטער, דער בישאָף דעם גענעראַל, דער קריסט דעם ייד, יעדער איינער איז צום צווייטן אַ פאַררעטער. פאַר אַ סך וועט זיין עסקריוואַנע זיין דער שולדיקער און הער פאַררעטער. דו וועסט אים נאַטירלעך פאַרטיידיקן. דו וועסט דיך באַוואָרענען פאַר אַלפאָנסאָ און פאַר דער וועלט. דו וועסט דיך באַמיען איינצוהאַלטן דעם צאָרן פונעם פאָלק. אָבער צי איז עס מעגלעך? אין אַזעלכע טעג איז שווער צו באַהערשן די לאַגע, די אכזריות באַזיגט דאָס געזעץ, אַ סך ווערן אומגעבראַכט סיי די פאַרדעכטיקטע, סיי די וואָס שטייען נאָענט צו די פאַרדעכטיקטע.

דאָניא לעאָנאָר האָט געשלונגען די דאָזיקע קלוגע האַרבע ווערטער.

— וואַרטן — האָט זי געזאָגט — וואַרטן — און עס איז איר נישט געווען קלאָר, צי איז זי דערמיט נישט צופרידן, אָדער זי גיט זיך מיטן דאָזיקן וואָרט אַליין אַרויס אַ באַפעל.

— יאָ, וואַרטן! — האָט שאַרף באַפוילן די מוטער. — און גיי קיין טאָ־לעדאָ. דאָס איז אַ גוטע שטאָט, וועלכע ווייסט, ווו מען באַגייט זיך מיט שונאים. די אַמאָליקע הערשער פון טאָלעדאָ האָבן געוווסט ווי אָפּצוּוואַרטן אויף דער געהעריקער נאַכט, כדי צו לאָזן פליִען קעפּ. una noche Toledana *) זאָגט מען אויך ביי אונדז. דער עיקר וואַרט און באַוואָרן זיך גוט.

אָנגעשטרענגט פון די שאַרפע רייד, האָט זי זיך פאַנאַנדערגעהוסט. זי האָט מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן געענדערט דעם טאָן, די קאַלטע ליידנשאַפט פון דער ווילדער זקנה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַריסטאָקראַטישער קורטואַזיע, און אויב זי האָט ביז איצט גערעדט פּראָוואַנסאַליש, איז זי איצט אַריבער אויף לאַטיין.

— אפשר — האָט די אַלטע דורך־אַגב באַמערקט — וועסטו אַלפאָנסאָס ליבע־אַוואַנטורע באַטראַכטן פון גאָר אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. דאָ איז אויך פאַראַן אַ גוטע זייט. דיין Alfonsus rex Castiliae **) איז אַ גרויסער ריטער, אַן אמתער Miles christianus ***) אָבער אין ענין פון ליבע דוכט מיר — האָב נישט קיין פאַראיבל — איז ער געווען אַ ביסל אָפּגעשטאַנען, פאַרשלאָפן. אַלזאָ, איז עס אויך פאַר דיר אַ גליק, וואָס אַדאַנק דער יידישקע האָט ער זיך אויפגעוועקט פון זיין שלאָף. איך האָב צו מיין גרויסער פרייד באַמערקט, אַז דו קאָנסט נאָך געבן פונקען, און איך גלויב, אַז דאָס וואָס דו האָסט איבערגעלעבט וועט אַזוי שנעל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַש.

אַלפאָנסאָ האָט זיך גוט געפילט אין דער הויפּטשטאָט פון זיינע אבות, אין דעם אַלטן שטרענגן, אָפּגעזונדערטן שלאָס. ער האָט זיך געפילט גוט מיט דאָניאַ לעאָנאָר און ער האָט שוין אַפילו פאַרגעסן, וואָס צווישן זיי איז פאָרגעקומען. ער איז געוואָרן דער פריערדיקער אַלפאָנסאָ: איידל, מוטיק און אין אויסזען יונג.

די גאַליאַנאַ איז געלעגן הינטער אים אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין נעפּל. ער האָט איצט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי ער האָט אַזוי לאַנג געקאָנט אויסהאַלטן אין די גרענעצן פון פוילן שלום. ער האָט געטראַכט וועגן דעם געבענטשטן קריג, מיט וועלכן ער וועט איצט אָנפירן. פונקט ווי

*) איין שפּאַנישע נאַכט (שפּאַניש).
**) אַלפאָנסאָ דער קעניג פון קאַסטיליע (לאַטיין).
***) קריסטלעכע זעלנער (לאַטיין).

ער האָט נאָך אַ יאַגד אין אַ הייסן טאָג פאַרלאַנגט אַ באָד, אַזוי האָט ער איצט געלעכצט נאָך מלחמה. ער איז געבוירן פאַר מלחמה, און מלחמה איז געווען זיין געשעפט. דער רום פון זיין שוואָגער ריטשאַרד, דער מעלעק ריק, האָט אים צוגעגעבן היץ. פון די קליינע פעלד־צוגן, וואָס אַלפאָנסאָ האָט געפירט, איז אַנטשטאַנען זיין רום. איצט אין דער גרויסער מלחמה וועט פון דעם דאָזיקן יונגן, צאַרטן רום־שפּראָצל אויסוואַקסן אַ שטאַרקער בוים.

אין קעגנוואַרט פונעם אַרציבישאָף האָט ער ענטוזיאַסטיש אָנגעוואָרפן זיינע מלחמה־פּלענער. זיי זענען ווידער געוואָרן פריינד, דאָן מאַרטין און ער. צי האָבן זיי זיך הען אַמאָל בכלל געקריגט? ער האָט צונויפגערופן זיינע קריגס־באַהאַוונטע באַראָנען וויוואַר און נאָמאַן. זיין באַגייסטערונג האָט זיי געמאַכט דערפינדעריש. און כסדר זענען געפלויגן אַהין און צוריק שליחות־בריוו צווישן אים און נוניאָ פּערעז, דעם גרויסמייסטער פון קאַלאַטראַוואַ, זיין אויסגעצייכנטן גענעראַל.

שלעכט איז בלויז געווען דאָס, וואָס ער האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געקאָנט זיך ווידמען די קריג־הכנות, נאָר האָט געמוזט לאַנגע שעהן אויסהערן פאַרשידענע פלוידערייען וועגן ווירטשאַפט, וואַרשטאַטן, בירגער, פּויערים, שטייערן, אַרענדעס, שטאָט־רעכט, הלוואות. ווייל, ליידער, זענען ביידע איבן עזראס גערעכט געווען: דער האַנדל צווישן קאַסטיליע און אַראַגאָן איז באמת געווען שטאַרק פאַרפּלאָנטערט. וועגן דעם נדן פאַר דער אינפאַנטין בערענגאַריאַ איז מען זייער שנעל געקומען צו אַ הסכם, אַזוי, אַז די חתונה האָט שוין געקאָנט פאָרקומען. אָבער די אָפּמאַכן, וואָס האָבן געמוזט אָפּגעשלאָסן ווערן פאַר דער פאַראייניקונג, האָבן אַריינגעבראַכט כסדר אַלץ נייע און נייע שוועריקייטן.

אַלפאָנסאָ איז געווען שטאַרק צופרידן פונעם באַזוך פון דער דאַמע עלינאָר. ער האָט געהאָפט, אַז זי, די באַהאַוונטע קלוגע, טיכטיקע פירשטין וועט אַלע שוועריקייטן באַזייטיקן אין אַ קורצער צייט.

דאָך האָט איר קעגנוואַרט אים פאַרשאַפט אַ ביסל עגמת־נפש. ער איז נישט געווען צופרידן פון דער סוויטע, פון דער גאַנצער קאָמאַנדע אויסגעצאַצקעטע הויף־לייט, וואָס זי האָט מיטגעפירט. מילא, די דאַמען, זיי קאָן מען פאַר נויט מוחל זיין, וואָס זיי גייען אויסגעפּוצט, אָבער עס זענען אים געווען אומפאַרשטענדלעך און אַפילו עקלדיק די ריטער, וועלכע האָבן אויפן וועג צום קרייץ־צוג די גאַנצע צייט פאַרבראַכט אין בייטן זייערע מאָדישע טו־

אַלעטן, און זייערע פּנימער זענען געווען גלאַט גערײזירט, ווי ביי קאָמע־דיאַנטן און טענצער.

נישט געקוקט אויף זיינע אַלע פּאַרדרוסן, האָט ער דער דאַמע עלינאָר אַלץ מוחל געווען, צוליב איר חכמה, מיט וועלכער זי האָט פון וועג באַ־זייטיקט אַלע מניעות, וועלכע האָבן געשטערט דער אַליאַנץ. זעלבשטענדיק האָט זי באַטראַכט און באַשלאָסן דאָס גאַנצע, ווי אויך אַלע פּרטים. זי איז גערעכט, ווען זי פאַרלאַנגט נאָך היינט צו שטעלן זיך אין שפּיץ פון דער משפּחה.

אַלפאָנסאָ איז געוואָרן איבערראַשט, ווען זי האָט אים אין אַ געוויסן טאָג אָן שום צערעמאָניע אַ פרעג געטאָן:

— נו, דערצייל מיר, מיין זון, וואָסער מין פרוי איז אייגנטלעך דיין יידישקע, די שיינע?

אַוודאי האָט דער קעניג פון קאַסטיליע רעכט נישט צו ענטפערן אויף אַזאַ מין נייגעריקייט, מעג עס אַפילו זיין די דאַמע עלינאָר. פון דער צווייטער זייט האָט זי רעכט צו שטעלן אַזאַ פראַגע. אָבער אַזוי ווי די גאַליאַנאַ איז שוין ביי אים אין פאַרגאַנגענהייט, קאָן ער איר אויפריכטיק, רואיק און זאַכלעך דערציילן וועגן ראַקעלן.

אָבער ווען ער האָט זיך שוין אויף דעם באַשלאָסן, האָט ער זיך אַרומ־געזען מיט שטוינונג, אַז ער ווייסט גאָרנישט פון רחלס וועזן און פון איר אַרט לעבן. דאָס וואָס ער האָט געוווסט איז געווען אומגעננוי, בלאַס, אָרעם און עס האָט נישט געגעבן קיין בילד. ער, וואָס איז געווען אַזוי שטאָלץ מיט זיין גוטן זכרון, האָט זיך געקאָנט בלויז דערמאָנען אַ קלייניקייט.

זי איז באמת געווען זייער שיין — האָט ער ענדלעך געזאָגט. — עס איז גאָרנישט קיין חניפה, ווען אַלע האָבן זי גערופן „די שיינע". זי איז צויבערנדיק און האָט מיך אַ לאַנגע צייט פאַרכישופט. — האָט ער אָפּן צו־געגעבן. — אָבער ס'איז אַ סוף — האָט ער צוגעגעבן. — זי איז מער נישטאָ. זי איז אַרויס פון מיין בלוט — האָט ער פאַרענדיקט פעסט און ענדגילטיק.

— איך האָב געהאָפט, אַז דו וועסט קאָנען זי דייטלעכער מיר שיל־דערן — האָט זי פריינדלעך געענטפערט. — ליבע־געשיכטעס האָבן מיך שטענדיק אינטערעסירט. איך זע, אַז דו טויגסט זיך נישט פאַר קיין טרו־באַדור און נישט פאַר קיין דערציילער. אפשר אויף איין זאַך קאָנסטו מיר געבן אַ קלאָרן ענטפער: צי ביסטו צופרידן מיט דיין זון? איז ער אַ פיינער, דער קליינער ממזר?

— יאָ, איך מוז איר און דעם הימל זיין דאַנקבאַר — האָט ער מיט גאווה זיך אָנגערופן. — אַ געראָטענעם זון האָט זי מיר געבוירן. שיין, פעסט און גרויס, הגם זי אַליין איז צאַרט און קליין. און קלוג שיינט מיין זון צו זיין. אומגעוויינלעך לעבעדיק און קלוג זענען זיינע אויגן שוין פון ערשטן טאָג אָן.

ס'איז קיין וווּנדער — האָט זיך עלינאָר אָנגערופן — ווייל זיין מוטער איז א יידישקע. ווי הייסט ער דאָרט דיין ממזר?

— סאַנטשאָ — האָט אַלפאָנסאָ אָפּגעענטפערט. — און איך וויל אים אַוועקשענקען די גראַפשאַפט אָלמעדאָ. — דערביי איז אים ארויס פון זינען, אַז זיין זון איז נאָך נישט געטויפט. — צי האַלטסטו, דאַמע און מוטער, אַז איך האָב ריכטיק געהאַנדלט, אַוועקגעבנדיק אים די דאָזיקע גראַפשאַפט?

— צי האָט זי אַ סך גיטער, די דאָזיקע גראַפשאַפט — האָט זיך עלינאָר פאַראינטערעסירט — אָדער בלויז א שיינעם שלאָס און אַ פּאָר הונדערט פויערים?

— לויט, ווי איך בין אינפאָרמירט, איז עס זייער א רייכע גראַפשאַפט — האָט אַלפאָנסאָ געענטפערט.

ביי דער איצטיקער צייט — האָט זי אויפגעקלערט — פילט זיך אַ מאַן שטאַרקער, ווען ער האָט רייכע גיטער, איידער אַ באַטורעמטן שלאָס. איך האָב א סך פון מיינע שלעסער פאַרביטן אויף לאַנד־גיטער. און ווען דיין ממזר וועט אויסוואַקסן וועלן שלעסער נאָך ווייניקער ווערט זיין און לאַנד־גיטער וועלן נאָך טייערער ווערן.

— דו האָסט אַלזאָ גאָרנישט דאַקעגן, דאַמע און קעניגין, וואָס איך מאַך מיין זון פאַרן גראַף פון אָלמעדאָ?

— אויב דיין סאַנטשאָ איז אַ ווילער ממזר — האָט די קעניגין עלינאָר געענטפערט מיושבדיק און אַנטשיידן — דאַן האָט ער ז'ך פאַרדינט, אַז דו זאָלסט זיך גוט צו אים באַציען.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט מען דער אַלטער קעניגין אויף אַ פייערלעכער אוידיענץ פאָרגעשטעלט ביידע פרינצעסינס, איינע פון וועלכע האָט געדאַרפט ווערן די צוקונפטיקע קעניגין פון פראַנקרייך.

די פאַרזאַמלונג איז געווען גרויס און פרעכטיק. עס זענען געווען אָנוועזנד די גראַנדן און פרעלאַטן פון קאַסטיליע און אַראַגאָן. חוץ דעם אויך

די באַראָנען פון דער קעניגין עלינאָר און דער ספּעציעלער באָטשאַפטער פון פיליפּ אויגוסט פון פראַנקרייך, דער בישאָף פון באָווע.

וואָכנלאַנג האָבן געשיקטע הענט זיך געפּאָרעט אַרום די קליידער פון די אינפאַנטינס, געשפּונען, געניייט און געוועבט. פיין אויסגעפּוצט זענען זיי אַרויסגעטראָטן פאַר דער אידעלער אויסדערווײלטער פאַרזאַמלונג — ליבלעכע מיידלעך מיט פיינע ווייסע און ראָזע פליישיקע קינדערישע פּנימלעך, געראָטן און אויסערגעוויינלעך דערצויגן. זיי האָבן געמוזט פאַר די געסט אַרויסווייזן זייערע ווייבלעכע באַשיידענע מאַניערן, וואָס די קורטואַזיע האָט געפאָדערט און אויף וואָס זיי האָבן זיך גענוג אָנגעמאַטערט, איידער זיי האָבן זיך דאָס אויסגעלערנט. זיי האָבן זיך געפילט אין אַ געוויסער פאַרלעגנהייט, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי געהאַט דעם באַוווסטזיין פון זייער וויכטיקייט. נישט בלויז זייער אייגענער גורל, נאָר אויך דער גורל פון אַ סך קריסטלעכע לייט אין פאַרשידענע לענדער איז געווען אָפּהענגיק פון דער דאָזיקער צערעמאָניע.

בערענגאַריאַ, די אינפאַנטין פון קאַסטיליע, קעניגין פון אַראַגאָן, איז געזעסן אויף אַן אויסדערווײלט אָרט אויף דער עסטראַדע און באַטראַכט פון אויבן אַראָפּ אירע שוועסטער. איינע וועט געוויס ווערן קעניגין פון פראַנקרייך. טאָ וואָס איז דער מער? זי אַליין, בערענגאַריאַ, וועט אַמאָל פאַראייניקן קאַסטיליע מיט איר אַראַגאָן, עס וועט איר אפשר געלונגען ליאָן און נאָוואַראַ איינצוגלידערן און מעגלעך, אַז אויב זי וועט דאָן פּעדראָן צוגעבן היץ, וועט ער איר אַ טייל פונעם מוסולמענישן אַנדאַלוז דעראָבערן. אָבער דאָס געביט פון פראַנצויזישן קעניג איז אַרומגעצוימט. אַרום זיינע גרענעצן שטייט דער רייכער פּעטער ריטשאַרד, וועלכער הערשט נישט בלויז איבער זיין ענגלאַנד, נאָר אויך איבער אַ פיל גרעסערן טייל פון פראַנקרייך, ווי דער דאָזיקער אָרעמער קעניג פון פראַנקרייך אַליין. ניין, איר שוועסטער פון פראַנקרייך וועט זייט ביי זייט מיט איר נישט קאָנען מאַכן פון זיך אַ וועזן.

דאָן אַלפאָנסאָ האָט זיך געפרייט מיט זיינע טעכטער. ער איז געווען דאַנקבאַר דער קעניגין עלינאָר, וואָס זי האָט אויף איר וועג קיין קאַסטיליע אים מתחתן געווען מיט פראַנקרייך. עס איז זייער גוט, וואָס אין דער צייט פונעם דאָזיקן גרויסן קריג וועט די פאַרבינדונג פון די קריסטלעכע פירשטן פאַרשטאַרקט ווערן. ער זעט דאָס נישט שיינע, אָבער אויסדריקלעך־קלוגע געזיכט פון זיין עלטערער טאָכטער בערענגאַריאַ. נישט מיט גרויס צופרידנקייט, נאָר להיפּוך, מיט לייכטן צאָרן באַטראַכט ער איר אומגעצוימטע

גאווה. זי האָט זיך איצט פאַר אים פאַרשלאָסן נאָך שטרענגער ווי פריער. זי האָט אים חושד געווען אין „אָפּגעלאָזנקייט”. זי האָט זיך שוין קענטיק גע־פילט אַלס קעניגין פון אַראַגאָן און אויף איר פאָטער האָט זי געקוקט ווי אויף אַ מאַן, וואָס פירט אָן שלעכט מיט איר צוקונפטיקער ירושה.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט געטראָגן אַ רויט קלייד פון שווערן דאַמאַסט־שטאָף מיט אַ זילבער־זוים, אויסגעשטיקט מיט לייבן. זי האָט געוווּסט, אַז אין דאָזיקן קלייד זעט זי נישט גוט אויס, אָבער היינט האָט זי געוואָלט איבערשטראַלן אירע טעכטער. זי איז געווען שטאָלץ מיט אירע טעכטער, פון וועלכע צוויי וועלן פאַרנעמען הויכע טראָנען פון אייראָפּע. די וועלט וואָלט געווען קליין אָן די לענדער איבער וועלכע זי, איר מוטער, איר ברודער און אירע טעכטער געוועלטיקן.

מיט שטאַרע העלע אויגן, וועלכע האָבן זיך אויף קיין רגע נישט צו־געמאַכט, האָט די אַלטע עלינאָר באַטראַכט אירע ביידע אייניקלעך. אין זיך, האָט זי שוין שטיל אויסגעאַרבעט אַ נייעם פּראָיעקט. דאָס אייניקל, וואָס זי וועט נישט באַשטימען פאַר פראַנקרייך, וועט זי אָוועקזעצן אויפן פּאָרטוגעזישן טראָן. אַדאַנק אירע גוטע האַפנס איז פּאָרטוגאַל וויכטיק פאַר ענגלאַנד. זי האָט זיך אַליין מישב געווען, וועלכע איז בעסער צוגעפּאַסט פאַר פּאַריז און וועלכע פאַר ליסאַבאָן. זי האָט ביידע מיידלעך באַטראַכט זייער גרינטלעך. זי האָט זיי געשטעלט אָפנהאַרציקע פראַגן, האָט זיי גע־הייסן נעענטער צוגיין, כדי צו באַטראַכטן זייער גאַנג, האָט זיי געהייסן אַ ביסל זינגען, האָט מיט זיי גערעדט לאַטיין און פּראָוואַנסאַליש.

— פיינע מיידלעך — האָט זי ענדלעך געזאָגט צו דאָניאַ לעאָנאָר, און געזאָגט האָט זי עס אַזוי הויך, אַז אַלע זאָלן הערן, — סימפּאַטישע פּרינ־צעסינס. זיי האָבן אין זיך עטוואָס פון אַלפאָנסאָס קאַסטילישע אבות, מער פון מיינע אבות פון פּואַטו און זייער קנאַפּ פון די פּלאַנטאַגענעטעס. — זי האָט זיך נאָכאַמאָל געווענדעט און האָט געפרעגט די עלטערע:

— ווי רופט מען דיך, פּרינצעסין?

— אוראַקאַ, באָבע און קעניגין — האָט זי געענטפערט.

— און איך בין דאָניאַ בלאַנקאַ, פרוי קעניגין — האָט די צווייטע געענטפערט.

שפּעטער זענען עלינאָר, אַלפאָנסאָ און לעאָנאָר געבליבן אַליין מיטן בי־שאָף פון באָווע, דעם ספּעציעלן באַטשאַפטער פונעם פראַנצויזישן קעניג.

—וועלכע איז דיר בעסער געפעלן, הויכגעשעצטער? — האָט עלינאָר גע־פרעגט דעם בישאָף.

— יעדע פון זיי פאַרדינט צו זיין אַ קעניגין — האָט ער העפלעך און פאַרזיכטיק אָפּגעענטפערט.

— אויך איך בין ביי דער זעלבער מיינונג — האָט עלינאָר געזאָגט. — אָבער דאָ דאַרף איין זאַך גענומען ווערן אין באַטראַכט. אין פראַנקרייך וועט זיין זייער שווער אויסצורעדן דעם נאָמען אוראַקאַ, און דערמיט וועט אָפּגעשוואַכט ווערן די פּאָפּולאַריטעט פון דער אינפאַנטין. איך האַלט, אַז מיר וועלן דיין פרינץ לואי געבן אונדזער דאָניאַ בלאַנקאַ.

און אַזוי איז באַשלאָסן געוואָרן.

נאָך איין, טאָג אויס האָט דער הויף פון בורגאָס איינגעאָרדנט פייערונגען לכבוד דער דאַמע עלינאָר און דעם פרישן פּאָרפּאָלק.

די אַלטע קעניגין האָט זיך אָנגעטאָן בעסער און איז געווען באַוועגלעכער פון די אַלע פריער, וועלכע האָבן זייערע לעצטע יאָרן נישט פאַרבראַכט אין געפאַנגענשאַפט, נאָר זענען געווען אין אַ סביבה, וווּ מען האָט גרינטלעך שטודירט און דיסקוטירט איבער די פראַגן פון שטאָף, קליידער, צירונג און שמינקע. זי האָט געטאַנצט לייכט און עלאַסטיש, ווי אַ יונגע. זי האָט זיך גוט פאַרשטאַנען אויף שפייזן און וויינען. זי האָט זיך פעסט געהאַלטן אויפן פערד און אויף יאַגד האָט זי עס צומבעסטן אַרויסגעוויזן. אפילו ווען זי איז געווען אַנוועזנדיק אויף דער טריבונע ביי קאַמפשפּילן, האָט זי אַרויסגעוויזן זאַך־פאַרשטענדעניש. און ווען די דאַמען האָבן געפירט אַ דיסקוסיע וועגן די דיכטונגען ביי די טרובאַדורן און דערציילער, איז איר קריטיק געווען די סאַמע וואָגיקע.

וויפל כוחות זי האָט נישט פאַרווענדעט אויף יאַגד, טענץ, פייערונגען, לידער, דאָך איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן איר אויפמערקזאַמקייט און ענערגיע ביים אָפּשליסן דעם בונד מיט אַראַגאָן. מיט אומגעבויגענעם ווילן האָט זי זיך באַוועגט צום ציל. ענדלעך האָבן דאָן אַלפאָנסאָ און דאָן פעדראָ דורך זייערע אונטערשריפטן זיך פייערלעך געמוזט מתחייב זיין, אַז זיי זענען מסכים אויפן ארביטראַזש פון עלינאָר דע גיען. אַזאַ מין דערקלערונג האָט זי אויך אַרויסבאַקומען פון דאָניאַ לעאָנאָרן און צוליב מער זיכערקייט אויך פון בערענגאַריאַן. נאָכדעם האָט זי צו זיך פאַרבעטן די אָנגעזעענסטע ראַטגעבער פון ביידע מלכים, צוערשט צוזאַמען, נאָכדעם באַזונדער, האָט זיי געשטעלט קורצע, כיטרע פראַגן, האָט קאָנפראָנטירט

די מיניסטאָרן, וועלכע האָבן סותר געווען איינער דעם צווייטן און זיך באמיט צו געפינען אַ לעזונג.

זי האָט צונויפגערופן אַ קרוינראט פון אַלע מיניסטאָרן פון אַראַגאָן און קאַסטיליע. עס האָבן בלויז געפעלט דאָן יהודה און דאָן ראָדריגע, וועלכע זענען פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער מלוכה־פאַרוואַלטונג אין טאָ־לעדאָ.

— און איצט טראָג איך אַרויס מיין אַרביטראַזש־אורטייל — האָט עלינאָר דערקלערט. זי האָט גענומען דעם אַלטן, וויכטיקן דאָקומענט וועגן דער אויבערמאַכט פון קאַסטיליע איבער אַראַגאָן, האָט צונויפגעוויקלט דעם אָפּגעבלאָקירט־געלבלעכן פּאַרמעט, וווּ עס זענען אַראָפּגעהאָנגען צוויי חתימות, וואָס אַלע האָבן דערקענט.

— צוערשט — האָט זי געמאָלדן — איז דאָס פון איצט אָן אומגילטיק Non valet deleatur*) און מיט אירע פעסטע הענט האָט זי דעם פּאַרמעט צעריסן אויף צווייען — Deletum est **) . — האָט זי פעסטגעשטעלט.

ווען יהודה האָט מיט אַ צייט צוריק פאָרגעשלאָגן דעם קעניג הענריק פאַר אַן אַרביטער, וואָלט אַזאַ מין אורטייל ביי אַלפאָנסאָן אַרויסגערופן גרויס פאַרביטערונג. דאַקעגן אויף עלינאָר האָט ער געקוקט ווי אויף אַ ריכטערין, צוגעשיקט פון גאָט אַליין. און דאָ קוקט ער זיך צו, ווי דער טייערער פּאַרמעט, וואָס האָט אים געגעבן מאַכט איבערן תכשיט איז פאַר־ניכטעט געוואָרן. ווען די דאָזיקע אַלטע פרוי האָט געריסן דעם דאָזיקן באַרימטן פּאַטאַלן דאָקומענט, איבער וועלכן ריטער און פערד זענען אומ־געקומען, האָט ער געשפּירט, אַז זי רייסט שטיקער פון זיין לייב.

עלינאָר האָט איצט באַטראַכט יענע ביינצן ווירטשאַפטלעכע שטרייט־פראַגן, וועלכע יהודה האָט דעמלט רעפערירט. זי האָט באַדאַרפט אַרויס־טראָגן אַ פסק, וועלכעס פון די ביידע לענדער דאַרפן האָבן דעם פאָרציג אויפן האַלב־אינדזל. ביז צו אַ גראָשן האָט זי אָפּגעגרענעצט די רעכט און התחיבותן פון קאַסטיליע און אַראַגאָן. קאַסטיליע און אַראַגאָן האָבן אויס־געהערט און זענען געבליבן צופרידן, און נישט צופרידן.

צולעצט האָט זי אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל וועגן די טענות פון גור־טיערע דע קאַסטראָ. דאָן אַלפאָנסאָ דאַרף אים באַצאָלן שטראָף־געלט — זי האָט באַנוצט דאָס האַרבע וואָרט — אין דער גרויס פון צוויי טויזנט

---

*) עס איז אומגילטיק (לאַטיין).

**) עס איז פאַרניכטעט (לאַטיין).

גאָלד־מאַראַוועדי; דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך הויכע סומע. די צוהערער האָבן קוים פאַרבאַהאַלטן זייער שטוינונג.

— אין דעם פאַל — האָט זי דורך־אַגב צוגעגעבן — בלייבט דער שלאָס אין טאָלעדאָ, אויף וועלכן דע־קאַסטראָ רוקט אַרויס זיינע רעכט, דאָס אייגנטום פון דאָן אַלפאָנסאָ, אָדער צום מאַן, וועלכער האָט אים פון אים דערוואָרבן, דאָס הייסט, אַז ער בלייבט קאַסטיליאָ איבן עזרא.

דאָניאַ לעאָנאָר איז בלאָס געוואָרן פון עגמת־נפש. אַלפאָנסאָ, נישט וואַרטנדיק אויף אַזאַ אורטייל, האָט לייכט אָפּגעטעמט. עס וואָלט פאַר אים איצט געווען זייער נישט אָנגענעם אָפּצונעמען ביים ייד זיין קאַסטיליאָ.

— איך האַלט, אַז מיר האָבן פאַרענדיקט — האָט געזאָגט עלינאָר. — אַלע פּרטים גייען אַריין אין אַ דאָקומענט, וועלכן איך בעט, אַז די קאָמפּעטענטע הערן זאָלן דערלאַנגען זייערע קעניגן צום אונטערשריפט. דער אַרביטראַזש־דאָקומענט איז פאַרזען מיט מיין אונטערשריפט און נאָך היינט גייט ער אַריין אין קראַפט.

היות זי האָט באַמערקט לעאָנאָרס צאָרנדיקע איבעראַשונג, האָט זי איר שפּעטער אויפגעקלערט:

— דו ביסט גאָרנישט קלוג געוואָרן, מיין קליינע טאָכטער. דיין אייפערזוכט פאַרפלייצט כסדר דיין שכל. דו מוזט פאַרשטיין, אַז עס וואָלט געווען די גרעסטע נאַרישקייט, ווען איך מיט דיר זאָלן איצט אַרויסטרעטן אין אָפענעם קאַמף קעגן דעם ייד. צי גייט דיר דערין, אַז דע־קאַסטראָ זאָל זיך נישט באַרואיקן אין באַצוג צום חוצפהדיקן ייד און אין זיין האַרצן זאָלן פלאַקערן זיינע נקמה־געפילן.

זי האָט געוואַרט, ביז לעאָנאָר וועט אַריינדרינגען אין אירע רייד.

— מאַך זיך פאַר אַ כלל, טאָכטער פון קאַסטיליע, אַז נישט שטענדיק דאַרף מען נאָכגעבן אַלע פאָדערונגען, וואָס איינער פאַרלאַנגט. דאָס האָט מיך אויסגעלערנט הענריקס מאַמע, די הויך־געבענטשטע קייזערין מאַטילדע. זי האָט מיר אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ אַריין:

— ווער עס וויל, אַז דער פאַלק *) זאָל אים גוט דינען, דער דאַרף אים דאָס עסן נישט געבן. דאָס פרעסן דאַרף זיך באַמבלען פאַר זיינע אויגן. זאָל דער קאַסטיליאָ איבן עזרא זיך באָמבלען פאַר דע־קאַסטראָס אויגן, דאָניאַ לעאָנאָר.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צו איר געזאָגט:

---

*) פאַלק — אַ דרעסירטער פויגל פון שפּאַרבער־מין, וואָס מען נעמט אויף יאַגד.

— זיי נישט בייז, אויב איך באַצי זיך צו דיר צייטנווייז האַרט און זידל דיך. איך ווייס גענוי, וואָס דו האָסט אויפגעטאָן און סאַראַ שוועריקייטן דו האָסט געמוזט פון וועג באַזייטיקן ביז דו האָסט דערפירט צו דער חתונה און צום בונד מיט אַראַגאָן. דו האָסט טאַלאַנט צו פּאָליטיק. מעגלעך, אַז איך זע דיך איצט צום לעצטן מאָל און איך וואָלט זייער געוואָלט דיין חשק צו פּאָליטיק שטאַרקער צעפלאַקערן. דאָס שטרעבן צו מאַכט איז די סאַמע דויערנדיקע ליידנשאַפט.

זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און אָנגעהויבן רעדן מיט כוונה:

— עס איז אַן אויסערגעוויינלעכער פאַרגעניגן צו יאָגן מענטשן אַהין און אַהער, צו בויען שטעט, צונויפשמידן לענדער און זיי ווידער פאַנאַנדערצורייסן. מען האָט פרייד ביים בויען און מען האָט פרייד ביים צעשטערן. אַ רעכטער זיג איז פרייד, אָבער אויך מיינע מפּלות זענען מיר צוניץ געקומען. זאָל עס בלייבן צווישן אונדז: אפילו דעם שרעקלעכן חרם האָב איך פאַרוואַנדלט אין אַ שפּאַס. ווען דער חרם קומט מיט ספרים, גלאָקן און ליכט, ווען די מזבחות ווערן טונקל, די בילדער פאַרהאַנגען און די גלאָקן ווערן שטום, דעמלט דערוועקט זיך אַ מעכטיקער ווילן די ליכט ווידער אָנצוצינדן און מאַכן, אַז די גלאָקן זאָלן ווידער קלינגען. דאָס איז אַן אומגעצוימטער ווילן, וואָס פאַרשפּיצט דעם דאַזיקן שפּאַס. אַלע מיטלען און אַלע וועגן ווערן צוגעטראַכט: צי זאָל מען האַלטן מיטן פּויפּסט און אים מיט כיטרעקייט איינוויגן? אָדער מען זאָל אויפשטעלן עמעצן קעגן פּויפּסט, וועלכער וועט דערנאָך ביים פּויפּסט לעשן די ליכט און שטום מאַכן די גלאָקן?

דאָניאַ לעאָנאָר האָט געשלונגען די קלוגע ווערטער. זי איז געווען איר מוטער דאַנקבאַר, וואָס זי האָט פאַר איר אַנטפּלעקט אירע סודות. זי וועט דאָס אַלץ פאַרגעדענקען.

עלינאָר האָט אויפגעעפנט די אויגן און אַריינגעקוקט אין די צופרידענע אויגן פון איר טאָכטער.

— אין אַ גרויס האַרץ — האָט זי געזאָגט — געפינט זיך אַ סך פּוסטע ערטער. דאָרט ווערט לייכט איינגעשטעלט די לאַנגווייליקייט, מעלאַנכאָליע און דער אַכזריותדיקער שונא — די אַצעדיע (מרה־שחורה). מען מוז האָבן אַ סך ליידנשאַפט, כדי די פּוסטע פלעצער אָנצופילן. זיך יאָגן, כדי צו דערווערבן אַלץ מער און מער מאַכט — דאָס איז אַ גרויסער חיותדיקער, דויערהאַפטער פייער. און גלויב מיר, מיין טאָכטער, אַז פּאָליטיק קאָן אַזוי אויפרייצן די בלוטן, ווי די שענסטע נאַכט פון ליבע.

קאַפּיטל צוויי

אין הויף פון בורגאָס האָט זיך אויך געפונען דער גייסטלעכער גאָ־דעפראָ דע לעוני, אַלס פאַרטרעטער פון דער פרינצעסין מאַרי פון טראָא, כדי אָנטיילצונעמען אויף דער חתונה־צערעמאַניע פון דער אינפאַנטין בערענגאַריאַ. גאָדעפראָא איז געווען אַן אינטימער פריינד פונעם נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם קרעטיען פון טראָא, איינער פון די באַרימטע דער־ציילער, און ווו גאָדעפראָא האָט זיך נאָר באַוויזן, זענען ריטער און דאַמען צו אים צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל פאַרלייענען די געגראַמטע מעשיות פון זיין טויטן פריינד.

דער גרויסער דיכטער קרעטיען פון טראָא האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי וווּנדערלעכע פילדייטיקע פּערזן־ראָמאַנען. ער האָט דערציילט וועגן די בונטע, לעגענדאַרע גורלות פון ענגלישן ווילהעלם, פון דער פאַרנעפּלטער, הערלעכער טראַגישער ליבע פון טריסטאַן און איזאָלדע, פון די וווּנדערלעכע פּאַסירונגען פונעם ריטער איוועין און די סודותפולע שלעסער, פון די נסיעות און טרוימען פונעם אָפּנהאַרציקן קלוגן יינגל פּער־סעוואַל. אָבער פון די אַלע קרעטיענס מעשיות האָבן די דאַמען און הערן מער ליב געהאַט די דערציילונגען וועגן ריטער לאַנצעלאָט, וואָס איז גע־פאָרן אויף אַ וועגעלע. אומזיסט האָט גאָדעפראָא זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז די דאָזיקע דיכטונג איז נישט געלונגען, אַז קרעטיען האָט זי אפילו נישט פאַרענדיקט, אָבער דאָך איז „לאַנצעלאָט" געווען איינע פון זיינע פּאָפּולערסטע ווערק, און די ריטער און דאַמען האָבן עס שטאַרק געוואָלט הערן.

„לאַנצעלאָט אויפן וועגעלע" האָט געהאַט אַזאַ אינהאַלט: לאַנצעלאָט, דער בעסטער ריטער פון דער קריסטלעכער וועלט, איז געווען פאַרליבט אין דער דאַמע זשינעווערע, און ווען עס האָט מיט איר פּאַסירט אַן אומגליק, איז ער אַרויסגעטראָטן זי צו באַפרייען. ער האָט פאַרלוירן זיין פערד און איז אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג, וואָס ער האָט נישט געקאָנט נאָכיאָגן

דעם פֿאַרפֿירער פֿון דער דאַמע. מיטאַמאָל איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן אַ וועגעלע פֿון אַ שינדער און דער באַלעבאָס, אַן עקלדיקער קאַרליק, האָט זיך געבויגן אין דרייען און מיט לעכערלעכע העפֿלעכקייטן פֿאַרבעטן לאַנצעלאָטן, ער זאָל מיט אים פֿאָרן. עס איז אָבער נישטאָ קיין גרעסערע חרפּה פֿאַר אַ ריטער צו באַווייזן זיך פֿאַר מענטשן אויף אַזאַ וועגעלע. לאַנצעלאָט שלאָגט זיך מיט דער דעה אַ רגע אָדער צוויי, שטייגט אַרויף אויפֿן וועגעלע און פֿאָרט ווייטער, ווערנדיק אויסגעלאַכט פֿון די אַרומיקע מענטשן. ער באַפֿרייט זײַן דאַמע. זי האָט אים אָבער צו זיך נישט צוגעלאָזן און אים באַפֿוילן, ער זאָל אויפֿן נאָענטסטן טורניר נישט אַרויסווײַזן זײַן כּוח און געשיקטקייט און זיך לאָזן באַזיגן. ער טוט וואָס, די דאַמע האָט אים געהייסן, שלינגט אַראָפּ די חרפּה, און לאָזט זיך באַזיגן, אָבער זי ווײַזט אַלץ נישט אַרויס איר חסד און צום סוף דערקלערט זי אים, אַז ער האָט נישט קיין השגה פֿון ליבע, ווי באַלד איידער ער איז אַרײַנגעשטיגן אין וועגעלע האָט ער צוויי רגעס זיך געקווענקלט.

אַזוי ווי די קעניגין עלינאָר און דאָניאַ לעאָנאָר זענען די גאַנצע צײַט בײַגעווען אויף די אַרויסטרעטונגען פֿון די טרובאַדורן און דערציילער, האָט די קורטואַזיע געפֿאָדערט, אַז אויך אַלפֿאָנסאָ זאָל כאָטש איינמאָל קומען. גראָד, ווען ער איז געקומען, האָט דער גייסטלעכער גאָדעפֿרויאַ פֿאָרגעלעזן וועגן „לאַנצעלאָטן“.

בכלל, האָט אַלפֿאָנסאָ געלאַנגווײַליקט די פּערזן־ראָמאַנען. אין זײַנע אויגן האָבן די פּאַסירונגען פֿון די אַלע אויסגעטראַכטע ריטער אויסגעזען אומזיניק. אין זייערע ליבע־דערקלערונגען האָט ער איינגעזען מער אָנשטעל, ווי ליבע. אָבער קעגן זײַן אייגענעם ווילן האָט אים די גאַנצע געשיכטע פֿאַראינטערעסירט. לאַנצעלאָטס משוגעדיקע אויפֿפֿירונג האָט אים פֿאַרטשעפּעט, האָט אים געביסן, האָט אים געצוווּנגען ער זאָל זיך פֿאַרטראַכטן.

שפּעט אין דער נאַכט, ווען ער איז שוין געלעגן אין בעט, האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין טראַכטן. ער איז געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן. ער איז געווען אַזוי אָנגעמאַטערט, אַז ער איז נישט געשלאָפֿן און נישט געוואַכט. עס האָט זיך אים פֿאָרגעשטעלט דער ריטער לאַנצעלאָט אויף זײַן וועגעלע. פּלוצלונג איז לאַנצעלאָט פֿאַרשוווּנדן פֿונעם וועגעלע און ער איז שוין געזעסן דאָ, אויף אַלפֿאָנסאָס בעט.

„וואָס טוסטו דאָ? — האָט אַלפֿאָנסאָ שטרענג אַ פֿרעג געטאָן. — וועסט אפֿשר זאָגן, אַז מיר האָבן אַ שייכות איינער צום צווייטן? — לאַנצעלאָט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. — מאַך דיך נישט נאַריש! — האָט אַלפֿאָנסאָ

געשריגן — איך בין נישט דיין ברודער און נישט דיין חבר. — לאַנצע־לאָט האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר כסדר געקוקט אויף אַלפאָנסאָן, וועל־כער האָט גוט פאַרשטאַנען דאָס לשון פון זיין שווייגן. — געוויס ביסטו מיין ברודער און חבר, דו פעטשערע־ריטער!" אַלפאָנסאָ האָט אים געוואָלט געבן דעם געהעריקן ענטפער, אויפקלערן אים אַלע מיליטערישע און פּאָליטישע סיבות, צוליב וועלכע ער האָט אַזוי אָפגעשלעפּט דעם קרייץ־צוג. אָבער מיטאַמאָל ווערט אים אַליין קלאָר, אַז אַלץ וואָס ער וועט זאָגן איז כזב־ושקר, אַז די אמתע סיבה פאַרוואָס ער האָט נישט געקעמפט איז געווען ראַקעל, מיט וועלכער ער האָט זיך נישט געקאָנט שיידן. ער איז באמת גע־ווען לאַנצעלאָטס ברודער און חבר. ער האָט זיך מיט חרפּה באַדעקט, נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. עס איז אים געווען אַ חרפּה און א שאַנד פאַר זיך אַליין.

אָבער באַלד דערנאָך דערשפּירט ער מיט אַ מתיקותדיקער שרעק, ווי די דאָזיקע היץ ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אַנדערע, אין אַ זייער אינטימע, פאַרשאָלטענע, אָנגענעמע, אָבער מער שטיקנדיקע. מיטן גאַנצן ווייזן ציט ער אַריין די שווערע ריחות פון די לאַ־גאַליאַנאַ־גערטנער. די אָדערן קלאַפּן, די בלוטן צערייצט. זיס און אָנגענעם אַרבעט אין אים דער ליבער גיפט פון ראַקעלן.

ער באַמיט זיך פּטור צו ווערן פון דער דאָזיקער וויזיע. ער אָטעמט שווער. ווי אַ קינד שטויסט ער מיטן נאַקעטן פוס די קאָלדרע. אינגיכן וועט דער דאָזיקער לאַנצעלאָט מער נישט שפּאַסן איבער אים. דער קריג קומט אָן, און ווי נאָר ער וועט זיין אין פעלד, איז א סוף מיט ראַקעלן אויף שטענ־דיק. א סוף מיט ראַקעלן! — באַשליסט ער. ווי נאָר ער וועט קומען קיין טאָלעדאָ, וועט ער קודם־כל טויפן זיין זונעלע און דערנאָך גייט ער אַוועק צו דער דרום־גרענעץ, קיין קאַלאַטראַוואַ, קיין אַלאַרקאָס, און א סוף מיט ראַקעלן.

דאַן האָט איך מער מיט דיר קיין מגע־ומשא, דו טרויעריקער ווייבער־קנעכט — ווענדעט ער זיך בייז צו לאַנצעלאָטן — און איבערהויפּט עקלט פון דיר צוזאַמען מיט דיין שפּלדיקער ליבע.

אָבער לאַנצעלאָט איז פון פריער נעלם געוואָרן.

ווי קנאַפּ אויפמערק אַלפאָנסאָ האָט נישט געלייגט אויף טרובאַדורן און דערציילער, איז אים דאָך צווישן זיי איינער געפעלן געוואָרן, אַ באַראָן פון לימוזען, בערטראַן דע באָרן.

דער דאָזיקער בערטראַן, הגם ער האָט זיך אָנגערופֿן וויצע־גראַף פֿון האָטפֿאַר, איז נישט געווען קיין גרויסער הער, ער האָט געוועלטיקט בלויז איבער אַ הונדערט מאַן. אָבער ער איז געווען באַרימט מיט זיינע ווילדע זאַפּטיקע פּערזן. ער האָט געהאַט אַ ברויזנדיקע נאַטור. פֿון זיין פֿריסטער יוגנט האָט ער באַצוויבערט מענטשן און זיך מיט זיי צונויפֿגעגאָסן. אַמאָל, זוען ער איז נאָך געווען כמעט א יינגל, האָט ער שוין אויסגענומען ביי דער בליענדיקער עלינאָר. שפּעטער, בעת ער איז שוין געווען אַן אייגנטי־מער פֿון צוויי שלעסער, האָט ער אין יעדן סכסוך אָנטיילגענומען מיט וואָרט און מיט שווערד, נישט באַטראַכטנדיק צומאָל וואָס איז בעסער, און תמיד האָט ער פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי צו געווינען מענטשן פֿאַר זיינע אינטערעסן. ער איז געווען היציק און האָט ליב געהאַט זיך אַרומצורייסן. צוליב א ירו־שה האָט ער זיך צעקריגט מיט זיין ברודער און הגם דעם ברודערס פּאָדע־רונגען זענען געווען זייער מעסיקע, האָט ער אים באַקעמפֿט מיט פּערזן און כלי־זין. קעניג הענריק, זייער פּעאָדאַל, האָט זיך אַריינגעמישט און גע־האָלפֿן זיין ברודער אין זיינע רעכט. דאַן האָט בערטראַן מיט זיינע פּערזן אָנגערייצט דעם יונגן הענריק קעגן זיין פֿאָטער, ביז דער יונגער קעניג איז פֿאַר בעטראַנס שלאָס דורך א פייל דערהרגעט געוואָרן. אויך שפּעטער האָט בערטראַן די באַראָנען פֿון לימוזען אָנגעהעצט צו פֿירן קריג קעגן זייער אַלטן קעניג הענריק און זיי זאָלן זיך אויסקוילן איינער דעם צווייטן. זיין האַנט איז געווען קעגן אַלע און אַלעמענס הענט קעגן אים. ענדלעך האָט דער יונגער ריטשאַרד זיינע שלעסער פֿאַרברענט און אים אַליין גענומען אין געפֿאַנגענשאַפֿט. אָבער באַלד האָבן זיי צווישן זיך שלום געמאַכט, און איצט האָט בערטראַן בדעה צו פֿאָרן קיין סיציליע און זיך אָנשליסן אין רי־טשאַרדס קרייץ־צוג.

ידיעות וועגן בערטראַן דע באָרן זענען דערגאַנגען ביז איבער די פּי־רענעען. קודם־כל איז ער אין גאַנץ שפּאַניע געווען מפֿורסם מיט זיינע פּאָ־ליטישע לידער, מיט זיינע סירוועטעס (פּאָעזיע). ווו נאָר עס איז אַנטשטאַ־נען א קאָנפֿליקט אָדער א מלחמה, האָט מען געזונגען זיינע ווילדע פּערזן.

זיין דעוויז:

דעם שלום האָב איך נישט פֿאַרערט,
מיין איינציק רעכט, מיין שאַרפֿע שווערד.

בערטראַן איז שוין איצט געווען אין די זעכציקער, אָבער אין ריטער־

לעכקייט און העפלעכקייט איז נישט געווען קיין צווייטער צו אים. ער איז תּיכּף אַלפאָנסאָן געפעלן געוואָרן, און וויפל מאָל אַלפאָנסאָ האָט זיך באַמיט צו פאַרשטיין זיין פּראָוואַנסאַלישן דיאַלעקט, האָט ער געשפּירט אַז זיינע ווילדע קריגס־לידער זענען פון אַן אַנדער שטאָף, ווי די אומגעלומפּערטע פּערזן פון די שפּאַנישע זינגער. זיי זענען געווען עלעגאַנט און געפּערלעך, ווי די שאַרפע שווערדן פון קאָרדאָווע.

אַלפאָנסאָ האָט בערטראַנען אויסגעצייכנט, האָט אים געשיקט רייכע מתּנות, פאַררעכנט אין זיין יאַגד־סוויטע, האָט געפירט מיט אים פאַרטרוילעכע שמועסן.

בערטראַן האָט געהאַט אַ טאַלאַנט מענטשן און געשעענישן אויסצושניצן און באַלייכטן אַזוי, אַז זיי זענען געשטאַנען ווי לעבעדיקע פאַר די אויגן.

ער האָט למשל, דערציילט וועגן דעם אַלטן קעניג הענריק. מיטן וואָרט האָט ער געמאָלט דעם טויטן קעניג, זיינע גרויע מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, די הויכע באַקנביינער, די פעסטע גאָמבע מיט אַ קליין שפּיציק בערדל, דאָס ווילדע גייציקע מויל. דער קעניג הענריק איז געווען כמעט אַ העלד, אָבער דאָך נישט קיין גאַנצער העלד. עס האָבן אים געפעלט ברייטע זשעסטן, פאַרשווענדערישקייט, ער איז געווען אַ קמצן. בערטראַן איז צולעצט געשטאַנען פאַרן קעניג אַלס געפאַנגענער. ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער וואָפן ווי דאָס וואָרט. אָבער מיט דעם דאָזיקן וואָרט האָט ער זיין זיגער באַזיגט. ווען ער האָט אים באַפרייט און אים צוריק אויפגעבויט דעם פאַרברענטן שלאָס, האָט ער אויך דאָ אַרויסגעוויזן זיין קאַרגשאַפט. ער איז נישט געווען קיין קעניג, ווי ער וואָלט באַדאַרפט זיין. קיין איין זאַך האָט ער נישט דעראָבערט, אויס חשק צו דעראָבערן. ער האָט דעראָבערט, כּדי צו האָבן און באַזיצן. אין אַלע זיינע קליינלעכע צוגן און זשעסטן האָט ער אַרויסגעוויזן גייציקייט, מאַניערן פון אַ קרעמער. זיינע פינגער האָבן אים פאַראַטן; זיינע גיריקע פינגער, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט האַלטן רואיק: דאָ האָט ער זיי געבויגן און געצויגן, ברענגענדיק צום אויסדרוק זיינע מאַיעסטעטישע ליגנס, און דאָ האָט ער מיט זיי געצייכנט און געדריידלט, ער האָט אַ סך צוגעזאָגט, אָבער מקיים געווען האָט ער בלויז טיילווייז. „יאָ און ניין", האָט אים בערטראַן אַ נאָמען געגעבן און דער דאָזיקער נאָמען איז אים פאַרבליבן. אויסהערנדיק בערטראַנען, האָט אַלפאָנסאָ געזען פאַר זיך דעם טאַטן פון זיין ווייב, געזען אים דייטלעכער ווי ער וואָלט אים געזען מיט זיינע אייגענע אויגן.

— אָבער מיין יונגער קעניג הענריק איז געווען א גאַנץ אַנדערער — האָט בערטראַן ווייטער דערציילט. — ראסא*) האָב איך אים אַ נאָמען גע־געבן און א ראסא איז ער געווען. ער האָט געלעבט מיט א ברייטער האַנט. ער האָט פאַרשווענדעט, אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט: די אוצרות פון שינאָן, זיינע ריטער און זיך אַליין. הערלעך איז ער געווען, אַן אמתער ראסא, און דעריבער איז א טאָפּלטע נידערטרעכטיקייט פון קעניג, וואָס ער האָט אים אַזוי ווייניק געגעבן. אויב ער האָט אים געמאַכט פאַר אַ קעניג, טאָ פאַרוואָס האָט ער אים פאַרווערט צו לעבן, ווי א קעניג? יאָ, איך האָב אים געהעצט קעגן פאָטער און ווען ער האָט זיך מיט אים איבערגעבעטן, האָב איך ווי־דער געהעצט. מען זאָגט, אַז צוליב דעם איז ער געשטאָרבן. איך האָב קיינ־מאָל נישט געגלויבט, אַז אַ מענטש זאָל האָבן אַזויפיל קרענקונג, ווי איך, ווען מיין יונגער קעניג איז געשטאָרבן. און מעגלעך, אַז ער איז באמת פון מיינע פּערזן געשטאָרבן. דאָך האָב איך נישט קיין חרטה, וואָס איך האָב אַזוי געהאַנדלט.

און ער האָט פאַרגעזעצט שטיל, צעהיצט, ווי ער וואָלט גערעדט פאַר זיך אַליין:

— איך האָב אַ סך פרויען געליבט און א סך פאַרלוירן, און איך בין אויך געווען טרויעריק, ווען איך האָב די אָדער יענע פאַרלוירן. אָבער וויר־קלעך האָב איך נאָר געטרויערט נאָכן יונגן קעניג — נאָר אים האָב איך געליבט.

און ער האָט אָנגעהויבן מיט א זינגענדיק קול ציטירן די פּערזן, וואָס ער האָט פאַרפאַסט צום טויט פונעם יונגן קעניג. לויט זיין מיינונג איז עס געווען אַזאַ קלאָגליד, וואָס מיט קיין שענערס האָט מען קיין שום העלד נישט באַזונגען זינט דוד־המלך האָט באַקלאָגט יונתנען:

אַלע ווייטיקן, טרערן, ליידן
דער טרויער פון פאַרלוסט און ערגסטע פּיין
וואָס געפילט האָט מען אין יענער צייט
אין איינס גענומען איז צו קליין
דעם טויט פון ענגלאַנדס קעניג צו באַוויינען.

אַלפאָנסאָ האָט געקוקט אויף בערטראַנען, ווי ער איז מיט ברען פאַר־זונקען אין זיך אַליין. איבער זיין דינער, קרומער נאָז, ווי ביי א רויב־פייגל,

*) פּירשט (אַראַביש).

האָבן שטאַרק געלויכטן זיינע גרויע אויגן. דער דאָזיקער מאַן האָט אַריינגעלייגט אַזויפיל האַרץ אין זיינע טרויעריקע פערזן, אַז אַלפאָנסאָ האָט אָנגענומען א חשק אויפריכטיק פאַר אים אַרויסצוזאָגן זיין האַרץ. ער האָט שטאַרק געוואָלט בערטראַנען ענטפערן מיט צוטרוי אויף צוטרוי. דער דאָזיקער אמתדיקער ריטער האָט געהאַט די פעיקייט אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס איינעם מאַטערט און וואָס ער קאָן נישט אפילו פאַר זיך אַרויסברענגען. בלויז ער קאָן פאַרשטיין דעם גאַנצן פּלאָנטער, וואָס קוועלט אַלפאָנסאָן.

— דו זאָגסט — האָט אַלפאָנסאָ אים געשטעלט א שאלה — אַז דו האָסט קיינמאָל ערנסט קיין פרוי נישט געליבט?

בערטראַן האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט זיין בליק פון קאָפּ ביז די פיס.

— אַזוי גענוי האָב איך די זאַך נישט אָנגערופן, אָבער אַ טייל אמת איז דאָ אין דיינע ווערטער — האָט ער מיט א שמייכל אָפּגעענטפערט.

— אָבער דו האָסט דאָך פאַרפאַסט הערלעכע פערזן וועגן פרויען — האָט אַלפאָנסאָ באַמערקט.

— יאָ, איך האָב אַזעלכע פאַרפאַסט — האָט בערטראַן געענטפערט. — אַ מאַן מוז א פרוי דערציילן שיינע מעשיות. דאָס פאָדערט די קורטואַזיע און טיילמאָל אויך דאָס האַרץ. איך האָב די פרויען דערציילט פאַרשידענע באָבע־מעשיות און זיך געשוווירן ביי אַלע הייליקע. אָבער די שבועה פון אַ ליבע־נאַכט איז בלויז גילטיק ביז אויף צומאָרגנס. אַ שבועה צו ברעכן — איז א געוואַלדיקער חטא, אַזוי האָט מיך געלערנט מיין ווידוי־פאָטער, אָבער אין דעם איז דאָך ווידער שולדיק די פרוי, וואָס האָט אונדז אַמאָל פאַרפירט מיטן עפּל אין גן־עדן.

אַלפאָנסאָ האָט געלאַכט אָבער נישט אויפגעהערט צו שטעלן שאלות.

— און דו האָסט שטענדיק גוט אָפּגעשניטן מיט דיין ליבע? מיט די ליבעס פון אַלע דיינע פרויען האָסטו גוט אָפּגעשניטן?

דער אַלטער ריטער האָט באַמערקט לויט דער שפּאַנונג אויף אַלפאָנסאָס פּנים, אַז ער טראַכט איצט פון זיין אייגענער ליבע מיט דער יידישקע, האָט ער דערשפּירט א פאָטערלעכע וואַרעמקייט צום יונגן קעניג, וועלכער זוכט ביי אים א טרייסט אויף אַזאַ קינדעריש־נאַיוון אופן.

— יאָ, איך האָב זיך פון זיי אָפּגעטשעפּעט — האָט ער געענטפערט.

ער האָט אים אָנגעקוקט לוסטיק, פריינדלעך און פאַרגעזעצט מיט א שטאָלצער, לייכטזיניקער האַנט־באַוועגונג:

— ווייבער! האָט ער אויסגערופן — זיי קאָנען צוקומען נאָענט צו אונדזער בלוט, אָבער פון אונדזער נשמה פאַרבלייבן זיי ווייט. איך וועל דיר

אַט וואָס זאָגן, אַלפאָנסאָ: דאָס לעבן פון א ריטער איז ווי א ברויזנדיקער טייך, ער פליסט און צערייבט אַלץ וואָס איז נישט פעסט, אַלץ וואָס דערגייט נישט צו דער נשמה. יענע פרויען פון מיינע לידער זענען שוין לאַנג צעריבן, זיי זענען פוסטע זכרונות, פאַרשוונדן אין נעפּל. גאַנץ אַנדערש איז מיט א גוטער שלאַכט. איר שפּירונג איז דויערנדיק, אירע זכ־רונות מאַכן א מענטשן הייס און שטאַרק. די שלאַכטן, אין וועלכע איך האָב געקעמפט, האָבן מיין שכל יונג געמאַכט. — ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און מיט א שפּאַסיקן שטיפערישן טאָן צוגעגעבן: און אויך דעם גוף. דו ווייסט גלייך זען, וואָס איך מיין — האָט ער געזאָגט פריילעך און סודותפול.

ער האָט אָנגערופן זיין וואָפן־טרעגער, פאַפיאָל, וועלכער איז אפשר געווען עטוואָס ייַנגער פון אים, אָבער זיך געהאַלטן פונקט אַזוי פעסט ווי ער אַליין און לוסטיק אַ וווּנק טוענדיק צום קעניג האָט ער מיט זיינע העפ־טיקע טיפע אויגן באַפוילן:

— נו, פאַפיאָל, מיין ייִנגל! זינג אונדז דאָס ליד פון אַלט און יונג!

און אַקאָמפּאַנירנדיק זיך אַליין אויף א קליינער האַרפע, האָט פאַפיאָל געזונגען אַ דרייסט העזהדיק ליד:

Jores es om gue lo seu be engatge*)

יונג איז דער, וואָס האָב און גוטס פאַרזעצט
און גייט אַן אָנגעקליידטער פּרעכטיק אין טורניר,
יונג איז דער, וואָס אַן אָנגעלטיקער מתנות וואַרפט,
און מתנות ריטער גלויביקע עס נישט פאַרדריסט.
יונג איז דער, וואָס שפּיל אין קריג ער גיט זיך אָפּ
און יונג איז דער, וואָס שוינט זיך נישט אין ליבע.
אַלט איז דער, וואָס רואיק איז זיין שלאָס און לאַנד,
וואָס זאַמלט שפּייכלערס אָן מיט פליש, מיט וויין און קאָרן,
וואָס ווען ער זאַט איז, וואַגט נישט מער צום עסן
און רעגנט שטיל דעם מאַנטל גיט א כאַפּ.
אַלט איז דער, וואָס זוכט די רו פון יום־טוב
אין גיט די שפּיל אויף, איידער ער געווינט.

דאָס ווילדע לעבן האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט בערטראַנס געזונט און הגם ער איז נאָך געווען פאַרריסן און שטאָלץ און כסדר געקלונגען מיט די

*) יונג איז דער, וואָס פאַרזעצט זיין פאַרמעג (אַלט פראַנצויזיש).

כלי־זין, האָט ער דאָך נישט געקאָנט פאַרבאָרגן, אַז אונטערן פאַנצער שטעקט א צעבראָכן גוף, און געוויס האָט דער אָדער יענער איצט געלאַכט איבערן אַלטן ריטער, איבער זיין אַלטן נושא־כלים און איבער זיינע לידער. אָבער אַלפאָנסאָ האָט נישט געלאַכט. ער האָט געהערט און געשפּירט דעם עלאַסטישן דראַנג פון די פערזן, דעם רוף פון דער איצטיקער צייט און דאָס לעבן, וואָס פליסט.

— כ׳דאַנק דיר, בערטראַן — האָט אַלפאָנסאָ געזאָגט מיט באַגייסטע־רונג. — דאָס איז ריטערשאַפט, דאָס איז קונסט!

שטאַרק צופרידן איז געווען דער אַלטער בערטראַן, וואָס ער האָט אַזוי אויסגענומען ביים יונגן קעניג. ווען עמעץ וואָלט מיט א בליק אָדער מיט א זשעסט אַרויסגעוויזן ספקות בנוגע זיין באַוועגלעכקייט, וואָלט ער זיך מיט אים אָפּגערעכנט. אָבער אַלפאָנסאָ איז זיינער א פריינד, א ברודער, אים האָט ער מודה געווען:

— ליידער, קאָנען די שאַרפסטע פערזן נישט אויפהאַלטן,די צעשטערונג פונעם גוף. דיר, הער קעניג, זאָג איך עס: דער קריג, אין וועלכן איך טרעט איצט אַריין, איז פאַר מיר דער לעצטער. איך מאַך זיך נישט קיין אילוזיעס, ווייל איך ווייס, אַז נאָך איין ,אָדער צוויי יאָר און מיין נאַרישער גוף זאָגט זיך אָפּ צו דינען. און אַ צעבראָכענער ריטער איז צו שפּאָט אין קינדערישע מיילער. איך האָב שוין מיטן גייסטלעכן פון דילאַן גערעדט, אַז אויב איך וועל צוריקקומען פון דאָזיקן קריג, גיי איך גלייך אין קלויסטער אַריין.

אַלפאָנסאָ איז געווען שטאָלץ, וואָס בערטראַן האָט אים אויפגעעפנט זיין האַרץ. עס פאַלט אים אַריין א געדאַנק און תיכף באַשליסט ער: דער דאָזיקער גוטע ריטער און דיכטער דאַרף זיינע לעצטע מעשים נישט אויס־פירן אַלס קריגסמאַן פון קעניג ריטשאַרד. איך וועל נישט דערלאָזן, אַז מיין שוואָגער זאָל אים ביי מיר אַוועקנעמען. זאָל בערטראַן אויף מיין זייט שטיין אין מיין מלחמה באַזינגען.

דער קאַנאָניק דאָן ראָדריגע איז געקומען קיין בורגאָס.

ער איז געווען אין אַ טרויעריקער אויפגערעגטער שטימונג. אַלפאָנסאָ האָט זיין זון נאָך נישט געטויפט און דערמיט אויף זיך א גרויסן חטא גענומען. בעת ער האָט פאַרלאָזן טאָלעדאָ האָט ער אַפילו נישט געפונען פאַר נויטיק זיך דורכשמועסן מיט אים. דאָס האָט ראָדריגען אייגנטלעך נישט שטאַרק געאַרט, ווייל ער האָט געפילט, אַז בעת דעם דאָזיקן געשפּרעך וואָלט

זיך דער קעניג מיט אים צעווערטלט. ער האָט זיך דעריבער אָפּגעזאָגט פון זיין הייליקן חוב. ערשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט ער באַשלאָסן צו באַזוכן דעם קעניג.

אויך דאָ אין בורגאָס מיידט דער קעניג אויס געשפּרעכן אונטער פיר אויגן. און ווידער נעמט ער עס אויף מיט הכנעה.

כדי צו פאַרגעסן אין זיין חרפּה, אין זיינע דאגות, האָט ער זיך אַריינגעצויגן אין הויפישן לעבן פון בורגאָס. ער האָט זיך מיט גרויס אינטערעס צוגעקוקט, ווי אַזוי די הויפישע מאַניערן זענען פאַרפיינערט געוואָרן. מיט גרויס התמדה האָבן איצט די דאַמען און הערן שטודירט די כללים פון קוּרטואַזיע, האָבן דיסקוטירט איבער די שפּאַנישע מנהגים פון ליבע און אַרויסגעוויזן גרויס פאַרשטענדעניש פאַר דער קונסט פון דיכטונג.

באַלד האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז די אידעלע, העפלעכע קאָקעטעריע איז אַ פּוסטע נאַרישע שפּיל. דאָס, מיט וואָס די דאַמען און הערן האָבן זיך באמת באַשעפטיקט, וואָס עס האָט זיי ס׳רוב אינטערעסירט, דאָס איז די פאַרשטייענדיקע מלחמה. אויף דער מלחמה האָבן זיי געוואַרט מיט פריידיקן ציטערדיקן אומגעדולד.

גרויס עגמת־נפש האָט עס פאַרשאַפט דאָן ראַדריגען. ער האָט עס איבערגעלעבט. דער קריג איז ביי זיי געוועזן הייליק, זיי האָבן אים פאַרגעטערט. באַטייליקן זיך אין קריג איז אַ חוב, אָפּלאָכן — איז זינד.

אָבער ראַדריגע האָט נישט אָנטיילגענומען אין דער דאַזיקער פרומער התלהבות. אין אים האָבן געלעבט די ווונדערבאַרע לויב־געזאַנגען פאַרן שלום פון ישעיה, פון דער עוואַנגעליע, די פאַנאַטישע שלום־דרשות פון זיין תלמיד דאָן בנימין. מיט אומעט און שוידער האָט ער געקוקט אויפן שפּאַנישן האַלב־אינדזל. ער האָט זיך געפילט שרעקלעך פאַראיינזאַמט צווישן דעם דאַזיקן ברויזנדיקן, לוסטיקן לעבן. די בלוטדורשטיקע התלהבות פון די דאַזיקע געצערטלטע, געבילדעטע לייט האָט ביי אים אַרויסגערופן אַן עקל און אויפגעוועקט אין זיין זכרון די געדאַנקען פון זיין פריינד מוסא איבער דעם יצר־הרע, דעם בייזן גייסט.

פון דער צווייטער זייט האָט ער געפילט אַן עקל צו בערטראַן דע באָרן, וועלכער האָט צעפלאַקערט די הערצער מיט זיין ווילדער מעכטיקער שטים. ביים ערשטן אָנבליק איז ער געווען אַ געוויינלעכער זקן ווי אַלע אַנדערע. דאָן ראַדריגע האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון איבער זיין דיכטונג, אָנשוויונג און מעשים. אָבער אַז מען האָט זיך צוגעקוקט נעענטער צום פּנים פון דאַזיקן ריטער, צו זיינע ווילדע אויגן באַזוימט מיט געדיכטע

בדעמען, האָט מען געקאָנט זען, וואָס ער איז אין דער ווירקלעכקייט: די פאַרקערפּערונג פון מלחמה. אַ ביסל קאָמיש האָט אויסגעזען דער דאָזיקער ריטער מיט זיין אָנגעשטרענגטער מונטערקייט, בעת ער האָט גאוודיק געשפּרייזט און געריטן. אָבער דער גרויל, מיט וועלכן דער מענטש האָט געהויכט, האָט אַוועקגענומען ביי ראָדריגען דעם חשק צו איראָניע. עס איז גאָרנישט קיין שפּאַס. ער איז געווען דער בייזער מאַרס*) מיט זיין גאַנצער אכזריות. פּונקט ווי ער, אַזוי האָבן געמוזט אויסזען יענע ריטער. וועלכע יוחנן המטביל האָט דערזען, בעת ער האָט געהאַט די לעצטע אַנטפּלעקונגען.

נישט געקוקט דערויף איז דאָן ראָדריגע אַליין געווען אַנטציקט פון בערטראַנס דיכטונג. דער מבין ראָדריגע האָט געמוזט מודה זיין, אַז זיינע קריגס־לידער זענען הערלעך, אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט, הגם זיי זענען ווילד. מיט צער און צאָרן האָט זיך ראָדריגע פאַרטראַכט איבער דעם, פאַרוואָס גאָט האָט אַזאַ נישטיקן מענטש געשאָנקען אַזוי פיל טאַלאַנט. זיין צאָרן איז געוואַקסן, ווען ער האָט געזען, אַז זיין געליבטער אַלפאָנסאָ מיידט אים, ראָדריגען, אויס, בעת ער טאַנצט אַרום דעם שרעקלעכן אומבאַצוימטן ריטער. דער איפּערזיכטיקער ראָדריגע האָט מיט קרענקונג געשפּירט די אינערלעכע קרובהשאַפט פון אַלפאָנסאָן און בערטראַנען, און וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער איז ביי אים געוואָרן די האָפענונג צוריקצוקערן דעם קעניג אויפן ריכטיקן וועג.

אָבער צווישן זיינע ליידן האָט זיך דורכגעזיפּט אַ שטראַל פון פרייד: דאָס זענען געווען די שמועסן מיטן גייסטלעכן גאָדעפראָא. דאָן ראָדריגע האָט ליב געהאַט און באַוואונדערט די דערציילונגען פון קרעטיען דע טרואַ, און דאָס גאַנצע וויסן פון גאָדעפראָא איז געווען אַן אויסטערלישע אָפּשפּיגלונג פון זיין אינערלעכער פרומקייט, וואָס קרעטיענען איז געלונגען אויסצודריקן אין זיינע דערציילונגען. גאַנץ אָפט, כדי צוליב טאָן דעם קאַנאָניק, האָט גאָדעפראָא אויסגעוויילט פון קרעטיענס ווערק די שטילע, רויִקע קאַפּיטלען, ווו קרעטיען ברענגט צום אויסדרוק די צייטווייליקע ערדישע פריידן פון כלל.

איינמאָל, למשל, האָט ער געלייענט פאַר אַ סך צעהערער וועגן די פאַסירונגען פון ריטער אייוועין מיט די אָרעמע מיידלעך — Paures pocalles צופעליק איז דער ריטער אייוועין אַריינגעפאַלן אין אַ הויז, ווו עס

*) גאָט פון מלחמה ביי די רוימער.

האָבן געאַרבעט מיידלעך. זיי האָבן געניִיט און געוועבט גאָלדענע און זייד־דענע פּעדעם פֿאַר קליידער. אָבער זיי אַליין האָבן געהאַט אַ שווידערלעכן אויסזען. זיי זענען געווען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, די שמוציקע העמדער באַגאָסן מיט שוויס, די העלדזער גראָב־הויטיק, די פּנימער בלאַס פֿון הונ־גער און נויט. אײַזיק האָט געקוקט אויף זיי און זיי אויף אים און אַראָפּ־בייגנדיק זייערע פּנימער פֿאַר חרפּה האָבן זיי געוויינט. זיי האָבן פֿאַר אים אויסגעקלאָגט זייער האַרץ:

מיר נייען זייד, בראָקאַט און פּוץ
און מיר זענען אַליין אין שמוץ,
ווײַל אונדזער לוין איז נישט גענוג,
ער קויפֿט אונדז נישט קיין פֿלייש, קיין טוך.
מיר טיילן שפּאָרלעך און אין אַנגסט
דאָס טעגלעך ברויט, דאָך קלעקט נישט לאַנג.
דער פֿרישטיק קאַרג, נאָך ווייניקער בײַנאַכט.
אַ צוואַנציק סו אין וואָך, ווער מאַכט —
דער מיינט אַ גרעפֿין איז, הערצאָגין;
אַך, צוואַנציק סו, עס סטייעט נישט דאָך אַ פֿאַרמעגן.
און ווער דעם פֿינצטערן לוין אונדז גיט,
פֿון אונדזער אַרבעט וואַקסט און בליט.
ער יאָגט אונדז, טרײַבט און העצט דערצו,
און לאָזט אונדז אויך בײַנאַכט קיין רו.
ווען עמעץ מיד ווערט, דרעמלט איין,
דאַן איז ער דאָ און טיילט אַריין.
מיר האָבן נויט און האָבן גיהנום,
מיר, מיידלעך אָרעמע, געשווינט פֿון קיינעם.

יאָ, ראַדריגע איז געווען צופֿרידן, וואָס דער דיכטער קרעטיען דע טרואַ, דערציילנדיק וועגן דעם גלאַנץ און רום פֿאַר די ריטער און דאַ־מען, האָט אויך נישט פֿאַרגעסן צו דערמאָנען וועגן עלנט און נויט פֿון די, וואָס זענען פֿאַרשטופּט אין אָפּגרונט פֿון לעבן. אָבער די אַנדערע צוהער־רער, די דרייסטע ריטער און די אויסדערוויילטע דאַמען, וואָס טראָגן די קליידער, אויסגעאַרבעט דורך די אָרעמע מיידלעך, האָבן געשטויינט און זענען נישט געווען צופֿרידן. ער איז מסתם אַראָפּ פֿון זינען דער דאָזיקער דערציילער? ווי קאָן אַזאַ איינער, וואָס באַזינגט אַזוי זיס און איידל די

דערהויבענע ליבע און די העלדישע פּאַסירונגען, ווי קאָן ער אויף אַזאַ אופן פאַראומרייניקן זיין מויל, ווי קאָן ער שאַפן פּערזן און גראַמען פּאַר אַזעלכע נישטיקע שניידער־מיידלעך? עס איז שוין אַזאַ סדר אויף דער וועלט, אַז איינע נייען קליידער און די אַנדערע טראָגן זיי, איינע שמידן שווערדן און די אַנדערע הרגענען מיט זיי; איינע בויען שלעסער און די אַנדערע וווינען אין זיי. אָט אַזאַ אָרדענונג האָט גאָט אַליין מיט זיין חכמה איינגעשטעלט פון דור־דורות. און ווען די דאָזיקע טרויעריקע נפשות, די אָרעמע מיידלעך, פּרווון זיך אַנטקעגנשטעלן, דאַן טוט זייער באַלעבאָס גוט, וואָס ער ברעכט זיי די ביינער.

אָבער בערטראַן דע באָרן האָט גערעדט צו זייערע געפילן. די צפון־שפּראַך, די לאַנג ד'איל, אויף וועלכער קרעטיען האָט געשאַפן, האָט ביי בערטראַנען אויסגעקוקט ווי שטאַמלעריי, און די מילכיקע גראַמען, וואָס ער האָט אָקאָרשט געמוזט אויסהערן, איז איינפאַכע שטותעריי. בעתן פאָרלייענען האָט ער נישט איינמאָל געמוזט לאַכן און, מיינענדיק, אַז מיטן דיכטער גאָדעפּרואַ האָט ער שוין פאַרענדיקט, האָט ער זיך צו אים אָנגערופן:

— עס איז מערקווירדיק, וואָס איר, מענטשן פון צפון, זענט געניגט צום המון און צו זיין שטינקעריי! איר ווילט אפשר וויסן, חשובער גאָ־דעפּרואַ, וואָס מיר טראַכטן וועגן דעם, דאָ אויפן דרום?

די דאַמען און הערן, וועלכע האָבן זיך שוין פאָרויס געפרייט אויפן דרייסטן ענטפער, וואָס בערטראַן וועט געוויס געבן דעם קרעכצעדיקן, געפּגרטן דיכטער קרעטיען, האָבן איינשטימיק אויסגערופן:

— לאָמיר הערן, איידעלער בערטראַן! לאָז אונדז נישט וואַרטן! לאָמיר הערן דיין וואָרט!

מיט אַ בייזן געלעכטער באַפעלט דאַן בערטראַן זיין שפּילער: „נו, מיין יונג פאַפּיאָל, זינג אונדז די סירווענטע וועגן ווילאַן”.

פּאַפּיאָל איז אַרויסגעטראָטן דרייסט פאָרויס און, רימפּלענדיק אויף זיין קליינער האַרפּע, האָט ער געזונגען דאָס ליד וועגן ווילאַין פון די בירגער־לומפּן און פּויערים. ער זינגט:

דער בירגער־, הענדלער־, און פּויערים־פּאַק
איז נישט פאַר מיר און פאַר מיין געשמאַק,
איך קאָן עס נישט פאַרטראָגן.
זיי האַלטן זיך נישט בעסער פון אַ שווין
און זאָגן, אַז ס'איז גוט און פיין.

באַקומט אַ שנאָרער געלט און גוטס,
ווערט אים אויפגערייצט דאָס בלוט.
דער שכל ווערט אים אויסגעוועפּט,
דערפאַר די קאַריטע איז ביי אים פוסט
און אויפן לייב קיין סימן פון אַ העמד
דער רעגן ווייקט זיין אָפּגעקראַכן פעל.
ווער נישט דעם לומפּ אין הונגער האַלט,
דער מערט דעם פּלעבס אין גאַרער וועלט.
ווען דער פּויער, בירגער, הענדלער האָט אַ גוטן מיין,
טרייבט זיי פון די אויגן, גיט זיי אין די ציין
לאָזט זיי הענט און פיס צעברעכן,
זיי זאָלן אייך די אויגן נישט אויסשטעכן.
פאַרטרייבט די פּאַראַזיטן אין די קעלערס
אין די סאַמע טיפסטע לעכער
און זאָלן זיי דאָרט פוילן!
זאָלן אייך זייערע געשרייען נישט אַרן!
אַ מגפה זאָל קומען אויף די שנאָרער,
אויף די בירגער, פּויערים און קרעמער.

מיט שטורמישע בייפאַלן האָבן די צוהערער באַגריסט דעם ריטער.

דער ערב־רב האָט שוין באמת פאַרריסן דעם קאָפּ. די ריטער, וועלכע האָבן זיך געקליבן אין הייליקן קריג, האָבן געמוזט אָנקומען צו הענדלער, צו באַנקירלעך, וועלכע האָבן אָפּגעקויפט זייער גוטס צו ביליקע פּרייזן. זיי האָבן געמוזט דערויף איינגיין, ווייל פון די פּויערים האָבן זיי גאָר קנאַפּ געקאָנט אַרויסשלעפּן. טיף אין האַרצן איז ביי זיי דעריבער געווען איינגעוואָרצלט שנאה צום המון. זיי זענען געווען צופרידן צו הערן, ווי מען זידלט זיי.

דאָן ראָדריגע האָט געזען, ווי בערטראַנס פאַרברעכערישע פּערזן צעפלאַקערן אַ שעדלעכן פייער אין די הערצער פון די ריטער. די דאָזיקע שטאָלצע זינדיקע לידער האָבן ראָדריגען פאַרשאַפט גרויס עגמת־נפש. דער געלערנטער ראָדריגע האָט דאָ באַשיינפּערלעך געזען, ווי אַזוי מען פאַסט צו ווערטער צוליב בייזע צוועקן און מען פאַרוואַנדלט דעם זאַכלעכן דאָרף־מענטש און דעם שטאָט־איינוווינער אין שנאָרער און מנובלים.

אַלפאָנסאָס פּנים האָט געשטראַלט פון שמחה. די דאָזיקע קלינגענדיקע

שטאָלצע פּערזן זענען אים געווען צום האַרצן. פון די דאָזיקע פּערזן האָט אַרויסגעקלונגען די שנאה פון די אמתע ריטער צו די הענדלער און באַנ־קירן. דער כעס, וואָס ער אַליין, אַלפאָנסאָ, האָט אָפּט געשפּירט, ווען ער האָט זיך מיט יהודהן געדונגען און געפּטרט אומזיסט זיין טייערע קיניגלעכע צייט. דער דאָזיקער בערטראַן איז זיינער אַ ברודער.

— האָרך אויס, איידעלער בערטראַן — האָט ער געזאָגט — אפשר ווילסטו דעם הייליקן קריג מיט מיר מיטמאַכן? איך גיב דיר מיין הענטשקע אַלס צוזאָג צו געבן אַ חשובן טייל פון מיין רויב.

בערטראַן האָט געלאַכט מיט זיין לוסטיקן בייזן געלעכטער.

— לויט דעם ווי דו באַלוינסט פאַר אַ פּאָר פערזן, וואָס איך האָב פאַר דיר געמאַכט — האָט ער געזאָגט —זעט מען דיין גוטהאַרציקייט, הער קעניג, אָבער איך וועל נאָך פאַר דיר צוגרייטן די אמתע סירווענטע.

— אַלזאָ, גייסטו מיט מיר, בערטראַן? — האָט געפרעגט דער קעניג.

— איך בין אַ וואַסאַל פון קעניג ריטשאַרד און איך האָב אים צוגעזאָגט צו דינען — האָט בערטראַן געענטפערט. — אָבער איך וועל די דאַמע עלינאָר פרעגן.

און ער האָט געפרעגט ביי עלינאָרן.

— ווילסטו ווידער איבערגיין צו אַ צווייטן הער? — האָט עלינאָר גע־פרעגט.

זיי האָבן ביידע זיך אָנגעקוקט מיט פריילעכע אויגן, די אַלטע פירשטין און דער אַלטער ריטער, און זי האָט געזאָגט:

— בלייב שוין ביי אַלפאָנסאָן, איך וועל עס דערליידיקן מיט מיין ריטשאַרד.

עלינאָר האָט בישט געוואָלט פאַרלאָזן בורגאָס איידער ביידע קעניגן וועלן נישט האָבן אויסגעאַרבעט דעם געהעריקן קריגס־פּלאַן און געבוי אָפּרעדן וועגן זייערע רעכט און התחייבותן.

אַלפאָנסאָ און דאָן פּעדראָ זענען צו איר צוגעשטאַנען זי זאָל זיי געבן עטלעכע פון די געדונגענע, פון די אויסגעפּרוווטע רוטיערן, באַרבאַנסאָ־נען אָדער קאָטערע. אָבער עלינאָר האָט נישט געוואָלט דערפון הערן.

— איר האָט גענוג אייגענע בחורים מיינע — האָט זי געטענהט. — צי מיינט איר, אַז איך וואָלט געהאַלטן אַזעלכע קאָסטבאַרע רוטיערן, אויב איך וואָלט זיי אין אַן עת־צרה נישט באַדאַרפט קעגן מיינע צעבונטעוועטע

באַראַנען? טיילמאָל קאָן איך נישט שלאָפן, ווייל איך ווייס נישט פון וואָס איך וועל זיי צאָלן.

— אָבער אין דער קריסטלעכער וועלט זאָגט מען: „געלט איז אין שינאָן" — האָט אַלפאָנסאָ זיך אָפּגערופן.

— דעם דאָזיקן נאַרישן שפּרוך — האָט זי געענטפערט — האָבן די יידן פון מיין געבענטשטן טאַטן פאַרשפּרייט אין דער וועלט, כדי צו הייבן זיין קרעדיט. איך לכל הפחות האָב קיין שום געלט אין שינאָן נישט געפונען. איך האָב געהאַט שוועריקייטן ביים באַצאָלן די קאָסטן פון דער קבורה פון מיין העניריקן. באַרואיקט איך, מיינע טייערע! אַ פּאָר זעלנער מוזט איר לאָזן פאַר דער אַלטער פרוי, כדי צו באַשיצן איר הויט.

דער קריגס־פּלאַן האָט זיך געשטיצט אויף דער הנחה, אַז ביי דער איצטיקער געשעפענער לאַגע קאָן מען דעם קאַליף יאַקוב אַלמאַנסור אָפּהאַלטן פון מלחמה. מעכטיקע שבטים־אָנפירער אויף זיין מזרח־גרענעץ רעוואָלטירן, און ער אַליין איז שוואַך און געזונט. אַ סברה, אַז ער וועט אָנווענדן אַלע מיטלען, זיינע עמירן זאָלן זיך אין אַנדאַלוזיע אַליי פאַרטיידיקן. עס האַנדלט זיך אין דעם, וואָס דער קאַליף, פּונקט ווי דער סולטאַן סאַלאַדין האָט נישט בדעה צו ברעכן קיין שום אָפּמאַך און דער טערמין פון פאַסקודנעם וואָפנשטילשטאַנד צווישן אַלפאָנסאָן און סעווילע איז נאָך נישט אָפּגעלאָפן. קאַסטיליע וואָלט די ערשטע צייט געמוזט בלייבן נייטראַל. דאַקעגן אַראַגאָן, וועלכע איז נישט געווען געבונדן מיט קיין שום אָפּמאַך, וואָלט שוין געקאָנט די נאָענטסטע צייט אונטער געוויסע אויסריידן אָנפאַלן אויף דער מוסולמענישער וואַלענסיע און שפּעטער רופן צו הילף קאַסטיליע. שפּעטער, ווען די מלחמה וועט אַריבערגעטראָגן ווערן אויך אין קאָרדאָווע און סעווילע, וועט מען דעמלט וואַרשיינלעך קאָנען אויפקלערן די קאַליפן, אַז עס האַנדלט זיך דאָ נישט אין אַ בייזווילליקן ברוך פון וואָפנשטילשטאַנד.

אַלפאָנסאָ האָט געמורמלט. ער איז נישט געווען צופרידן פון דעם וואָס דעם יונגן דאָן פּעדראָ וועט אויספאַלן דער כבוד אָנצוגרייפן דער ערשטער. דאָך איז ער איינגעגאַנגען אויף די באַשלוסן פון דער אַלטער קעניגין און האָט זיך מתחייב געווען אין קיין שום פאַל נישט אַרויסצוטרעטן קעגן קאָרדאָווע און סעווילע, ביז וואַנען אַראַגאָן וועט עס נישט פאָדערן. דאָן פּעדראָ, פון זיין זייט, האָט זיך פאַרפליכטעט שפּעטסטנס אין אַ האַלב יאָר אַרום צו פאָדערן הילף און דעמלט וועט אַלפאָנסאָ איבערנעמען די אויבער־קאָמאַנדע.

אָבער די אַלטע קעניגין האָט זיך דערמיט נישט באַנוגנט. זי האָט מורא געהאַט, אַז קנאה, אָדער פאַלשע אויסטייטשונג פון ריטערלעכן חוב קאָן אַמאָל אַלפאָנסאָן אָדער דאָן פּעדראָן פאַרפירן, און עמעץ פון זיי וועט ברעכן דעם אָפּמאַך. אַזאַ אָפּמאַך ווערט פאַקטיש געשריבן מיט טינט אויף חיה־פעלן, אָבער דאָס בלוט, וואָס פליסט דורך דעם מענטשלעכן האַרץ, איז אַ סך שטאַרקער. זי האָט אַלזאָ ביידע קעניגן און ביידע קעניגלעכע פּרויען פאַרבעטן צו זיך און האָט זיי קורץ און שאַרף, אין אַ האַרציקער פאָרם אויפגעקלערט די פּרטים פונעם אָנגעצייכנטן קריגספּלאַן און דערביי אָנגעוויזן די אויפגאַבן פון דאָן אַלפאָנסאָ און דאָן פּעדראָ, פאַר יעדן באַזונדער. זי האָט אויסגעפילט די דאָזיקע צערעמאָניע אויף אַ געמיטלעכן אופן און שעלמיש דראָענדיק מיטן פינגער, האָט זי געזאָגט:

— איך ווייס, ווי ליב איר האָט איינער דעם צווייטן, אַז איינער דעם אַנדערן וואָלט דערטרונקען. אָבער אַזעלכע שטימונגען זענען שעדלעך. בעת עס גייט אַזאַ וויכטיקע מלחמה. ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, דאַן קאָנט איר זיך ווידער אַרומרייסן וויפל אייער האַרץ געלוסט. פאַרלויפיק ערגערן מיך די מוסולמענער. — און מיט קעניגלעכער ווירדע האָט זי פאַרענדיקט: — איך באַשווער אייך, רייסט אַרויס די קעגנזייטיקע קנאה־שנאה פון אייערע הערצער מיטן וואָרצל, פונקט ווי דער אָקס רייסט אַרויס מיטן וואָרצל דאָס גראָז פון פעלד.

אַלפאָנסאָ איז געשטאַנען מיט אַ בייז צעטומלט פּנים. אויך דאָן פּעדראָ איז געווען צעמישט. אָבער פּלוצלונג האָט זיך אין דער הערשנדיקער שטילקייט דערהערט בערענגאַריאַס האַרטע, כמעט קינדערישע שטים:

— מיר פאַרשטייען דיך, באָבע און קיניגין. אָדער צווישן די ביידע פירשטן, צווישן מיין פאָטער און מיין מאַן, וועט הערשן פולשטענדיקע אַחדות, אָדער זיי וועלן געשלאָגן ווערן פון די געצנדינער.

Tercium non datur *)

— דו האָסט עס תופס געווען, אייניקל מיינס — האָט עלינאָר געזאָגט. — און איצט — האָט זי זיך געווענדעט צו די קעניגן — אין קעגנוואַרט פון אונדז, דריי פרויען, צעקושט אייך ברידערלעך און שווערט ביי דער עוואַנגעליע, אַז איר וועט האַלטן וואָרט, אַזוי ווי איר האָט אונטערגעשריבן און אונטערגעחתמעט.

*) קיין דריטער וועג איז נישטאָ (לאַטיין).

אין טאָג איידער די פאַרזאַמלטע האָבן זיך באַדאַרפט פאַנאַנדערגייען יעדער אויף זיין וועג, האָט מען געפּייניקט דעם אָפּשייד אין בורגאָס־שלאָס.

אין דעם דאָזיקן טאָג האָט בערטראַן דע באָרן דערפילט די בקשה, פון וועלכער ער האָט ביז איצט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. ער האָט אַליין געזונגען זיין ליד, אַ לויב־געזאַנג דער מלחמה, דאָס ליד פון שטאַרבן אין שלאַכט, דאָס באַרימטע ליד „פאַסקאַרס פריילעכע צייטן". ער האָט געזונגען:

עס געפעלט מיר שטאַרק דער זיסער פרילינג,
ווען בלאַט און צוויט עס שפּראָצט אויפסניי,
דער כאָר פון פייגל פרייט מיין אויער;
זיין יוגנט־ליד אין וועלדער שאַלט.
אָבער מער נאָך פרייט מיך, ווען אין ווייט
איך זע געצעלטן אויסגעשפּרייט,
און אַרום אין אַלע פעלדער
גרייטן ריטער זיך צום שטרייט.
אויך פרייט מיך זען, ווי שיסער קומען,
אין פחד מענטש און חיה פליט.
און אָט איז שוין מיין ריי געקומען —
אַ קריגער־מחנה שלאַכט־גרייט ציט.

די אַלטע קעניגין, וועלכע איז געשטאַנען נאָענט צו בערטראַנען, איז געווען געריהרט פון זיינע ווילדע בייז־פריילעכע פערזן. אין אַמאָליקע צייטן, ווען ער איז נאָך געווען יונג, האָט ער זי פונקט אַזוי פריילעך געמאַכט און געריהרט. ער איז געבליבן דער זעלבער ליבער בערטראַן, אַ זעלטענער אויסמיש פון מוט, פרייהייט און דיכטונג. אַ גאַנץ לעבן האָט ער נישט אָנערקענט קיין מפּלות און אפילו איצט איז ער געווען אַנטשלאָסן צו קעמפן, צו זינגען און נישט אונטערגעבן זיך, ביז וואַנען דער טויט וועט אים נישט אַ קלאַפּ טאָן אין פּלייצע, און פונקט ווי עלינאָר אַליין, אַזוי וועט ער זיך אויך נישט אונטערגעבן.

בערטראַן האָט געזונגען:

אַ יום־טוב איז פאַר מיינע אויגן,
ווען מ'שטורעמט הייס אַ פעסטן שלאָס.
די מויער פאַלט, די זיילן ברענען.

איך שפיר אַ פרייד, ווען כ׳זע,
ווי אויף די לאַנקעס ווייטע
דרייסטע קריגס־לייט שטרייטן.
עס רינט דאָס בלוט,
דער צוים — צעשטערט
און שפיז און שווערד אין שפּליטערס,
די פערד זיי שפּרינגען ווילד ארום —
געפאַלן זענען ריטער.
מאַכט קיין ווען נישט דערפון,
אַזאַ טויט איז נישט ביטער,
בעסער פאַרן פיינט אַ טויטער ליגט ער,
איידער לעבן אַ באַזיגטער.

דאָס רויטע פּנים פונעם אַרציבישאָף דאָן מאַרטין איז נאָך רויטער געוואָרן, ער האָט שווער געאָטעמט, באַוועגט מיט די ליפּן, נאָכזאָגנדיק שטיל די פערזן. דער יונגער אַלאַזאַר האָט נישט אַראָפּגענומען זיין בליק פונעם זינגער און מיט די אויגן דוכט זיך אַראָפּגעריסן יעדעס וואָרט פון בערטראַנס ליפּן. ביז איצט האָט אַלאַזאַר בלויז געטרוימט פון מלחמה־רום. איצט זעט ער זי, הערט זי און שפּירט זי מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה. דער דאָזיקער ריטער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס עס האָט זיך געריסן פון אַלאַזארס האַרץ זינט ער געפינט זיך אין קאַסטיליע. פונעם דאָזיקן מאַנס מויל שאַלט אַרויס די מלחמה. דאָס וואָס דער ריטער בער־טראַן באַזינגט, צוליב דעם לעבט ער, אַלאַזאַר.

בערטראַן האָט געזונגען:

„נישט שפּייז און נישט געטראַנק,
נישט שלאָף און נישט ווייב.
פאַר מיר דער בעסטער צייט־פאַרטרייב
צו הערן טראָמפּייטן שאַלן:
פאָרויס! פאָרויס! שלאָג און האַק!
און גרויסע הערן און קליינע קנעכט
פאַלן אויף דער ערד טויט־פאַרוואונדעט,
און פערד אָן רייטער לויפן, הירזשען,
די געטראָפענע קרעכצן, שרייען נאָך הילף!

ווילד, הערלעך קלינגען די געשרייען
פון אַלע זייטן אויפן פעלד.
געשרייען פון נצחון, געשרייען פון נויט,
דאָס גרינע גראָז איז רויט פון טויט,
מיט חמרים מתים די ערד באַדעקט.
צעריסענע גופים, אָפענע וואונדן,
און אין געוויסע ברוסטן נאָך שטעקט
דער שפּיז, די פילפאַרביקע בויגן־פייל.

די פאַרזאַמלטע זענען געווען באַגייסטערט, פּאַרויס! הילף! אַהער! דער גאַנצער אַלטער שלאָס האָט געהילכט פון בערטראַנס בלוטיקער באַגייס־טערונג, פון זיין לוסט צום טויטן־טאַנץ.

דאָן ראָדריגע האָט מער פון אַלעמען געשפּירט און ווי געהעריק אָפּ־געשאַצט די עלאַסטישע קראַפט פון די קלינגענדיקע פּראָוואַנסאַלישע פערזן. אָבער נישט באַגייסטערונג האָבן זיי ביי אים אַרויסגערופן, נאָר שוידער. מיט שרעק האָט ער זיך צוגעקוקט צום פּנים פונעם קעניג, וועלכן נר האָט ליב געהאַט ווי אַן אייגענעם זון. יאָ *(Vultu vivax איז ער געווען דאָן אַלפאָנסאָ. ראָדריגע האָט פאַר אים געפונען דעם ריכטיקן אויסדרוק: דאָס געזיכט שפּיגלט שוידערהאַפט פּינקטלעך אָפּ די נשמה. איצט האָט זיין געזיכט אָפּגעשפּיגלט דעם חשק פון ברעכן און צעשטערן, יענעם יצר־הרע, יענעם בייזן גייסט, וועגן וועלכן מוסא פלעגט אים כסדר דער־ציילן.

דאָן ראָדריגע האָט צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט נישט געקאָנט מער קוקן אויף די פּנימער פון די דאָזיקע ריטער און דאַמען, פון גרויס צער האָט ער איצט געמוזט זיך מודה זיין, אַז ער וואָלט בעסער געוואָלט חדשים, יאָרן־לאַנג זען זיין אַלפאָנסאָ אין דער זינדיקער געזעלשאַפט פון דער האַרטנעקיקער יידישקע, איידער אין דעם פרומען, בלוטיקן, באַגייס־טערטן בונד פון גאָטס קריגער.

דער קאַנאָניק האָט באַשלאָסן זיך צוריקצוקערן קיין טאָלעדאָ מיט דעם קעניגס סוויטע. ער האָט געוואָלט אויף דער דאָזיקער נסיעה דער־פילן זיין חוב, וואָרענען דעם קעניג. איצט האָט ער זיך פון זיין כוונה אָפּגעזאָגט.

*) אַ פרייליך, לוסטיק פּנים (לאַטיין).

נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט ער גיך זיך צוגעגרייט אין וועג אַריין און אַוועקגעריטן קיין טאָלעדאָ אַ מער אָנגעווייטיקטער ווי ער איז אַהער געקומען. ער האָט פאַרנאַכלעסיקט זיין חוב. Infectis rebus א זאַך נישט צו פאַרריכטן.

קאַפּיטל דריי

זינט יהודה איבן עזרא האָט באַקומען די ידיעה וועגן דעם טויט פון קעניג הענריק, האָט ער געוווּסט, אַז אין וואָכן, אפשר אין טעג אַרום וועט אויסברעכן דער קריג מיט די מוסולמענער. כדי נישט צו דערלאָזן צום קריג האָט ער זיך בשעתו אָפּגעזאָגט פון זיין שטאָט סעווילִיע און פון זיין אַמאָליק לעבן. איצט דרייט זיך דאָס מלחמה־ראָד פאָרויס אָן אָפּהאַלט. דער קאַליף וועט זיינע חיילות אַריינפירן קיין אַנדאַלוזיע. אַלפאָנסאָס מפּלה איז אומפאַרמיידלעך און דאַן וועלן די בירגער די שולד אַרויפוואַרפן נישט אויפן קעניג, נאָר אויף אים, יהודהן, און אויף אַלע יידן. דאָס, וואָס ער האָט געזען אַלס ייִנגל אין סעווילִיע, וועט זיך דאָ איבערחזרן. דער גאַנצער כעס פון אדום וועט אויסגיין צו די זעקס טויזנט פּרענקישע יידן, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין זיין לאַנד. סאַראַ שמחה עס איז ביי אים געווען, ווען ער האָט פאַר זיי באַקומען די פּריווילעגיע פון קעניג! מיטן עוקר־הרים, וואָס קערט איבער בערג, האָט ער זיך צוגלייך געשטעלט. און איצט וועט זיינע פּליטים אויסקומען אויסצושטיין מער, ווי זיי וואָלטן אויסגעשטאַנען אין דייטשלאַנד. ער האָט שוין געזען, ווי אויף אים זענען אַנגעצילט די פרומע, משוגענע, פיינטלעכע אויגן פונעם רבי טוביה.

די ידיעות פון ענגלאַנד האָבן פאַרשטאַרקט זיין צער. אין צוזאַמענהאַנג מיט ריטשאַרדס קרוינונג האָט אויך א יידישע דעלעגאַציע בראש מיט אהרן פון לינקאָלן און ברוך פון יאָרק געבראַכט מתנות דעם קעניג אין דער וועסטמינסטער־קאַטעדרע און אים געוואָלט בעטן ער זאָל זיי שענקען די אַלטע פּריווילעגיעס. ער האָט אָבער די יידן פאַרבאָטן אַריינצוקומען אין דער קאַטעדרע און עס האָבן זיך תיכף נאָכדעם פאַרשפּרייט ידיעות, אַז ער האָט דאָס האָב און גוטס און דאָס לעבן פון די יידן אָפּגעגעבן אין רשות פון דער לאַנדאַנער באַפעלקערונג. אַנגעפירט דורך גלחים, האָט דער המון געראַבעוועט יידישע הייזער. א סך יידן האָט מען אַוועקגעשלעפּט אין די קירכעס, געצוווּנגען זיי זיך צו טויפן, און די וואָס האָבן זיך קעגנ־

געשטעלט האָט מען געהרגעט. דאָס זעלבע איז פּאַרגעקומען אין באַרוויטש, אין לין און סטעמפּאַרד, אין לינקאָלן און אין יאָרק. אהרן פון לינקאָלן איז געלונגען געזונטערהייט צו אַנטלויפן פון לאָנדאָן, אָבער בעת די אומרועןאין לינקאָלן איז ער אומגעקומען. ברוך פון יאָרק האָט זיך געטויפט. אײ־נעם זעלבן טאָג האָט דער קעניג ריטשאַרד אים געשטעלט אַ שאלה, צי איז ער אויך אַ קריסט אין האַרצן. ברוך האָט אים געענטפערט, אַז ער האָט נאָר געוואָלט ראַטעווען זיין לעבן, אָבער אין האַרצן איז ער פאַרבליבן אַ ייד.

— וואָס זאָלן מיר טאָן מיט דעם דאָזיקן מאַן — האָט ריטשאַרד גע־פרעגט דעם אַרציבישאָף פון קענטערבערי.

— ווען ער וויל נישט דינען גאָט — האָט דער אַרציבישאָף געענט־פערט מיט כעס — זאָל ער אין גאָטס נאָמען בלייבן אין רשות פונעם טייוול.

מען האָט ברוכן אָלס ייד אָפּגעשיקט קיין לאָנדאָן און דאָרט האָט מען אים מיט זיין גאַנצער משפחה געהרגעט.

ווען אין סאָלידן ענגלאַנד — האָט יהודה געטראַכט — האָבן געקאָנט פּאַרקומען אַזעלכע זאַכן, טאָ וואָס וועט שוין פּאַרקומען דאָ אין קאַסטיליע, ווען אַלפאָנסאָ וועט ליידן אַ מפּלה?

אפרים איז געקומען צו יהודהן. ער האָט אים דערציילט, אַז דער גראַף אַלקאַלאַ האָט זיך צו אים געווענדט וועגן אַ האַלוואָאה אויף זיינע גיטער, אָבער ער האָט אים אָפּגעזאָגט.

— ער איז פאַרשולדיקט — האָט אפרים אויסגעפירט — ער פאַר־שווענדט אַ סך, און דער קריג וועט אים געוויס אינגאַנצן אויסליידיקן. אַזוי אַז זיינע גיטער וועלן ביליק פאַרקויפט ווערן צו די גלויביקע. חוץ דעם האָב איך אים אָפּגעזאָגט צו לייען, ווייל אַ ייד האָט פאַרדינסט פון אַ קרייצ־לער, ווען ער איז אין נויט, שאַפט ער זיך דערמיט אַ סך שונאים. איך גלויב, אַז דער גראַף וועט זיך איצט צו דיר ווענדן.

— איך דאַנק דיר פאַר דער ידיעה און פאַר דער עצה — האָט יהודה סתם געענטפערט.

אפרים האָט נאָך געהאַט אַ צווייטע וויכטיקע ידיעה. די אַלאַכאַמאַ האָט באַשלאָסן צושטעלן דעם קעניג אַ הילפס־קאָרפּוס פון דריי טויזנט מאַן.

יהודה האָט זיך געפילט שרעקלעך דערשלאָגן. האָט ער שוין אַזוי ווייט פאַרלוירן זיין ווערט, אַז די אַלאַכאַמאַ געפינענדיק זיך אין אַזאַ עת־צרה, האָט אָנגענומען דרינגענדיקע באַשלוסן אָן אים?

צי מיינט איר, אַז אויף אַזאַ אופן וועט איר זיך ראַטעווען? — האָט ער געשפּאָסט — דו ווייסט דאָך, וואָס אין ענגלאַנד איז פאָרגעקומען?

— מיר באַדויערן עס, מיר האָבן זיך שטאַרק מישב געווען. — האָט אפרים געענטפערט. — דעריבער ווילן מיר טאָן דאָס, וואָס מיר זענען בכוח צו טאָן, כדי אונדזער קעניג אַלפאָנסאָ — זאָל אים גאָט שומר ומציל זיין — העלפן אָפּצוהאַלטן א נצחון. דעריבער האָבן מיר אַזוי באַשלאָסן, און דו אַליין האָסט דאָך דעם קעניג צוגעזאָגט א הילפס־קאָרפּוס.

— אויף אייער אָרט וואָלט איך בעסער געלט געגעבן — האָט יהודה געענטפערט — צו ווערבירן רוטיערן. מעגלעך, אויס גוטן ווילן, האָט איר פון אייערע רייען געקאָנט אויסטיילן צוויי אָדער דריי הונדערט מאַן. אָבער אַזאַ גרויסע צאָל קרעפּטיקע, וואָפן־פעיקע מענער, וואָלט איר בעסער גע־דאַרפט איבערלאָזן פאַר דער אַלאַכאַמאַ. איך האָב מורא, אַז איר וועט זיך נאָך אין זיי נייטיקן — האָט ער מיט פאַרביטערונג אויפגעקלערט.

— איך שטויס מיך אָן פאַרוואָס דו טראַכסט אַזוי — האָט זיך אפרים רואיק אָנגערופן. — אָבער דיין לאַגע, דאָן יהודה, איז נישט ענלעך צו אונ־דזערע. אפילו אַזאַ קלוגן מאַן, ווו דו ביסט, איז שווער אין דיינע באַדינגונ־גען אָביעקטיוו צו באַהאַנדלען אונדזער לאַגע.

היות אפרים האָט געזען, ווי די דאָזיקע ווערטער האָבן יהודהן גע־טראָפן, האָט ער געענדערט דעם טאָן און געזאָגט:

— איך בין נישט דיינער קיין שונא, דאָן יהודה. איך פאַרגעס נישט, וואָס דו האָסט אונדז געטאָן אויס גוטהארציקייט. אויב עס וועלן אָנקומען טעג, ווען דו וועסט זיך נייטיקן אין אונדזער הילף, שטייען מיר שטענ־דיק גרייט צו דיין דינסט.

—איך דאַנק אייך — האָט יהודה טרוקן אָפּגעענטפערט.

ווען אפרים האָט אים פאַרלאָזן, האָט ער זיך דורכגעשפּאַצירט איבער זיין הויז. ער האָט באַטראַכט די קונסט־ווערק, די ביכער, די מגילות, ער האָט אַרויסגענומען איינע, אַ צווייטע, באַטאַפּט די אורשריפט פון אַוויצע־בּראָן*) לעבנס־באַשרייבונג. ער איז אַוועק אין זיין שרייב־צימער, גענומען בריוו און זיי געלייענט. מען האָט אים פאַרגעלייגט פאַרשידענע אָפּמאַכן, געשעפטן, געפרעגט עצות. קלאָר, מען האָט אים נאָך געהאַלטן פאַר איינעם פון די מעכטיקסטע לייט אויפן האַלב־אינדזל. ער האָט צונויפגעשטעלט

*) אַ פערסישער דאָקטאָר און פילאָזאָף, געבוירן אין בוכאַרע (980—1037).

אַ צעטל פון זיינע לייט אויפן האַלב־אינדזל. ער האָט צונויפגעשטעלט אַ צעטל פון זיינע דעפּאָזיטן, כדי צו וויסן ווי גרויס איז זיין פאַרמעגן. די קריגס־באַוואָפענונגען, פאַרקויפן און הלוואות, דער ריווח פון ניי־אַרויסגעגעבענע געלטער האָבן פאַרגרעסערט זיין עשירות. ער האָט גערעכנט. איבערגערעכנט און אויפסניי גערעכנט. ער האָט פאַרמאָגט אַ קימא לן פון דריי הונדערט און פופציק טויזנט גאָלד־מאַראַוועדי. ער האָט פאַר זיך איבערגעחזרט די דאָזיקע סומע פאַוואָליע, אויף אַראַביש, גלייך ווי ער וואָלט זיך אַליין נישט געגלייבט. אין גרויסן צירונג־קופער האָט ער אויסגעזוכט די ברוסט־פּלאַטע פון זיין פאַמיליע און זי באַטאַפּט. שמייכלענדיק האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, ער איז געשטאַנען פאַרטרונקען אין אוצרות, כבוד און מאַכט. אָבער אַלץ זענען בלויז באַפּוצונגען אויפן קבר.

מיט אַ העפטיקער באַוועגונג האָט ער אַוועקגעיאָגט אַלע טונקעלע געדאַנקען; זאָל אפרים נישט מיינען, אַז ער האָט אַנגעטריבן אויף אים אַ פּחד.

און ער האָט געגעבן אַ הלוואה אויף די גיטער פונעם גראַף אַלקאַלאַ.

אָבער די ווערטער פונעם פרנס האָבן זיך דאָך טיף איינגעקריצט אין זיין האַרצן. עס איז ריכטיק דאָס, וואָס דער ניכטערער אפרים האָט פעסטגעשטעלט , אַז זיין לאַגע איז מער באַדראָט פון אַלע אַנדערע. ווען ער וואָלט געהאַט שכל, וואָלט ער געדאַרפט ווי צומשנעלסטן אַוועק פון דאַנען, אַוועק אויפן מוסולמענישן מזרח, אונטער דער הערשאַפט פונעם יידן־פריינד, דעם סולטאַן סאַלאַדין און אויף אַזאַ אופן ראַטעווען זיך, זיין טאָכטער רחל מיטן אייניקל.

רחל וועט זיך קעגנשטעלן. זי וועט וועלן בלייבן ביי אַלפאָנסאָן. און ווען עס זאָל אים אפילו געלונגען זי איבערצורעדן, דעמלט וועט אים אַל־פאָנסאָ פאַרפאָלגן. און ווי וועלן קאָנען אַזעלכע מפורסמדיקע פּליטים זיך דורכרייסן דורך דער פיינטלעכער קריסטלעכער וועלט און אַוועק אויף מזרח?

און צי דאַרף ער מאַכן אַזאַ שריט, כדי זיך און זיין משפחה צו ראַטעווען? צי דאַרף ער די פּרענקישע פּליטים איבערלאָזן אויף גאָטס באַראָט? אמת, ער וועט זיי דעמלט גאָרנישט קאָנען העלפן. אַדרבא, זיין בלייבן שטעלט נאָך מער אין סכנה זיי און אַלע יידן, אָבער זיי וועלן זיך דערמיט נישט רעכענען. ווען ער וועט אַוועק, וועלן זיי אַלע קללות אויסלאָזן צו זיין קאָפּ. אַ מאַן מיט אַזאַ גרויסן פאַרנעם, וועלן זיי חוזקן, דער בעל־צדקה איבן עזרא איז אַנטלאָפן דאַן ווען ער וואָלט געקאָנט העלפן מיט וואָרט און

טאַט. און ער וועט געשטעמפּלט ווערן אַלס פּחדן און פאַרעטער אויף דור־דורות.

ער האָט זיך גראַד דערמאָנט אַ פּסוק פון משה ברב מיימון: „יעדער ייד באַזיצט אין זיך עטוואָס פון אַ נביא. און דאָס דאָזיקע נביאישע דאַרף יעדער פון זיין נשמה אַרויסרופן". עס זענען אין אים איינגעקריצט און עס פאַרשאַפן אים פרייד אפרימס ווערטער, אַז ער האָט מיט זיין גוטהאַרציקייט אַ סך טובות געטאָן יידן. נייך, ער וועט דאָס נביאישע אין זיין האַרץ נישט דערשטיקן. ער וועט נישט אַנטלויפן פון זיין שליחות. ער וועט בלייבן אין טאָלעדאָ.

אָבער ער מוז זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון און באַגרינדן, פאַרוואָס ער האַנדלט קעגן שכל־הישר און בלייבט אויפן אָרט, נישט געקוקט אויף דער גרויסער סכנה. צי האָט ער מורא פאַר די סכנות, וואָס ער וועט דאַרפן אויסשטיין ביים אַנטלויפן? צי איז עס אויס ליבע צו רחלען, וועלכע וועט זיך נישט קאָנען שיידן מיט אלפאָנסאָן? אפשר גאָר צוליב כבוד און גאווה, ווייל ער וויל נישט באַפּלעקן דעם נאָמען איבן עזרא? צי וויל ער פאַרבלייבן טריי זיין שליחות? די דאָזיקע אַלע פראַגן האָבן אים געמאַטערט און ער האָט זיך נישט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן.

אינמיטן פון די אַלע ספקות און דאגות איז אים אַריין אַ געדאַנק: זין אַליין קאָן ער נישט העלפן, רחלען קאָן ער אויך נישט העלפן, טאָ זאָל ער כאָטש העלפן זיין אייניקל.

ער האָט געשוווירן, אַז ער וועט זיין אייניקל נישט מאַכן פאַר קיין ייד, און ער וועט די ווילדע, עקלדיקע שבועה האַלטן. אָבער קיין שום נדר קאָן אים נישט צווינגען איבערצולאָזן דאָס קינד דאָ אין טאָלעדאָ. איידער אַל־פאָנסאָ וועט אַרויסטרעטן אין פעלד, וועט ער מסתם דאָס קינד אָפּטויפן, נישט רעכענענדיק זיך מיט רחלס פאַרלאַנגען. ער,יהודה, מוז דאָס קינד אוועקנעמען, איידער דער קעניג קומט צוריק אין טאָלעדאָ.

דאָס רוב פון איר צייט האָט רחל פאַרבראַכט אין לאַ־גאַליאַנאַ.

זי האָט געוווּסט, אַז אין די נאָענסטע וואָכן וועט אויסברעכן דער גרוי־סער, שרעקלעכער קריג. אָבער זי האָט זיך נישט געשראָקן. זינט גאָט האָט איר געגעבן די גליקלעכע מתנה, איר עמנואל, איז זי געווען זיכער, אַז גאָטס האַנט שיצט זי, אָדער ווי מוסא האָט זיך אויסגעדריקט: זי געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון גורל.

זי האָט געבענקט נאָך אלפאָנסאָן. אָבער דאָס איז נישט געווען די פרײ־ערדיקע מאַטערנדיקע בענקשאַפט, וואָס גייט איבער פון פרייד צו פאַרצווייפלונג. זי איז דאָך געווען טיף איבערצייגט, אַז ער וועט צו איר צוריקקומען פון זיין ריטער־וועלט. נישט אזוי צוליב זיין תאווה וועט עס אים ציען צו איר, נאָר צוליב אַ גאַנץ אַנדער זאַך: ער האָט ליב די מוטער פון זיין זון: זיין סאַנטשאָ וועט אויך פאַר אים זיין דער עמנואל, און זי מיט אלפאָנסאָן זענען זיך צונויפגעוואַקסן.

אָפטמאָל האָט זי מינוטן־לאַנג מיט דבקות אָנגעקוקט דאָס צאַרטע לענגלעכע פנים פון איר זון עמנואל, דעם משיח. זי האָט געהאַט אַ מטושטש בילד וועגן משיחן. זי האָט געהאַט אַ פאַרשטעלונג, אַז דאָס איז אַ דערהויבענער ליכטיקער מאַן. זי האָט קיין שום השגה נישט געהאַט אויף וואָסער אופן איר קליינער זון קאָן ברענגען די ישועה אויף דער וועלט, אָבער זי האָט געוווּסט, אַז ער וועט דאָס ברענגען. דאָך האָט זי די דאָזיקע זיכערקייט געהאַלטן טיף אין האַרץ, געהאַלטן פאַר אַ חילול־השם דערפון צו רעדן.

נישט איינמאָל האָט זי וועגן דעם גערעדט מיט בנימינען. זייער פריינדשאַפט איז פאַרטיפט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ פריינדשאַפט אָן פיל ווערטער. ער פלעגט איר פאַרלייענען פון אַ בוך, אָדער זיי פלעגן צוזאַמען שפּאַצירן אין גאָרטן.

שבת פלעגט זי, ווי פריער, פאַרברענגען ביי איר טאַטן.

איינמאָל, שבת צונאַכטס, ווען אין דערלופטן איז נאָך געשטאַנען דער ריח פונעם בשמים־ביקסל אויסגעמישט מיטן ריח פון דער פאַרלאָשענער הבדלה אינעם ווייַן, האָט יהודה אַ פרעג געטאָן זיין טאָכטער:

— וואָס מאַכט דיין זון, מיין אייניקל?

ער האָט נאָך זיין אייניקל נישט אָנגעזען מיט די אויגן, זיין פוס איז נאָך נישט איבערגעטראָטן די לאַ־גאַליאַנאַ. רחל האָט געוווּסט, ווי ער לעכצט אָנצוקוקן דאָס ייִנגל. זי האָט אָבער מורא געהאַט עמנואלן אַרויסצוטראָגן פון דער גאַליאַנאַ. הגם דאָס קינד איז געווען אירס, וואָלט זיך אַלפאָנסאָ שטאַרק באַליידיקט, ווען זי וואָלט דאָס קינד כאָטש אויף אַ שעה, אָן זיין דערלויבעניש, אַרויסגעטראָגן.

זי האָט מיט אַ ציטער אין האַרצן געשפּירט, אַז דער טאַטע וויל פאַרפירן מיט איר אַן אָפנהאַרציקן געשפּרעך, און זי האָט אויף זיין פראַגע לייכט פאַרזיכטיק, מיט אַ געווויסן שטאָלץ אָפּגעענטפערט:

— עמנואל איז געזונט און געניסט פון גאָטס חסד.

יהודהן איז געווען שווער צו פֿאַרפֿירן מיט איר אַ שמועס, אָבער ער האָט צונויפֿגעזאַמלט אַלע זיינע כּוחות און געזאָגט:

— דיין זון, מיין אייניקל, דאַרף נאָך האָבן געוווג חסד אויף להבא.

און היות רחל האָט אים אָנגעקוקט מיט שטוינונג, האָט ער פֿאָרגעזעצט:

— ווען ער וואָלט געווען בלויז אַלפֿאָנסאָס זון, וואָלט אים קיין שום געפֿאַר נישט געדראָט; עס וואָלט אים נישט געדראָט קיין שום געפֿאַר, ווען ער וואָלט געווען בלויז דיין זון. די סכּנה שטעקט אין דעם, וואָס ער איז דיין זון און אויך אַלפֿאָנסאָס. אַלס אַלפֿאָנסאָס זון האָט ער אַ גרויסע צוקונפֿט. דאָס ווייסן אַלע און זענען דערמיט מסכּים. אָבער אַ סך זענען נישט צופֿרידן פֿון דעם, וואָס דיין זון דערוואַרט אַזאַ גרויסע צוקונפֿט. און צווישן די פֿאַרזאַמלטע אין בורגאָס־שלאָס זענען אַ סך קעגן. מיר האָבן נישט קיין שום כּוחות זיך קעגנצושטעלן. אונדזער איינציקער כּוח — איז האָפֿן אויף גאָט.

רחל איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן פֿון איר טאַטנס רייד. יהודה האָט איר דאָך שוין דערקלערט וועגן אַלפֿאָנסאָס כּוונות — דאָס קינד צו טויפֿן, און ער איז זיכער, אַז אין דער הינזיכט וועט ער מיט קיינעם זיך נישט רעכענען און נישט איינגיין אויף קיין שום הנחות. און זי אַליין האָט שוין לאַנג שלום געמאַכט מיט דעם דאָזיקן געדאַנק. אָבער מיטאַמאָל האָט זיך אין איר באַוווסטזיין דערוועקט דער געדאַנק וועגן דעם חטא, וואָס זי נעמט אויף זיך, ווען איר עמנואל וועט באַשפּריצט ווערן מיטן געצנדינערישן וואַסער. ניין, איר טאַטע קען נישט אַלפֿאָנסאָן. אַלפֿאָנסאָ האָט זי ליב. אַלפֿאָנסאָ האָט זיך מיט איר צונויפֿגעוואָקסן. קיינמאָל וועט ער איר אַזעלכע גייסטיקע ליידן נישט פֿאַרשאַפֿן. זי האָט מיט אַ רחמנותדיקן טאָן זיך אָפּגערופֿן:

— אַלפֿאָנסאָ האָט בלויז איין־איינציק מאָל מיט מיר גערעדט, אַז ער וויל אונדזער עמנואלן טויפֿן. איך גלויב, אַז ער האָט זיך שוין געוויס דערפֿון אָפּגעזאָגט.

יהודה האָט נישט געוואָלט זי פֿולשטענדיק אַנטוישן, אָבער ער האָט דערין נישט געגלויבט. ער האָט געזאָגט:

— אַלפֿאָנסאָ האָט צוגעגרייט פֿאַפּירן, אַז ער באַשטימט דיין זון אַלס גראַף פֿון אַלמעדאַ. איך קאָן זיך נישט פֿאָרשטעלן, אַז אַ געוויסע דאַמע, וועלכע האָט דעם קעניג געבוירן בלויז טעכטער, זאָל דערויף איינגיין. אַלפֿאָנסאָ איז אַ מוטיקער מאַן אָן שום פֿאַרזיכט. ער איז נישט גענייגט

צו טראַכטן, אַז אַ הויכגעשטעלטע, זיינע אַ נאָענטע דאַמע זאָל זיין פעיק אויף אַ פאַרברעכן. אָבער איך מיין, אַז ער לעבט אין טעות.

רחל איז בלאָס געוואָרן. זי האָט זיך דערמאָנט אַ סך מעשיות וועגן בייזע אייפערזיכטיקע פרויען, וועלכע האָבן די געליבטע שקלאַפינס פון זייערע מענער געמאַטערט און אומגעבראַכט. אויך די אור־מוטער שרה, וועלכע איז געווען גוט און פרום, צי האָט זי נישט אויס שנאה און אייפער־זיכטיקייט פאַרטריבן די קעפס־פרוי הגר מיט איר קליינעם ישמעאל אין מדבר, כדי זיי זאָלן דאָרט אויסגיין פון דורשט?

רחל האָט געשוויגן אַ לענגערע צייט, דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— אַלזאָ, וואָס איז דיין עצה, מיין פאָטער?

יהודה האָט געענטפערט.

— עס וואָלט גוט געווען מיר זאָלן אַנטלויפן, דו, איך און דיין קינד. אָבער דאָס וואָלט געווען געפערלעך. מיר זענען אַנזעעוודיקע מענטשן, אונדז איז זייער שווער זיך אויסצובאַהאַלטן. חוץ דעם, איז דאָס פאָלק איצט שטאַרק אויפגערעגט, ווייל עס טראַכט און גרייט זיך צו מלחמה און אין יעדן פרעמדן זעט עס אַ שונא.

רחל האָט מיט אירע בלאַסע ליפּן געפרעגט:

— צי זאָל איך אַנטלויפן פון אַלפאָנסאָן?

— נאָך נישט — האָט יהודה זי באַרואיקט — איך האָב דאָך דיר אָקאָרשט געזאָגט, אַז דאָס וואָלט געווען געפערלעך. ס׳איז בעסער דאָס קינד אַליין פאַרבאַהאַלטן אין אַ זיכער אָרט.

רחל האָט געענטפערט און מען האָט געקאָנט זען, ווי איר גאַנצער גוף האָט זיך קעגנגעשטעלט:

— איך זאָל דאָס קינד פאַרבאַהאַלטן פאַר אַלפאָנסאָן?

יהודה האָט פאַרזיכטיק, באַרואיקנדיק זי, געזאָגט:

— דיין אַלפאָנסאָ ווייסט אַליין נישט, אַז ער קאָן דאָס יינגל נישט באַשיצן. דאָס יינגל איז אויסער סכנה בלויז אין אַלפאָנסאָס קעגנוואָרט. אָבער אַלפאָנסאָ גייט אויף מלחמה און קאָן דאָס קינד מיט זיך נישט מיט־נעמען. קיינער קאָן אין קאַסטיליע דאָס קינד נישט באַשיצן. דו וועסט ראַטעווען דאָס לעבן פון אונדזער עמנואל, ווען דו וועסט זיך מיט אים שיידן, בעת עס גייט אָן די מלחמה. — אַזוי ווי זי האָט געשוויגן, האָט ער פאַרגעזעצט: — איך האָב דאָס קינד געקאָנט אַוועקנעמען אָן דיין דערלויבעניש און דערנאָך דיר דערקלערן, פאַרוואָס איך האָב אַזוי גע־האַנדלט און איך בין זיכער, אַז דו וואָלסט מיך פאַרשטאַנען און וואָלסט

מיר מוחל געווען. אָבער דו ביסט דאָך אַן איבן עזרא. איך וויל פון דיר קיין זאַך נישט פאַרבאָרגן און נישט אַוועקנעמען פון דיר די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט. איך בעט דיך בלויז אַלץ גוט באַטראַכטן און דערנאָך מיר זאָגן: זאָל אַזוי געשען, אָדער עס זאָל אַזוי נישט געשען.

אין גרויס צער האָט רחל געזאָגט:

— דו ווילסט דאָס קינד אַרויספירן פון קאַסטיליע? — און נאָכ־אַמאָל — דו ווילסט עמנואלן אַרויסשיקן פון קאַסטיליע?

יהודה האָט געזען איר גרויס צער, האָט ער אויף איר רחמנות גע־קריגן און צו איר געזאָגט מיט אַ צערטלעכער שטים, עטוואָס שטאַמלענ־דיק פון אויפרעגונג:

— האָב נישט קיין מורא, רחל מיין טאָכטער. פאַרלאָז דיך אויף מיר. דאָס קינד וועט צונעמען אַ זיכערער מאַן, דער זיכערסטער און געטריי־סטער, וואָס איך קען. קיינער וועט נישט וויסן, וווּ דאָס קינד געפינט זיך, אַחוץ דעם דאָזיקן מאַן. ס'טאָר נישט זיין אין טאָלעדאָ קיינער, וואָס זאָל קאָנען דעם קעניג זאָגן וווּ דאָס קינד געפינט זיך. ווען ער וועט דיר דראָען, ווען ער וועט פון דיר פאָדערן אַן ענטפער, זאָלסטו אים זאָגן, אַז דו ווייסט פון גאָרנישט, און דאָס וועט זיין אַן אמת.

און זעענדיק, ווי רחל זיצט הילפלאָז, אַפּהענטיק, האָט ער געזאָגט:

— אויף אַזאַ אופן וועט דיין קינד נישט זיין אין סכנה, און דו אויך נישט, מיין טייערע רחל. דער איינציקער, וואָס וועט זיין אין סכנה, דאָס בין איך. איך וויל דאָס ייִנגל, דיין זון און מיין אייניקל, ראַטעווען. ווען דער קריג וועט זיך ענדיקן, ווען אין לאַנד וועט רואיק ווערן, ווען אַל־פאָנסאָ וועט זיך באַרואיקן, דאַן ברענגען מיר אים צוריק.

ער האָט לאַנג געוואַרט אין שווייגעניש. נאָכדעם פאַרגעזעצט:

— איך וויל נישט, מיין טאָכטער, אַז דו זאָלסט נעמען דעם קלענסטן אָנטייל אין דער זאַך. דו דאַרפסט גאָרנישט וויסן, ווי אַזוי די זאַך קומט פאָר. איך בעט דיך בלויז: זאָלסט נישט זאָגן — ניין. פאַר דעם איבעריקן בין איך פאַראַנטוואָרטלעך.

אַ קורצע צייט האָט רחל געטראַכט. וועלנדיק פאַרשטיין די סיבה, פאַרוואָס איר פאָטער וויל אויף זיך נעמען אַלפאָנסאָס צאָרן. זי האָט געוווּסט, ווי שרעקלעך אַלפאָנסאָ איז, בעת ער איז אין כעס. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אַריינפאַלנדיק אין צאָרן וועט ער איר טאַטן דערהרגענען. דאָס אַלץ נעמט איר טאַטע אויף זיך, כדי עמנואלן צו ראַטעווען. און צוליב סודותפולע סיבות האָט ער זיך אַליין אָפּגעזאָגט

אָנצוקוקן דאָס קינד. ער איז דרייסט, דער שכל־הישר, מיט וועלכן גאָט האָט אים באַשאָנקען, באַזיגט תמיד זיינע געפילן. זי איז אויף דעם נישט פעיק. זי טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף אירע געפילן. צי האָט זי זיך מיט אַ האַלבער שעה צוריק נישט געפילט גליקלעך, געשיצט אונטערן צודעק פון גורל? און איצט שרעקט זי זיך פאַר איר קינד און פאַרן מאַן. אויב זי וועט זיך איצט אָפּזאָגן עמנואלן אַוועקצושיקן, צי שטעלט זי נישט אין סכנה זיין לעבן? און אז זי וועט אים אַוועקגעבן, צי וועט זי נישט פאַרלירן די ליבע פון איר מאַן? פונקט ווי מען וואָלט דאָ צו איר גערעדט, האָט זי דערהערט די ווערטער פון איר חבטע לאילא: „אָרעם קינד״.

זי האָט זיך באַמיט צונויפצוזאַמלען אין זכרון פאַרשידענע אָפּגעריסענע עפּיזאָדן פון איר לעבן. דער אָפּשייד מיט עמנואלן וועט לאַנג נישט דויערן. אַלפאָנסאָ דאַרף עס פאַרשטיין. אַלפאָנסאָ איז דאָך איר נישט פרעמד.

נאָך אַ לאַנגן שווייגן האָט זי געזאָגט:

— זאָל אַזוי געשען, ווי דו האַלטסט פאַר נייטיק, מיין פאָטער.

אַרויסזאָגנדיק די דאָזיקע ווערטער, איז זי געפאַלן אין חלשות. פאַרענדיק זיך אַרום רחלען, האָט יהודה געטראַכט: פונקט דאָס זעלבע האָט מיט איר פאַסירט דעמלט, ווען איך האָב זי איבערצייגט זי זאָל גיין צום קעניג. ער האָט צו איר געפילט אַן אומבאַגרענעצטע רחמנות און גלייכצייטיק האָט ער זי מקנא געווען. אים, יהודהן, איז פאַרבאָטן צו פאַלן אין אָנמאַכט. ער מוז זיינע ליידן איבערטראָגן אין זיין פולן באַוווסטזיין.

אַלפאָנסאָ איז געווען אויפן וועג פון בורגאָס קיין טאָלעדאָ. עס האָבן אים באַגלייט דער אַרציבישאָף דאָן מאַרטין, דער ריטער בערטראַן דע באָרן און דער נושא־כלים אַלאַזאַר.

דאָס לאַנד, דורך וועלכן זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָט זיך געגרייט צו מלחמה. אויף אַלע וועגן האָבן זיך געצויגן יונגע מענער צו די שלעסער פון זיינע וואַסאַלן. קליינע באַוואָפנטע גרופּן האָבן זיך געלאָזן צו דרום. אַלפאָנסאָ און זיינע באַגלייטער האָבן זיי באַטראַכט פאַכמענעריש; מונטערע אויסרופן און שפּאַסן זענען געפלויגן פון אַלע זייטן, סיי פון די הערן, סיי פון די קינפּטיקע זעלנער.

דער קעניג איז געווען פריילעך, ווי אַ יונג פערדל. ער האָט זיך גע־פרייט צוליבן קריג, ער האָט זיך געפרייט, וואָס ער וועט זען זיין זון, זיין ליבן ממזר סאַנטשאָ, דעם גראַף פון אַלמעדאָ. ער האָט געשפירט צו זיין זון אַ פריילעכע קרעפטיקע, פּאַטערלעכע ליבע. דער קליינער סאַנטשאָ דאַרף עס אויך שפירן, ער אַליין איז אויסגעוואַקסן אָן אַ פאָטער. צו דריי יאָר איז ער געוואָרן קעניג און קיינער האָט נישט געוואָגט צו מאַכן ערנ־סטע פאָרווורפן דעם יינגל, וועלכער איז שוין געווען קעניג. ער וועט נישט דערלאָזן, אַז דאָס קינד זאָל זיך האַלטן ביים מוטערס קליידל. ער דאַרף שפירן זיין פאָטערס האַנט. ווי באַר ער וועט קומען צוריק, וועט ער גלייך אויף אים אַרויפלייגן זיין האַנט, שוין גלייך דעם ערשטן טאָג וועט ער סאַנטשאָן טויפן. רחל וועט אים פאַרשטיין. אויך זי מוז געניסן פונעם חסד, וועו עס זאָל אַפילו אויסקומען אַנצווווענדן שטרענגע מיטלען, אָבער זי וועט אים דאַנקבאַר זיין.

ער איז אַריינגעריטן קיין טאָלעדאָ, זיך אָפּגעריי ניקט, איבערגעטאָן און אַוועקגעריטן צו רחלען. „אלאפיא, זיי געבענטשט", האָט אים שוין פונדערווייטנס באַגריסט דער אויפשריפט אויפן טויער. ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען רחל. לעבעדיק, שטאָלץ און צערטלעך האָט ער זי צוגע־צויגן צו זיך. זי האָט זיך געשפירט גליקלעך, וואָס ער איז שוין ווידער נעבן איר. האַלטנדיק זיין האַנט פעסט אויף איר פּלייצע, זענען זייביידע אַריין אין שטוב. ער האָט אַראָפּגענומען זיין האַנט, באַטראַכט זי פון קאָפּ ביז די פיס און מיט אַ פריילעכן, גליקלעכן שמייכל האָט ער צו איר גע־זאָגט:

— און איצט צום קליינעם סאַנטשאָ.

— ער איז נישטאָ — האָט רחל אָפּגעענטפערט.

אַלפאָנסאָ האָט געמאַכט אַ קליינעם טראָט צוריק. ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען ער האָט געשטוינט.

— ווו איז ער? האָט ער געפרעגט מיט בייזן פאַרדאַכט. — איז דאָס קינד געווען אין קאַסטילאָ?

זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און דרייסט, עס זאָל שטימען מיט דער ווירקלעכקייט האָט זי געזאָגט:

— איך ווייס נישט.

זיינע אויגן זענען אַנגעגאָסן געוואָרן מיט צאָרן, וואָס איז איר געווען גוט באַקאַנט.

— דו ווייסט נישט, ווו מיין קינד איז? — האָט ער געפרעגט מיט אַ ווילדער שטים.

— אין זיכערקייט — האָט רחל אָפּגעענטפערט. — אונדזער זון איז אין זיכערקייט. דאָס איז אַלץ, וואָס איך ווייס. מיין פאָטער האָט אים אַוועקגעטראָגן אין אַ זיכער אָרט.

אלפאָנסאָ האָט זי אַ כאַפּ געטאָן פאַרן אָרעם אַזוי, אַז זי האָט ארויסגע־לאָזן אַ קליינעם געשריי. ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר דער פּלייצע און גע־שאָקלט. צוגערוקט זיין פּנים נאָענט צו איר פּנים, האָט ער זי באַשאָטן מיט בייזע רייד:

— דו האָסט מיין זון, מיין זון סאַנטשאָ אַוועקגעגעבן דיין טאַטן? ער האָט זיין הייליקע שבועה געבראָכן, דער דאָזיקער כלב, און דו האָסט דערצו דערלאָזן? האָסט אים נאָך אפשר צוגעהאָלפן?

מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט רחל געענטפערט:

— איך האָב נישט געהאָלפן, איך האָב מיין פאָטער דאָס קינד נישט אוועקגעגעבן. אָבער איך ווייס און זאָג עס דיר: מיין פאָטער איז גערעכט.

אין אלפאָנסאָס מארך האָבן געשווימלט זלזולים און קללות פון די פּויפּסטלעכע ענציקלעס קעגן יידן, שנאה דרשות פון די גייסטלעכע: דעם טייוולס זרע, שטורעם־פויגל פון שטן. ער האָט צונויפגעפּרעסט זיין האַנט און זיך פאַרמאָסטן מיטן פויסט.

זי איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן.

זי האָט איר ברוסט און איר קאָפּ איבערגעבויגן אויף צוריק, און די האַנט האָט זי לייכט אויפגעהויבן נישט אויס מורא, נאָר כדי זיך צו ווערן. אויף איר בלאַס פּנים זענען נאָך גרעסער געוואָרן אירע בלוי־גרויע אויגן, וואָס האָבן אויף אים געקוקט. אין זיי איז געווען שטוינונג, שרעק, אַנטוי־שונג, אויפרעגונג, צאָרן, דאגה, ליבע. דאָס אַלץ, וואָס אירע ליפּן האָבן נישט אַרויסגעזאָגט, אפשר דערפאַר, ווייל זיי האָבן דאָס נישט געקאָנט אַרויסזאָגן, — דאָס אַלץ האָט ארויסגעזאָגט איר בליק און אירע זשעסטן מיט אַזאַ העפטיקייט, אז ער, אלפאָנסאָ, וואָס האָט מיט די אויגן באַנומען וועלט און מענטשן, האָט קעגן זיין ווילן אַלץ דערשפּירט און פאַרשטאַנען.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט, געוואָרטשעט בייז און מיט פאַראַכ־טונג.

— איר,יידן, איר האָט ביי מיר דאָס קינד אַוועקגעגנבעט — האָט ער געזאָגט — אַזוינס האָב איך זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן.

ער האָט געלאַכט מיט אַ הילכיקן, אָפּגעריסענעם, העסלעכן געלעכ־טער, וואָס האָט רחלען ווי מיט אַ מעסער געשניטן דעם קאָפּ.

ער האָט זיך ראַש אויסגעדרייט, פאַרלאָזט דאָס הויז און אַוועקגעריטן צוריק קיין טאָלעדאָ.

ער האָט באַפוילן יהודה זאָל קומען צו אים אין שלאָס.

— דו האָסט אַלזאָ דיין שבועה געבראָכן — האָט ער אים גלייך געמאָלדן.

— איך האָב מיין שבועה נישט געבראָכן, הער קעניג — האָט יהודה געענטפערט. — עס איז מיר שווער אַזאַ שלעכטע שבועה צו האַלטן, אָבער איך האָב זי געהאַלטן. איך האָב מיין אייניקל נישט געמאַכט פאַר קיין ייד, זאָל מיר גאָט מוחל זיין מיין פאַרברעך.

— דו האָסט מיין זון צוגעגנבעט, דו כלב איינער! — האָט ער גע־רעוועט. — דו האַלטסט אים אַלס משכון. דו ווילסט מיך צווינגען, איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון קריג, כדי צו פאַרהיטן דיינע מוסולמענער. כלב! פאַררעטער! איך וועל דיך הייסן אויפהענגען!

— קיינער האַלט נישט דיין זון אַלס משכון, הער קעניג — האָט יהודה שטיל געענטפערט. — דיין זון געפינט זיך אין זיכערקייט. ער איז געשיצט פונעם קריג, פון די קריסטן און מוסולמענער. דאָ, אין טאָ־לעדאָ, געפינט זיך דאָס קינד אין אַ סכנה, ווען דיין מאַיעסטעט וועט דאָ נישט זיין. באַטראַכט זיך דאָס גאַנץ רואיק, הער קעניג, און דו וועסט אַליין קומען צום זעלבן באַשלוס. איצט איז דאָס קינד אין זיכערע הענט. רחל ווייסט נישט, וו עס געפינט זיך. דאָס איז פאַר איר אַ שווערע אי־בערלעבונג. אויך איך ווייס נישט גענוי, און דאָס קאָסט מיך אויך געזונט.

און מיושבדיק, מיט הכנעהדיקער דרייסטקייט, האָט ער צוגעגעבן: — איך פאַרשטיי פאַרוואָס דו ווילסט מיך הענגען. אָבער דערמיט וועסטו שטום מאַכן מיין מויל, וואָס וועט דיר נישט קאָנען איבערגעבן, ווי עס האַלט מיט דיין זון. — און מיט יראת־הכבוד און ערנסט האָט ער אויס־געררופן: — ווען די מלחמה וועט זיך פאַרענדיקן און די סכנה וועט אַריבער, דעמלט ברענג איך דיר דיין קינד צוריק. איך פאַרזיכער דיר, הער קעניג, איך האָב נאָך מיין אייניקל נישט אָנגעקוקט פאַר די אויגן און איך וויל אים זען איידער איך וועל שטאַרבן. אויך פאַר רחלען וועט זיין שווער דאָס קינד צו פאַרלירן.

אַלפֿאָנסאָ האָט מיט פֿאַרביטערונג געזען, אַז ער איז דאָ הילפֿלאָז. מיטן ייד איז ער געקניפּט און געבונדן, דער ייד האַלט אים אויף אַ שטריק.

נישט אַרויסרעדנדיק קיין איין איינציק וואָרט, האָט ער מיט צאָרן און מיט אַ באַפֿעלערישן זשעסט געהייסן יהודהן פֿאַרלאָזן דעם זאַל.

ווען ער האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, האָט ער צו זיך געזאָגט, אַז יהודה האָט אפֿשר באמת נישט אָוועקגעגנבעט זיין זון אויס רשעות. רחל האָט אים נישט אָפּגענאַרט. זי ווייסט געוויס נישט, וווּ דאָס קינד איז פֿאַרבאַהאַלטן און לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן וואָלט זי דאָס קינד אַזוי לייכט יהודהן נישט אָפּגעגעבן.

פֿאַר אים איז געשטאַנען דאָס בילד פֿון דער שוויגנדיקער רחל, בעת ער האָט זי געזידלט. ער האָט נישט געקאָנט אַרויסטרייבן פֿון זיינע געדאַנקען אירע צאָרנדיקע, טרויעריקע, צאַרטע זשעסטן. מיט קינ־דערישן צאָרן האָט ער זיך באַמיט זי אַרויסצושלאָגן פֿון קאָפּ. איינס נאָכן אַנדערן, מיט דייטלעכער בייזוויליקייט האָט ער אַרויסגעבראַכט אין זיין זכרון אירע זשעסטן, איר אַרט רעדן, וואָס אים זענען זיי נישט געווען שטאַרק אָנגענעם. זי האָט זיך נישט גוט געפֿילט, ווען ער פֿלעגט זי אַרויפֿזעצן אויף אַ פֿערד און גאַלאָפּירט זייט ביי זייט מיט איר. אפֿילו אויף זיינע הינט, אויף זיינע פֿאַלקן האָט זי קיין אַכט נישט געלייגט.

„ווער עס האָט פֿיינט חיות, און וועמען חיות האָבן פֿיינט, דער איז פֿאַרשאָלטן". — און די, וואָס זאָגן אַזוי זענען גערעכט. זי האָט נישט קיין אויג און נישט קיין האַרץ פֿאַר זיינע ריטערישע מעלות, פֿאַר זיינע קעניגלעכע פֿעיקייטן. אַדרבא, זי קוקט אויף דעם מיט פֿאַרדאַכט. זי האָט פֿיינט מלחמה. זי באַלאַנגט צו די שוואַכע, צו די פּחדנים, וועלכע שטערן בלויז די דרייסטע צו גיין אויפֿן וועג, וואָס איז אָנגעצייכנט דורך גאָט אַליין. אין עצם איז זי העסלעך און איז דורך און דורך אַ יידישקע. זי האָט אָוועקגערויבט ביי מיין זון די טויפֿונג, די ברכה פֿון גאָט און אויסלייז פֿון דער נשמה.

ער האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין זיינע געשעפֿטן, אינספּעקטירט זעל־נער, געפֿירט אונטערהאַנדלונגען מיט באַראָנען, מיט קאָמאַנדירן, גע־געסן און געטרונקען מיטן אַרציבישאָף און מיט בערטראַנען.

עס איז אָנגעקומען דער אָוונט און דערנאָך די נאַכט. עס האָט אים ווידער געצויגן צו רחלן. נישט איר קערפּער האָט אים געצויגן. ער האָט איר געוואָלט אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס עס וויקלט זיך אים אויפֿן

האַרצן. ער האָט געוואָלט אַריינזאָגן אין אין ריין, אומשולדיק, שעמעוודיק פּנים אַלץ, וואָס ער טראַכט וועגן איר. אָבער ער איז געבליבן ביי זיין קינדערישן שטאָלצן באַשלוס, און וויפל מאָל עס האָט אים צו איר נישט געצויגן, האָט ער זיך נישט גערירט פון זיין שלאָס.

און אויפן זעלבן אופן איז אַריבער דער נאָענטסטער טאָג.

אָבער מיטן אָנקום פון דער צווייטער נאַכט, איז ער אַוועקגעריטן אין דער גאַליאַנאַ. ער האָט דעם קנעכט איבערגעלאָזט זיין פערד און נישט הייסנדיק זיך אָנמעלדן, איז ער אַוועק דורכן גאָרטן. ער איז געווען צופרידן, וואָס מען האָט, לויט זיין באַפעל, פאַרשאָטן די ציסטערנעס פון רבי חנן. ס'האָט אים אויך הנאה געטאָן, וואָס דאָס גלאָז פון דער מזוזה איז נאָך אַלץ געווען צעבראָכן.

ער איז געשטאַנען פאַר רחלן. זי האָט אויפגעלעבט. ער איז געווען צוגעגרייט אַריינצוזאָגן איר אַלץ, וואָס ער טראַכט אויף לאַטיין, אויף אַראַביש, כדי זי זאָל אים בעסער פאַרשטיין. אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער איז געווען אָנגעבלאָזן און געשוויגן.

ערשט שפּעטער, אין בעט, איז ער צו איר צוגעפאַלן מיט אַ געוואַלדיקער תאווה. שנאה, ליבע, פאַרלאַנג — אַלץ האָט זיך אין אים אויסגעמישט. ער האָט געוואָלט, זי זאָל דאָס אַלץ שפּירן. זי האָט עס, פאַרשטייט זיך, געפילט, און דאָס האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן.

אַ מוסולמענישע דעלעגאַציע איז אָנגעקומען קיין טאָלעדאָ, איבערצוגעבן דעם קעניג פון קאַסטיליע אַ שליחות פון קאַליף. אין דער שליחות איז געזאָגט געוואָרן, אַז די דעלעגאַציע וועט דערמאָנען דעם קעניג וועגן זיין אָפּמאַך מיט סעוויליע. מען האָט אַליזאָ אין בורגאָס ריכטיק זיך משער געווען, אַז דער קאַליף וועט נישט אַריינטרעטן אין קריג, אויב דאָן אַלפאָנסאָ וועט נישט ברעכן דעם וואָפנשטילשטאַנד מיט סעוויליע.

דאָן מאַנריקע דע לארא און אַלע אַנדערע ראַטגעבער זענען געווען שטאַרק צופרידן, וואָס קאַסטיליע און אַראַגאָן וועט נישט אויסקומען זיך צו פאַרמעסטן מיט דער גאַנצער מאַכט פון די קאַליפן. דער אָנקום פון דער דעלעגאַציע איז פאַר דאָן ראָדריגעז געווען אַ שטראַל אין זיין שטימונג. אויב אַלפאָנסאָ וועט זיך צוימען און וועט טאַקטיש באַהאַנדלען די דעלעגאַטן, דעמלט וועט זיך די מלחמה באַגרענעצן צו שלאַכטן און

צוזאַמענשטויסן מיט די עמירן פון קאָרדאָווע און סעווילע און וועט נישט פאַרטרינקען אין בלוט און נויט דעם גאַנצן האַלב־אינדזל.

דער קעניג איז אָבער נישט שטאַרק געווען צופרידן מיטן אָנקום פון דער דעלעגאַציע. ער איז געווען אומגעדולדיק און אויפגערעגט. ער וואָלט שוין גערן געוואָלט האָבן הינטער זיך סיי טאָלעדאָ און סיי דעם שלום. אויך די לאַ־גאַליאַנאַ וואָלט ער שוין געוואָלט האָבן הינטער זיך. ער וואָלט שוין ענדלעך געוואָלט אָנהייבן די לאַנג־געווונטשענע מלחמה. און דאָ קומען גאָר די באַשניטענע, כדי צו פּלוידערן און אונטערהאַנדלען. ער האָט שוין אין בורגאָס געגוג הנחות געמאַכט, און איצט האָט ער נישט קיין שום חשק צו געבן יאַקוב אַלמאַנסורן הכנעהדיקע הבטחות. ער האָט געהאַט בדעה די דעלעגאַציע גראָב אויפצונעמען, אָדער אינגאַנצן זי נישט אויפנעמען.

דער אַרציבישאָף און בערטראַן האָבן אים צוגעגעבן היץ. דאַקעגן דאָן מאַנריקע און דער קאַנאָניק האָבן פּילזייטיק באַטראַכט די ליכטיקע זייטן, וואָס די דעלעגאַציע טראָגט אַריין אין דער געשאַפענער לאַגע. דאָן מאַנריקע איז אַוועק צום קעניג און מיט ערנסטע ווערטער אים געוואָרנט, אַז דער ווילשטאַנד פון דער מלוכה און פון דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט פאָדערט, ער זאָל איינגיין אויף זייערע גינסטיקע פאָרשלאַגן, כדי אויסצומיידן געפערלעכע שריט. אויב ער, דער קעניג, וועט זיך קווענקלען, אויב ער וועט יאַקוב אַלמאַנסורן באַליידיקן אָנשטאָט אים צו מאַכן אַ פיינעם קבלת־פנים, דעמלט וועט ער די גאַנצע אַרמיי פונעם מערב־איסלאַם אַראָפּברענגען קיין אַנדאַלוזיע און, האָבנדיק פאָרויס צוגעגרייט אַ קריגס־פּלאַן, וועט ער ברעכן דעם אָפּמאַך, וואָס ער האָט אין בורגאָס פייערלעך אונטערגעשריבן.

אַלפאָנסאָ האָט זיך לאַנג און עקשנותדיק קעגנגעשטעלט, אָבער היות דאָן מאַנריקע איז נישט אָפּגעשטאַנען, האָט ער סוף כל סוף באַשטימט די שעה פון אויפנעמען די דעלעגאַציע.

מיט דער מוסולמענישער דעלעגאַציע האָט אָנגעפירט דער פּרינץ אַבול־אַסבאַג, אַ קרוב פון קאַליף, וועלכער איז זייער שיין אַרויסגעטראָטן. אַלפאָנסאָ האָט אים אויפגענומען אין דער אָנוועזנהייט פון זיינע ראַטגעבער און גראַנדן, אינעם גרויסן פּרעכטיקן זאַל, ווו די ווענט זענען געווען באַהאָנגען מיט טעפּיכער און פאַרשידענע פענער.

עס זענען פוןביידע זייטן געהאַלטן געוואָרן לאַנגווייליקע צערעמאָניע־דרשות. אַלפאָנסאָ איז געזעסן מעשה פירשט אויף אַ דערהויבע־

נעם שטול און זיך צוגעהערט צו דער פייערלעכער פלוידעריי. ער האָט געזען דאָס פאַרחושכטע פנים פונעם אַרציבישאָף, דעם לץ בערטראַן און דעם פאַרדאגהטן ראָדריגע. זיין בליק האָט געזוכט דעם ייד, וועלכער איז מסתּם באַשיידן געזעסן ערגעץ אין די הינטערשטע רייען. דער דאָזיקער יהודה איז שולדיק, וואָס ער, אַלפאָנסאָ, פריער דער ערשטער ריטער פון דער קריסטלעכער וועלט, פאַרנעמט איצט אַ קלאָגעדיק אָרט הינטער ריטשאַרדן פון ענגלאַנד. מיט דעם דאָזיקן „מעלעק ריק" סטראַשען די מוסולמענישע ווייבער זייערע קינדער. און וואַרשיינלעך, צוליב געוויסע אינטריגעס פון דאָן יהודה, שיקן צו אים איצט די מוסולמענער אַ שליח אים צו וואָרענען. זיינע עצות מיט די כיטרע שפּיצלעך האָבן אים פאַרדרייט דעם קאָפּ, מוז ער איצט אויסהערן די דרשות פון די באַשניטענע. אָבער זאָלן זיי נישט צו זיכער זיין, סיי דער ייד און סיי זיינע אַלטע פאָרזיכטיקע באַלעבאַטים. זיין אינערלעכע שטים קאָנען זיי נישט דערשטיקן. בלויז די דאָזיקע שטים וועט ער פאָלגן.

דער פרינץ אבול־אסבאג איז אַרויסגעטראָטן, טיף זיך פאַרנייגט און אָנהויבן פאָרצולייענען זיין שליחות. דער פרינץ איז געווען אַן אויסגעפּאַשעטער זקן; דער בלויער מאַנטל פון אַ געזאַנדטן איז אויף אים גוט געזעסן. ער האָט גערעדט רואיק און די אַראַבישע ווערטער האָבן פליסיק און דייטלעך זיך געגאָסן פון זיין מויל.

דער הערשער פון די מערבדיקע גלויביקע, האָט ער אויסגעפירט, האָט געהערט וועגן די גרויסע קריג־הכנות פונעם הער קעניג פון קאַסטיליע, דער קאַליף גלייבט, אַז די דאָזיקע הכנות זענען נישט געצילט קעגן זיין וואַסאַל דעם עמיר פון סעווילִיע, וועלכער איז געשיצט דורכן וואָפנשטילשטאַנד. ליידער, האָט זיך לעצטנס אין די קריסטלעכע לענדער פאַרשפּרייט די פאַרברעכערישע משוגענע תורה, אַז אַן אָפּמאַך, וואָס איז געווענדעט קעגן די אינטערעסן פון די קריסטלעכע פריסטער, איז פאַר די קריסטן נישט גילטיק. קריסטלעכע פירשטן פון נאָענטן מזרח האָבן, שטיצנדיק זיך אויף דער דאָזיקער לערע, זייער חוצפּהדיק געהאַנדלט. דעריבער איז דער סולטאַן סאַלאַדין געווען געצוווּנגען אַרויסצורופן דעם הייליקן קריג; דער אַללאַה האָט דעם הערשער פון מזרחדיקע גלויביקע צוריק מיט טריומף אַוועקגעגעבן די שטאָט ירושלים, און די קריסטלעכע פירשטן ברעכנדיק זייער שבועה האָבן באַצאָלט מיטן פאַרלוסט פון זייערע לענדער און מיט זייערע לעבנס.

דאָן אַלפאָנסאָן האָט געהויבן פון אָרט. אָבער ער האָט זיך געהאַלטן

קעניגלעך, הערנדיק די ערנסטע, שטרענגע רעדע. זיין מאָגער, ווי פון האָלץ אויסגעשניצט געזיכט, איז געבליבן רואיק, מען האָט אַפילו געקאָנט צווייפלען, צי ער פאַרשטייט אַראַביש. אינמיטן פון זיין רויט־בלאָנד, קורץ בערדל האָט עטוואָס געצוקט זיין לאַנג, שמאָל מויל, און די קנייטשן אויפן שטערן האָבן זיך נאָך מער פאַרטפיט. זיינע העלע אויגן האָט ער געפירט פונעם שליח אויף דער פאַרזאַמלונג און כסדר האָבן זיי געזוכט דאָן ראָדריגען און ווידער אַמאָל יהודהן.

רעד וויפל דו ווילסט, באַשניטענער, האָט ער אין זיך געטראַכט, און פלוידער וויפל די קענסט. ביל, כלב, ביל, איך ווייס, אַז איר בייסט נישט, דו און דיין באַלעבאָס, איר בלייבט אין אייער פאַרזיכערטער אַפריקע, אויף יענער זייט ים. איך האָב געדולד, איך האָב געטאָן אַזאַ נדר, איך וועל נישט אויפגערעגט, איך דערלאַנג דיר נישט אין פרצוף אַריין, וואָס דו האָסט פאַרדינט. אָבער ווען דו ווסט שוין דאָ נישט זיין, דאַן וועל איך אָנפאַלן אויף קאָרדאָווע און סעווילי, און — דעמלט וועט איר בלייבן ביים בילן און איך וועל אָפּלעקן דאָס ביינדל.

דער שליח האָט ווייטער גערעדט. דער הערשער פון די מערב־גלויביקע, האָט ער דערקלערט, מאַכט אויפמערקזאַם דעם קעניג פון קאַסטיליע, וועלכער האָט אַ שם אין דער וועלט, אַז דער קאַליף קאָן אַ סך זאַכן מוחל זיין, אָבער אויף קיין שום אופן וועט ער נישט מוחל זיין דאָס ברעכן פון אַן אָפּמאַך. דער קעניג פון קאַסטיליע דאַרף זיך דער־מאָנען, וואָס עס האָט פּאַסירט, ווען ער האָט געהאַט פאַר זיך בלויז די אַרמיי פון סעווילי, איצט, ווען ער וועט אַ צווייט מאָל אָנפאַלן אויף סע־ווילי, וועט ער האָבן צו טאָן מיט דער אַלגעמיינער מאַכט פון די קאַליפן, ווען דאָס דאָזיקע פייער וועט אויסברעכן, וועט קאַסטיליע אַ סך טרערן פאַר־גיסן, כדי די פלאַמען צו לעשן.

בעת דאָן אַלפאָנסאָ האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו די ווער־טער פון שליח, האָט ער זיך גלייכצייטיק צוגעקוקט, וואָס עס קומט פאָר אין זאַל. ער האָט געזען, וויביידע, ראָדריגע און יהודה, האָבן מיט גרויס דאגה געקוקט אויף אים, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך ביי אים געבעטן רחמים. יאָ, ער האָט אפילו באַמערקט יהודהס אַמט־צייכן, זיין ברוסט־פלאַטע מיט דריי טורעמס, און בעת ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס ער פאַרשטייט יעדעס איינציק אַראַביש וואָרט פון דעם באַשניטענעם, האָט ער זיך גלייכצייטיק דערמאָנט אין די גאָלדענע מטבעות, וואָס יהודה האָט צו זיין גרויס פרייד אַמאָל פאַר אים אויסגעקלאַפּט און דערמיט

אוועקגעטראָגן זיין געזיכט ווייט איינעם לאַנד פון די קאַליפן. פונעם ערשטן טאָג אָן איז ער מיטן יידן געווען שטאַרק געקניפּט, טיילמאָל מיט פרייד, טיילמאָל מיט דאגה. אָבער אַלעמאָל געגוג געווען געבונדן. ער האָט זיך פּאַר אים געשראָקן, איצט דאַרף ער מאַכן דערצו אַ סוף. ער האָט געזען יהודהס דורכדרינגלעכע, וואָרענענדיקע אויגן, וועלכע האָבן אים דערמאָנט רחלס אויגן. אָבער דאָס וועט דיר גאָרנישט העלפן — האָט ער געטראַכט. מער וועסטו מיך אויף אַ שטריק נישט האַלטן. אפילו פון דיין פּרינץ אבול־אסבאַג וועל איך זיך נישט לאָזן די באָרד צופּן. איך צרייס דעם שטריק.

אַ טיפע שווייגעניש האָט געהערשט אין זאַל, בעת דער פּרינץ האָט פאַרענדיקט. צווישן דער טויטער שטילקייט האָט געקלונגען די קלאָרע שטים פון בערטראַן דע באָרן.

— האָט ער חוצפּהדיק גערעדט, דער דאָזיקער פּאַרשוין? — האָט ער געפרעגט אויף לאַטיין.

דער קאַסטילישער סעקרעטאַר האָט זיך מיט יראת־הכבוד דערנעענ־טערט צום טראָן, כדי איבערצוזעצן דעם שליחות־בריוו. אַלפאָנסאָ האָט אים אַ ווונק געטאָן און געזאָגט:

— עס איז נישט נייטיק איבערצוזעצן, איך האָב יעדעס וואָרט פאַר־שטאַנען און איך וועל דעם דאָזיקן הער ענטפערן, אַז אויך ער וועט יע־דעס וואָרט פאַרשטיין.

און בעת ער האָט גערעדט פּאוואָליע אויף אַראַביש, האָט ער גע־טראַכט, אַז ראָדריגע וועט געוויס שטוינען, ווי שטאַרק זיין אַראַביש האָט זיך אויסגעבעסערט אין דער גאַליאַנאַ. ער האָט געזאָגט:

— זאָג דיין האַר, דעם קאַליף, אָט וואָס: לויטן באַשלוס פון מיינע געלערנטע איז מיין אָפּמאַך מיט סעווילע מער נישט גילטיק, זינט דער סולטאַן האָט פאַרשוועכט דעם קבר פון אונדזער דערלייזער און זינט ער האָט געצווונגען דעם הייליקן פאָטער מכריז צו זיין דעם הייליקן קריג. דאָך, נישט געקוקט דערויף, האָב איך ביז איצט דעם וואָפנשטיל־שטאַנד געהאַלטן. אָבער איצט האָבן די חוצפּהדיקע ווערטער פון דיין האַר די חתימה צעשמאָלצן.

ער איז אויפגעשטאַנען, יונג, דרייסט, מיט אַ פירשטלעכן באַנעם, און געזאָגט מיט אַ דייטלעכער פריילעכער שטים:

— זאָג דיין קאַליף, ער זאָל אַריבערקומען קיין אַנדאַלוז אויף זיינע שיפן מיט זיינע זעלנער. אויף דעם דאָזיקן האַלב־אינדזל וועט אים נישט

אויסקומען צו קעמפן קעגן ווילדע האָרדעס, ווי זיינע אויפשטענדלער אויפן מזרח־גרענעץ. די מענער, וועלכע וועלן זיך אים דאָ קעגנשטעלן, זעבען געשולטע קעמפער פון אַלמעכטיקן גאָט. *) Deus vult — האָט ער אויסגערופן — און דער אַרציבישאָף און אַלע אַנדערע האָבן מעכטיק צוגעהאָלפן.

איצט האָבן אַלפאָנסאָס קלאָרע גרויסע אויגן געשפריצט מיט פונקען, פאַר וועלכע אַ סך האָבן זיך געשראָקן און דאָניאַ לעאָנאָר האָט געקוואָלן.

— און איצט טראָג זיך אָפּ! — האָט ער באַפוילן דעם פרינץ אַבול־אסבאג. — אַלס געזאַנדטער האָסטו דאָס רעכט דאָ צו פאַרבלייבן נאָך צוויי טעג. אויב דו וועסט צו יענער צייט נישט זיין אויף יענער זייט גרענעץ, וועסטו אַליין טראָגן די שולד. זיי צופרידן, וואָס איך האָב נישט געהייסן דיר די צונג אַרויסצורייסן פאַר דיינע חוצפהדיקע רייד.

דער שליח איז בלאַס געוואָרן. דאָך איז ער שנעל געקומען צו זיך. מיט העפלעכע ווערטער האָט ער זיך געווענדעט צום קעניג, ער זאָל זיין באַשלוס איבערגעבן שריפטלעך, ווייל אין קעגנפאַל קאָן נאָך אַמאָל דער הערשער פון די גלויביקע טראַכטן, אַז דער אַללאה האָט אין מיין מויל צעדרייט דעם זין פונעם ענטפער. אַלפאָנסאָ האָט מיט אַ יוגנטלעכן שמייכל געזאָגט:

— אַזאַ טובה קאָן איך דיר טאָן.

ווען די פאַרזאַמלטע זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, האָט ער צוגערופן יהודהן און אים באַפוילן:

— זאָלסט אָנשרייבן דעם בריוו אויף דעם בעסטן אַראַביש, און זאָלסט נישט מילדערן מיינע רייד. דערנאָך וועל איך אונטערשרייבן. דו האָסט געוויס באַמערקט, ווי איך רעד גוט אַראַביש. דיין חתימה וועסטו שטעלן נעבן מיינער.

דאָן ראָדריגע איז געלעגן אויף זיין האַרט בעט. אָפּגעשוואַכט, דער אומעט האָט ביי אים אויסגעזויגן די קראַפט פון די ביינער. דאָס איז ער שולדיק, וואָס אַלפאָנסאָ האָט ווי אַן אומגעצוימט קינד צעשטערט אין בורגאָס דאָס, וואָס איז מיט גרויס טרחה אויפגעבויט געוואָרן. ווען דער

*) גאָט וויל (לאַטיין).

קאַליף וועט איצט אָנפאַלן אויף שפּאַניע מיט אַ ריזיקער אַרמיי, וועט עס זיין זיין שולד. ער האָט זיך נישט געדאַרפט פאַרלאָזן אויף מאַנריקען, ער זאָל דעם קעניג ברענגען צום שכל, ער האָט אַליין געדאַרפט אָנווענדן אַלע כּוחות, דעם קעניג אַלץ אויפצוקלערן.

דאָס איז פאָרגעקומען נישט אויס שוואַכקייט און נישט אויס מורא. זינט דער קעניג האָט געפירט אַ ליבע מיט רחלען, האָט אים דער אַרצי־בישאָף כסדר פאָרגעוואָרפן, אַז עס פעלט אים די „סעווא אינדיגנאַטיאַ" (די שטרענגע אויפרעגונג), מיט וועלכער עס האָבן געקלונגען די ווערטער פון די נביאים און פון די קירכן־פּריסטער. דאָן מאַרטין האָט אים מיט רעכט געזידלט. ראָדריגעס האַרץ האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון אַלפאָנסאָס ריטערישע, יוגנטלעכע, קעניגלעכע מאַניערן. ער האָט אַרויסגעוויזן פאַר־שטענדעניש דאָרט, וווּ מען האָט נישט באַדאַרפט קיין פאַרשטענדעניש און נישט קיין מחילה. די לעצטע וואָכן האָט ער נאָך אַ גרעסערע שולד אויף זיך אַרויפגעשלעפּט. טיף אין האַרצן האָט ער באַגריסט דעם קעניג, ווען ער האָט זיך לעצטנס ווידער צוריקגעקערט צום זינדיקן לעבן אין דער גאַליאַנאַ. ער איז געווען זיכער, אַז צוליב דעם וועט דער קריג ווי־דער אָפּגעלייגט ווערן.

ער האָט געטראַכט ווי אַמאָל זיך צו ראַטעווען דורך רעליגיעזער התלהבות. ער האָט געפאַסט און זיך געפּייניקט. ער האָט זיך פאַרבאָטן צו קומען אין קאַסטיליאָ איבן עזרא, זיך אָפּגעזאָגט פון די געשפּרעכן מיט זיין קלוגן פריינד מוסא. אָבער ער האָט נישט געקאָנט געפינען פאַר זיך קיין שום מחילה. גאָטס חסד האָט זיך פון אים אָפּגעקערט, די טיר פון זיין לעצטן מקלט איז געווען פאַרשפּאַרט.

און איצט, אויס שוואַכקייט, האָט ער דערלאָזן, אַז די מלוכה זאָל אַריינטרעטן אין נארישן קריג. בלויז צוליב זיין אָפּגעלאָזנקייט האָט ער זיך אפילו נישט באַמיט צו באַאיינפלוסן דעם קעניג ער זאָל געבן אַ מער שכלדיקן ענטפער דעם קאַליף. ווען ער וואָלט מיט אים גערעדט, וואָלט ער אויך געדאַרפט באַרירן די פראַגע וועגן זיין ליבע מיט רחלען. ער האָט זיך פשוט געשראָקן צו נעמען אויף זיך אַזאַ ראָל.

קיינמאָל אין זיין לעבן האָט ער אַזאַ האַרצוויייטיק נישט איבערגע־לעבט. אין אים האָבן געהילכט די ווערטער פון אַבעלאַר:

„דאָס זענען געווען טעג, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, וואָס עס הייסט ליידן, וואָס עס הייסט זיך שעמען און וואָס עס הייסט צווייפלען".

ער האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ ווייטיק אין זיין גאַנצן גוף. ער האָט געוואָלט אָפּוועגדן זיינע געדאַנקען. ער האָט זיך באַמיט פאַרצווזעצן זיין כראָניק. עס איז געווען אַ גרויסער שטויס פאַרשריבענער פאַרמעט. ער האָט אָנגעהויבן צו לייענען איין בלאַט, אַ צווייט בלאַט. אָך, דאָס וואָס ער האָט מיט אַזויפיל מי אָנגעשריבן, איז נאַקעט און פּוסט. קיין שום זין האָט ער נישט געקאָנט געפינען אין די געשעעניש, וואָס ער האָט מיט אַזויפיל טרחה פאַרשריבן.

ווי פאַלש איז געווען זיין אָפּשאַצונג איבער אַלפאָנסאָן! ס'איז שרעקלעך, ווען איינער שטייט זייער נאָענט צום צווייטן און ער קאָן אים נישט אָנווייזן אויפן „אצבע אלוקים" אין דער צייט פון אַזעלכע גרויסע געשעענישן!

ער האָט גענומען אַ בוך, וואָס ער האָט נישט לאַנג באַקומען פון פראַנקרייך. אַ סך זאַכן האָבן אין אים אַרויסגערופן אויפרעגונג. ער האָט געלייענט „דעם בוים פון שלאַכטן" פונעם שרייבער האָנאָרע באָנע, דעם ראש פון סעלאָנע־קלויסטער. דאָרט דערקלערט ער מיט אַלע פּיטשעווקעס דעם זין פון מלחמה.

ראַדריגע האָט געלייענט. דער דאָזיקער פּריאָר פון סעלאָנע איז געווען אַ בראַווער מאַן, מיט קאָפּ און אַ גרויסער מאמין. אויסטייטשנדיק די הייליקע שריפטן, האָט ער אויפגעקלערט, צי מען מעג מלחמה האַלטן אום יום־טוב, אין וועלכע פאַלן דאַרף מען דעם שונא דערהרגענען, אין וועלכע פאַלן מעג מען זיך באַגוגענען אים צו נעמען אין געפאַנגענשאַפט, ווי הויך דאַרף זיין דאָס אויסלייז־געלט, וואָס אייך קריסט האָט רעכט צו פאַרלאַנגען פאַרן צווייטן גוטן קריסט.

אים, דעם פּריאָר באָנע, קווענן נישט קיין שום פּראָבלעמען! דרייסט פאַרטראַכט ער זיך איבער אַלע שווערסטע פראַגן און לעזט זיי קורץ, שאַרף און ניכטער. ער האָט געגעבן אַן ענטפער אויף אַלע פראַגן פון די יעניקע, וועלכע צווייפלען, צי מלחמה איז לויט גאָטס געזעצן פון פאַרויס פאַרבאָטן.

אַ סך כיטראַקעס — האָט געזאָגט דער פּריאָר פון סעלאָנע — האַלטן, אַז מלחמה איז שעדלעך דערפאַר, ווייל אויס נויטווענדיקייט ווערן אין איר אָפּגעטאָן אַ סך רשעות, און שלעכטס טאָן האָט גאָט פאַרבאָטן. אָבער איך זאָג אייך, אַז דאָס איז אומזין. קריג איז נישט קיין שלעכטס, ער איז גוט און באַרעכטיקט, ווייל דער קריג באַמיט זיך אומגערעכטיקייט צו פאַרוואַנדלען אין גערעכטיקייט און מלחמה צו פאַרוואַנדלען אין שלום,

פונקט ווי עס שטייט געשריבן אין די הייליקע שריפטן. און אויב בעת דעם קריג ווערט אָפּגעטאָן אַ סך רשעות, איז עס נישט צוליבן עצם קריג, נאָר דורך דער פאַלשער הנהגה פון יחידים, ווי למשל, ווען אַ קריגער כאַפּט עמעצנס אַ ווייב און פאַרגוואַלדיקט זי, אָדער פאַרברענט אַ קלויסטער. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין קריגס־נויטווענדיקייט, נאָר אַ פאַלשע הנהגה פון יחידים. דאָס זעלבע איז שייך גערעכטיקייט: דער ריכטער דאַרף אַרויסטראָגן אַ גערעכטן אורטייל. אָבער ווען אַ ריכ־טער טראָגט אַרויס אַן אומגערעכטן פּסק, צי קאָנען מיר דעמלט זאָגן, אַז די גערעכטיקייט איז שלעכט אין איר עצם? פאַרשטייט זיך, אַז ניין. דאָס שלעכטס שטעקט נישט אין דער גערעכטיקייט גופא, נאָר אין איר פאַלשער אָנווענדונג, אין איר שלעכטער אויסטייטשונג, אין די שלעכטע שופטים.

דער קאַנאָניק האָט אַ זיפץ געטאָן. ביים פריאָר באָגע איז אַלץ פּשוט. דער געלערנטער ראַדרינגע האָט געוווּסט, אַז נישט אַלע זענען אייַנשטימיק בנוגע דעם דאָזיקן פּראָבלעם. די אַלט־קריסטלעכע סעקטע פון די מאָנ־טאַניסטן האָט דערקלערט, אַז קריג־דינסט איז אין ווידערשפּרוך מיטן קריסטנטום. דער קאַנאָניק האָט זיך דערמאָנט אַ ציטאַטע פונעם מאָנטאַניסט טערטוליאַן:

„אַ קריסט קאָן נישט ווערן קיין זעלנער, און אַז אַ זעלנער ווערט אַ קריסט, טוט ער אָמבעסטן ווען ער פאַרלאָזט זיין דינסט".

אַ סך זענען דאָ אַזעלכע ביישפּילן. דער יונגער מאַקסימיליאַנוס, וועלכן מען האָט אַריינגעטראָגן אין די ווערביר־ליסטעס, האָט געמאָלדן דעם פּראָקאָנסול:

„איך קאָן נישט דינען, איך טאָר נישט טאָן קיין שלעכטס, ווייל איך בין אַ קריסט".

דער דרייסטער און אין אַ סך שלאַכטן פאַרהאַרטעוועטער זעלנער טיפאַזיוס, האָט נאָך זיין באַקערונג זיך געוואַקלט, צי זאָל ער ווייטער פאַרבלייבן אין דינסט. ער האָט געזאָגט צו זיין צענטוריאָן:

„איך בין אַ קריסט און קאָן אונטער דיין באַפעל ווייטער נישט קעמפן".

און דאָ, אויפן שפּאַנישן באָדן, אין קעגנוואַרט פון זיין לעגיאָן, האָט דער צענטוריאָן מאַרצעלום אָוועקגעשליידערט זיין שווערד אויף דער ערד און דערקלערט:

„איך דין נישט מער דעם קייזער. פון הייגט אָן און ווייטער דין איך קריסטוסן, דעם אייביקן קעניג".

און די קירך האָט מאַקסימיליאַנוסן און מאַרצעלוסן געגעבן גערעכט. שפּעטער, אונטער דער ממשלה פונעם מלך קאָנסטאַנטין, האָט דער קאָנציל פון אַרץ אַרייַנגעלייגט אין חרם די אַלע, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון מיליטער דינסט.

דער פּיפּיקער צוציענדיקער, געפּערלעכער אַבעלאַר האָט אין זיין „יאָ און ניין" צונויפגעזאַמלט פון די הייליקע שריפטן אַלץ, וואָס איז פאַר און וואָס איז קעגן מלחמה און דעם באַשלוס, די ברירה האָט ער איבערגעלאָזט דעם לייענער. אָבער ווער איז עס אויף אַזויפיל קלוג זיך פאַנאַנדערצוקלויבן? ווי קאָן מען זיין אַ נאָכפאָלגער פון קריסטוסעס תורה, ווי קאָן מען זיך קעגנשטעלן דאָס שלעכטס און גלייכצייטיק פירן מלחמה? ווי קאָן מען ליבן דעם שונא און גלייכצייטיק אים פאַרניכטן? ווי קאָן האַרמאָניזירן דער רוף צום קרייץ־צוג מיט דער לערע פונעם דערלייזער:

„ווער עס ציט אַרויס די שווערד, וועט אַליין פון איר אומקומען".

ראָדריגע איז פאַרפלייצט געוואָרן פון זיינע געדאַנקען. די זייטן פון די ביכער, וואָס ער האָט געלייענט זענען געוואָקסן און געוואָקסן פאַר זיינע אויגן. די אותיות האָבן אים צעטומלט. „וואָלטו וויוואקס", אַ לעבעדיק פּנים, דאָס איז פאַר אַלפאָנסאָן צוגעפּאַסט. ער האָט געזען, אַז ווי נאָר דער מוסולמענישער פּרינץ האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט זיך תיכף אָנגעצונדן אַ ווילדער פייער אונטער אַלפאָנסאָס הערשערישער מאַסקע, פלאַמען האָבן געפלאַקערט, און ענדלעך איז זיין צעווילדעוועט פּנים באַהערשט געוואָרן מיט לוסט צו באַליידיקן, שלאָגן, צעשטערן. אַ פּחד האָט אַרומגעכאַפּט ראָדריגען, ווען ער האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם דאָזיקן געזיכט.

מען קאָן אָבער מוחל זיין דעם קאָנאָניק זיין פּחד. ביי יעדער ערנסטער פראגע האָט תמיד אַלפאָנסאָ אַרויסגעוויזן זיין אומבאַצוימטע מאַכט. קיינער איז נישט געווען אימשטאַנד אים זיך קעגנצושטעלן. גאָט האָט אַרויפגעלייגט אויף זיינע פּלייצעס אַ רעכט שטיקל אַרבעט, אָנפאַרטרויענדיק אים די אַרבעט פון וועגווייזער און קעניג.

ער אַליין טאָר אָבער נישט באַפּוצן זיין שוואַכקייט און זיין שולד מיט אַזעלכע סאָפיזמען. נאָך איצט טאָר ער נישט זאָגן, אַז אַלץ איז שוין פאַרפאַלן. זיין אויפגאַבע איז — אַלפאָנסאָן צו וואָרענען. וועט ער האָבן דערביי דערפאָלג אָדער ניין, דאָס איז שוין גאָטס זאַך. ער מוז אַלפאָנסאָן

זען נאָך היינט,באַלד. ווייל אויב דער קעניג האָט אַזוי העזהדיק אַרויסגע־פּאָדערט דעם קאַליף, וועט ער בלי ספק תיכף אַרויסטרעטן אויף דרום.

ער איז אַוועק אין שלאָס.

אַלפאָנסאָ איז געווען לוסטיק און פריילעך זינט ער האָט דעם מוסול־מענישן פּרינץ אויף אַזאַ קעניגלעכן אופן משלח געווען. ער האָט זיך געפילט לייכט און פריי, ער האָט געפּאָלגט זיין אינערלעכע שטים. עס איז געקומען אַ סוף צום וואַרטן, זיין מלחמה איז שוין דאָ. ער איז געווען פול מיט קעניגלעך־פריילעכער זיכערקייט.

זיין פרייד האָט עטוואָס געשטערט די פאַרדאגהטע צורות פון זיינע ראַטגעבער. זיי האָבן אים דערמאָנט די פּנימער פון זיינע דערציער, ווען זיי האָבן מיטן יונגן קעניג אַלפאָנסאָ נישט מסכים געווען, אָבער נישט געוואַגט זיך קעגנצושטעלן. און דאָ איז געקומען זיין פריינד ראָדריגע, וועלכער איז געוויס אויך נישט מסכים מיטן ענטפער, וואָס ער האָט גע־געבן דעם קאליף.

אפשר איז גוט, וואָס ראָדריגע איז גראָד איצט געקומען. ער מוז זיך מיט אים דורכשמועסן. אויך וועגן דעם, וואָס עס איז פּאָרגעקומען אין דער גאַליאַנא האָט ער שוין פון לאַנג געדאַרפט רעדן מיט זיין פאָטערלעכן פריינד. און עס איז נישטאָ קיין בעסערע צייט אים אַלץ אויפצוקלערן און זיך צו באַרעכטיקן ווי איצט, ווען ער איז גליקלעך און פול מיט מוט.

שנעל און אַנטשלאָסן, אָן אַריינפירונגען און באַפוצונגען האָט ער אים דערציילט, וואָס עס איז פּאָרגעקומען צווישן אים, רחלען און איר פאָטער, ווי דער לעצטער האָט דאָס קינד אַוועקגעגנבעט, איידער ער האָט עס באַ־וויזן צו טויפן. איך האָב אויף זיך אַרויפגעשלעפּט אַ גרויסע זינד, מיין פריינד און פאָטער — האָט ער געזאָגט — אָבער איך בין דיר מודה, אַז דאָס אַרט מיך קנאַפּ. מאָרגן טרעט איך אַריין אין קרייץ־צוג און עס וועט לאַנג נישט דויערן און איך וועל קומען צוריק ריין פון אלע חטאים. דעמלט וועל איך נישט בלויז טויפן מיין זון, נאָר אויך ראַקעלן וועל איך אַוועקפירן אויף אַ געבענטשטן וועג. איך וועל זיין שטאַרק נאָכן קריג. איך ווייס עס גאַנץ גוט.

ראָדריגע האָט מורא געהאַט, אַז דאָס קינד געפינט זיך נאָך אַלץ אין דער גאַליאַנאַ, אין טאָג־טעגלעכער נאָענטקייט מיט זיין פאָטער, וועלכער האַלט אים דאָרט ביזן געבענטשטן טאָג פון זיין טויף. אָבער ער האָט לייכט אָפּגעאָטעמט, ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז ס'איז נישט אַזוי. דעריבער האָט זיך דער קעניג נישט געפילט אַזוי שטאַרק שולדיק. ראָד־

ריגע האָט זיך דערמאָנט אין אַבעלאַרס טיפֿע געפֿערלעכע ווערטער: Non est peccatum nisi contra consientiam *) קעגן זיין אייגענעם ווילן האָט ער ווידער פֿאַרשטאַנען דעם קעניג און אפֿילו אים מיטגעפֿילט.

אָבער בעת אַלפֿאָנסאָס טרויעריקער באַריכט איבער דער גאַליאַנאַ האָט אַ ביסל אָפּגעשוואַכט זיין צער, איז ער פֿון דער צווייטער זייט געווען שטאַרק אויפֿגערעגט פֿון דער לייכטזיניקייט מיט וועלכער אַלפֿאַנסאָ האָט זיך באַצויגן צום קינפֿטיקן קריג. דער דאָזיקער קעניג, וועמען גאָט האָט צוגעטיילט פֿאַרשטאַנד, איז פֿולשטענדיק בלינד געוואָרן: רעדט וועגן אַ שנעלן זיכערן קריג און גיט זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג אין וואָסער סכנה ער שטעלט זיין לאַנד. אויסערגעוויינלעך שטרענג האָט זיך ראָדריגע צו אים געווענדעט:

— דו לעבסט אין טעות, קעניג אלפֿאָנסאָ. די דאָזיקע מלחמה וועט נישט אָפּשוואַכן דיינע זינד. עס איז נישט קיין הייליקע מלחמה. דו האָסט זי פֿון דער ערשטער רגע באַפֿלעקט מיט אויפֿרעגונג און גאווה.

אַלפֿאָנסאָ האָט באַטראַכט דאָס שוואַכע לייב פֿונעם גייסטלעכן, זיינע ווייסע צאַרטע הענט, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין שווערד נישט געהאַלטן, קיינמאָל קיין פֿייל פֿון קיין בויגן נישט אַרויסגעלאָזט. באַגורטלט מיט הערשערישער זיכערקייט, איז ער געווען מער פֿאַרוווּנדערט ווי בייז אויפֿן אויפֿגערעגטן דאָן ראָדריגע.

— ענינים פֿון מלחמה און ריטערטום האָבן צו דיר נישט קיין שייכות, טייערער פֿאָטער — האָט ער פֿריינדלעך געענטפֿערט און געראַטן אים דערויף זיך צו פֿאַרטראַכטן: — איך האָב אפֿשר געדאַרפֿט זיך מישב זיין מיטן באַשניטענעם, ער זאָל אין מיין אייגענעם שלאָס מיר צופּן די באָרד? איך פֿאָלג מיין אינערלעכע שטים, וועלכע ווייזט מיר דעם וועג.

— אינערלעכע שטים? — האָט שטיל אָבער העפֿטיק איבערגעחזרט דער קאַנאָניק. די חוצפּהדיקע זיכערקייט פֿון קעניג האָט אין אים אויפֿגעוועקט יענע ווילדע פֿאַרביטערונג, אין מאַנגל פֿון וועלכער דאָן מאַרטין האָט אים אָפּט פֿאָרגעוואָרפֿן. אינערלעכע שטים! ווען דו שוואַכסט נאָר אָפּ די צוים פֿון דיין פֿאַרברעכערישער גאווה, פֿאַררופֿסטו זיך אויף דיין אינערלעכער שטים! מאַך אויף דיינע אויגן און זע, וואָס דו האָסט אויפֿגעטאָן. דער קאַליף האָט דיר געגעבן צו וויסן, אַז ער וועט נישט אַריינטרעטן אין קריג. ער האָט דיר זיין האַנט דערלאַנגט און דו האָסט

---

*) זינדיק איז דער, וואָס אַנערקענט זיין זינד (לאַטיין).

אין איר אָנגעשפּיגן. צוליב דיין פּוסטער גאווה האָסטו אַרויסגעפּאָדערט די אַפריקאַנער אַרמייען, וועלכע זענען ווי דער זאַמד ביים ים. דו ברעגסט אַראָפּ אין לאַנד די פיר אַפּאָקאַליפּטישע רייטער. דו האָסט געהאַנדלט, גלייך דער קריג וואָלט געווען אַ ריטערלעכע שפּיל אָדער טורניר. דו האָסט דעם אָפּמאַך מיט אַראַגאָן געבראָכן, תיכף נאָכדעם ווי דו האָסט אים אָפּגעשלאָסן.

דער מאָגערער מאַן איז געשטאַנען מונטער, אין אַ דראָענדיקער פּאָזע, זיינע שטילע אויגן האָבן ווילד און טרויעריק געקוקט אויף אַלפאָנסאָן.

דער הייליקער טרויער פון גייסטלעכן האָבן אים צעטומלט. דאָך, אין אַ רגע אַרום, איז ער געקומען צו זיך. אַלפאָנסאָס פריילעכער בליק האָט זיך צונויפגעטראָפן מיטן צאָרנדיקן בליק פון קאַנאָניק. ער האָט געשמייכלט, געלאַכט מיט אַ הויך העסלעך געלעכטער. ער חוזקט:

— ווו איז דייך צוטרוי צו גאָט, פריסטער? זינט הונדערטער יאָרן האָבן די אומגלויביקע די איבערמאַכט, און נישט געקוקט דערויף האָט אונדז גאָט אַלץ מער און מער פון אונדזער לאַנד צוריק אָפּגעגעבן. דו רעדסט אַזוי, ווי מיר וואָלטן געווען אַ סטאַדע שאָף. איך האָב אויפן דרום גוטע פעסטונגען, איך האָב דאָרט מיינע קאַלאַטראַוואַ־ריטער. חוץ אַראַגאָן האָב איך פערציק טויזנט ריטער. ווילסט מיר פאַרבאָטן איך זאָל אַרויסווייזן דעם מוט, יאָס מיינע אורעלטערן האָבן אַרויסגעוויזן? זאָל איך מיך פאַרבאַהאַלטן הינטער ליגנס און פאַלשקייטן, אָנשטאָט זיך צו שטיצן אויף מיין טייערער שווערד?

ער איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן פרעך, ווילד, ריטערלעך, און הינטער זיין פנים האָט דער קאַנאָניק געזען בערטראַנען, וועלכער האָט געזונגען זיינע וויסטע לידער.

— לעסטער נישט! — האָט ראָדריגע אויסגערופן — דאָ ביסטו נישט קיין ריטער, וואָס גייט אויף טורנירן, דו ביסט דער קעניג פון קאַסטיליע. דיינע פעסטונגען! צי ביסטו זיכער, אַז זיי וועלן אויסהאַלטן דעם שטורעם פונעם קאַליפס קריגס־מאַשינען? דיינע פערציק טויזנט ריטער! איך זאָג דיר, אַז דאָס רוב פון זיי וועט פאַרטיליקט ווערן דורך די מוסולמענישע מחנות. פאַרוויסטונג, בראַנד, שחיטה וועט הערשן איבער דיין גאַנץ לאַנד. עס וועט זיין אַ גרויסער חורבן, און דו וועסט זיין דער שולדיקער. דו וועסט גאָט דאַנקען, אויב ער וועט דיר איבערלאָזן טאָלעדאָ.

די בביאישעווילדקייט פון קאַנאַניק האָט אָנגעטריבן אַ פּחד אויף אַלפאַנסאָן. ער האָט געשוויגן, אָבער ראָדריגע האָט פאַרגעזעצט:

— דיין טייערע שווערד! פאַרגעס נישט, אַז די שווערד פאַרטרויט גאָט אַליין די קעניגן. דו האַנדלסט אַזוי, גלייך דו וואָלסט געווען דער באַ־לעבאָס פון מלחמה און שלום, פאַרגעס נישט, אַז די מלחמה איז פּראָקלאַ־מירט געוואָרן אַלס מלחמה פון גאָט. אין דעם דאָזיקן קריג ביסטו נישט בעסער, ווי דיין לעצטער דינער. דו ביסט גאָטס קנעכט.

אַלפאַנסאָ האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם אומאָנגענעמען געפיל. מיט זיין געוויינלעכער קאַלטער, לייכטער גאווה האָט ער געענטפערט:

— פאַרגעס נישט, פּריסטער, אַז גאָט האָט מיר געשאָנקען דאָס רייכע קאַסטיליע און טאָלעדאָ. גאָט איז מיין סוזערען. איך בין נישט זיין קנעכט, נאָר זיין וואַסאַל.

קיין שום זאַך האָט שוין מער נישט געהאַלטן דעם קעניג אין טאָלעדאָ. די פאַרזאָרגטע פּנימער פון זיין סביבה און די בייז־פרומע דרשה פון דאָן ראָדריגע האָבן אים פאַרדאָרבן די פרייד פון זיין ריטערלעכער האַלטונג בנוגע דעם קאַליף. ער האָט באַשלאָסן באַלד אויפצומאַרגנס אַוועקפאָרן אויף דרום. זיינע אָרדן־ריטער אין די פעסטונגען פון קאַלאַטראַווא און אַלאַרקאָס וועלן אים גיכער פאַרשטיין.

די לעצטע נאַכט פאַרן אָפּפאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין לאַ־גאַליאַנאַ. ער איז געווען אין דער בעסטער שטימונג, זייער איידל, זיך נישט געביי־זערט אויף רחלען. געווען איז ער ביי זיך פאַרריסן און זיך באַרימט מיט זיין ענטפער דעם קאַליף.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס.

— איך האָב לאַנג געיומטובט — האָט ער געזאָגט — אָבער איך בין נישט פאַרשימלט געוואָרן. איצט וועסטו ענדלעך זען, ווער ס׳איז דיין אַלפאַנסאָ. איך שפּיר, אַז עס וועט זיין אַ קורצער רומפולער פעלד־צוג. פאַר נישט אַוועק קיין טאָלעדאָ, מיין ראַקעל. זאָג מיר צו, אַז דו בלייבסט דאָ אין דער לאַ גאַליאַנאַ. דו וועסט אויף מיר לאַנג נישט דאַרפן וואַרטן.

רחל איז האַלב־ליגנדיק געזעסן אויף אירע קישנס, דעם קאָפּ אָנגע־לענט אויף אַ האַנט און זיך צוגעהערט, ווי ער האָט זיך פאַר איר באַרימט מיט זיינע צוקונפטיקע מעשים.

— וואַרשיינלעך — האָט ער געזאָגט — וועל איך דיך בעטן, זאָלסט נאָך פּאָר מיין צוריקקער קומען צו מיר אַהער קיין סעווילִיע. דו וועסט מיך מוזן אין דיין היים־שטאָט אַרומפירן, און פון מיין רויב וועסטו דיר אויסקלייבן, וואָס עס וועט דיר צוממערסטן געפעלן.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט, וואָס האָט געשטיצט איר קאָפּ און אַרויפגערוקט זיך עטוואָס העכער, פילנדיק אַ קעלט פון זיינע ווערטער. ער שטעלט איר פאַר אַ שרעקלעך בילד פון איר היימשטאָט, וועלכע ער וועט צעשטערן און פאַרברענען און דערנאָך וועט ער זי פירן איבער די חורבות.

— מיין נצחון וועט דיך איבערצייגן — האָט ער פריילעך פאַרגעזעצט — וועלכער גאָט איז דער אמתער. איך בעט דיך ענטפער נישט און קריג זיך נישט מיט מיר היינט. עס איז היינט ביי מיר אַ יום־טובדיקער טאָג, אין דעם דאָזיקן טאָג געהערן מיר איינער צום צווייטן. דו מוזט אָנטיילנעמען אין מיין פרייד.

זי האָט אויף אים אָנגעשטעלט אירע גרויסע בלוי־גרויע אויגן. איר לעבעדיק פּנים און אירע אַלע באַוועגונגען האָבן אויסגעדריקט שטימונג, אָפּווער, פרעמדקייט.

ער האָט געשפּירט, אַז צווישן זיי איז אויסגעוואַקסן אַ מחיצה. פון רחלס שוויגעניש האָט געקלונגען ראַדריגעס באַשולדיקונג. ער האָט זיך געוואָלט אויספּיינען פאַר רחלען און פון אַ ווילדן זיגער האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ בעל־רחמים.

— זאָלסט נישט מיינען — האָט ער איר פריילעך איינגערעדט — אַז דיין אַלפאָנסאָ וועט זיך שלעכט באַגיין מיט די באַזיגטע. מיינע נייע אונטערטאַנען וועלן האָבן אַ מילדן באַלעבאָס. איך וועל זיי נישט פאַרווערן תפילה צו טאָן צו זייער אַללאה און צו זייער מאַכמעד. — און עס איז אים איינגעפאַלן נאָך איין גרויסמוטיקער זשעסט:

— פון די געפאַנגענע מוסולמענישע ריטער וועל איך טויזנט אָפּלאָזן אָן שום אויסלייז־געלט. דער אָפּקלייבער וועט זיין אַלאַזאַר, ער וועט דער־פון הנאה האָבן. און איך וועל זיי דערלויבן מיט כבוד אָנטייל צו נעמען אין קאַמף אויפן טורניר, וואָס איך וועל איינאָרדענען לכבוד מיין זיג.

ער האָט זי פאַרמאַטערט מיט זיינע צוקונפטיקע אָנגריפן און האָפע־נונגען. אַ נאַרישע העלדישקייט, וואָס טראַכט בלויז פון נצחון און זעט נישט קיין שום סכנות, וואָס טראַכט ווי אַ ריטער, זעלנער און קעניג. זי

האָט אים געליבט. זי איז אים געווען דאַנקבאַר, וואָס ער האָט מיט איר פאַרבראַכט די לעצטע נאַכט פאַרן אַוועקפאָרן אויפן פראָנט.

אַלץ איז געווען ווי פריער. צו אָוונטברויט איז ביי זיי ביידן געווען אַ געהויבענע שטימונג. דאָס מאָל האָט ער געטרונקען מער ווי געוויינלעך. ער האָט געזונגען, וואָס עס איז אים אַריינגעפאַלן אין קאָפּ אַריין, ער האָט געזונגען קריגערישע לידער. ער האָט געזונגען בערטראַנס ליד:

— „איך האָב ליב צו קוקן, ווי מען צעשטערט אַ פעסטן שלאָס". — און ער האָט צוגעגעבן: — אַ שאָד, וואָס דו האָסט מיין פריינד בערטראַן נישט געזען. ער איז אַ גוטער ריטער, דער בעסטער, וואָס איך קען.

נאָכן עסן איז זי אַוועק צו זיך אין צימער. פונקט ווי אַמאָל האָט זי זיך נישט געוואָלט אויסטאָן אין זיין קעגנוואַרט. נאָכדעם איז ער געקומען צו איר און עס האָט פאַסירט ווי אין די ערשטע גליקלעכע צייטן: קעגנזייטיקע שטרעבונג, באַפרידיקונג, גליק.

שפעטער, אָפּגעמאַטערט פון גליק, זענען זיי געלעגן און געפּלוידערט. איצט האָט ער איר נישט באַפוילן, נאָר עטלעכע מאָל געבעטן:

— בלייב דאָ אין דער גאַליאַנאַ, אין דער צייט פון מיין אָפּוועזנהייט. גיי צו דיין טאַטן וויפל דו ווילסט, אָבער צי דיך נישט אַריבער צו אים. ווין דאָ. דאָ איז דיין הויז, אונדזער הויז. הייַנט און מאָרגן און אויף דור דורות — האָט ער אַפּיקורסיש צוגעגעבן.

מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, האַלב־איינגעשלאָפן, האָט זי איבער־געחזרט:

— דאָ איז מיין הויז, אונדזער הויז, אויף דור דורות.

און איינשלאָפנדיק, האָט זי נאָך געטראַכט: ווען איך וועל אַנטשלאָפן ווערן, וועט ער אַוועקגיין צו זיך אין צימער. אַ שאָד, וואָס איך האָב אַזוי געוואָלט. אָבער מאָרגן וועל איך מיט אים פרישטיקן. און שפעטער וועט ער אַוועקרייטן אויף זיין מלחמה. און פון זיין פערד וועט ער זיך אויף מיר אַרומקוקן, און ווו דער וועג פאַרבויגט זיך וועט ער נאָכאַמאָל זיך אויס־דרייען, כדי מיך אָנצוקוקן. זי איז געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן, זי האָט שוין מער נישט געטראַכט, זי איז איינגעשלאָפן.

ווען זי איז איינגעשלאָפן, איז נאָך אַלפאָנסאָ אַ קורצע צייט געבליבן ליגן. נאָכדעם איז ער אויפגעשטאַנען, זיך געצויגן און געגענעצט. ער האָט גענומען אַ שלאָפראָק, אַ קוק געטאָן אויף דער פרוי, וואָס איז געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן און מיט אַ לייכטן שמייכל אויף די ליפּן. ער האָט זי באַ־טראַכט, ווי מען באַטראַכט עפּעס אַ פרעמדע זאַך, אַ בוים אָדער אַ חיה.

ער האָט פֿאַרוואונדערט געשאָקלט מיטן קאָפּ. איז עס דען נישט געווען אָקאָרשט מיט עטלעכע רגעס צוריק, ווען זי האָט אים געגעבן אַזויפֿיל גליק, וואָס קיין פֿרוי האָט אים אין זיין לעבן נישט געקאָנט געבן? און איצט האָט ער זיך געשפּירט נישט גוט, כּמעט אין פֿאַרלעגנהייט, וואָס ער געפֿינט זיך דאָ מיט איר אין איין צימער און קוקט אויף דער נאַקעטער, שלאָפֿנדיקער פֿרוי. מיט זיין נשמה איז ער שוין געווען אין קאַלאַטראַוואַ, ביי זיינע ריטער.

איידער ער האָט זיך מיט איר געזעגנט, האָט ער געטראַכט גאַנץ פֿרי אַוועקצורייטן קיין טאָלעדאָ, אָנטאָן זיינע כּלי־זין, וועלכע ער וועט טראָגן אין פֿעלד, דערנאָך זיך צוריקקערן אין דער גאַליאַנאַ, כּדי זיך צו געזעגענען מיט רחלען אין זיין פֿולער באַוואָפֿענונג און באַגורטלט מיט זיין שווערד פֿולמען דעי (גאָטס־בליץ). אָבער שפּעטער האָט ער חרטה געהאַט.

אויפֿצומאָרגנס האָט זי געוואַרט, ער זאָל קומען זיך מיט איר געזעגענען. זי איז געווען מוטיק און פֿול מיט האָפֿענונג, אַז אַלץ וועט גוט זיין.

זי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי אַזוי זיי וועלן פֿאַרברענגען דעם פֿרימאָרגן. פֿרישטיקן וועט ער מיט איר אין זיין שלאָפֿראָק. נאָכדעם וועט ער אָנטאָן זיינע כּלי־זין. שפּעטער וועט ער אַוועקרייטן, און זי וועט איבערלעבן די גרויסע געבענטשטע, האַרצרייסנדיקסטע מינוטן, וואָס מען באַזינגט אין די לידער: דער אַוועקפֿאָרנדיקער געליבטער וועט פֿון פֿערד זיך בויגן, זי קושן און זיך בייגן.

זי האָט אויף אים געוואַרט. זי האָט געוואַרט מיט פֿרייד, אַז אָט־אָט קומט ער. מיטאַמאָל האָט זי זיך פֿאַרדאגהט און וואָס ווייטער אַלץ מער איז איר האַרץ געוואָרן אומרואיק.

ענדלעך, האָט זי זיך נאָכגעפֿרעגט אויף דאָן אַלפֿאָנסאָן:

— דער קעניג, אונדזער האַר, איז שוין מיט אַ שעה צוריק אַוועקגעריטן — האָט אָפּגעענטפֿערט דער גערטנער בעלאַרדאָ.

קאַפּיטל פיר

דער קאַליף יאַקוב אַלמאַנסור איז געווען אַ מענטש אין די יאָרן, ער האָט געקרענקט און, וועלנדיק אָפּלעבן זיין ביסל יאָרן אין שלום, האָט ער געפונען פאַר נויטיק צו וואָרענען דעם קעניג פון קאַסטיליע, ער זאָל האַלטן זיין אָפּמאַך. אָבער קענענדיק דעם קעניג אלפאָנסאָס נאַטור, האָט ער האָפענונג געלייגט אויף זיין באַטשאַפט, זי זאָל ברענגען נוצן. ער האָט נישט דערוואַרט אַזאַ נארישע תשובה. דער טיף־גלויביקער אַלמאַנסור האָט באַטראַכט די תשובה פון דעם ערל, ווי אַ וואָרענונג פון אללאה, אַז ער זאָל נאָך ביים סוף פון זיינע יאָרן זוכה זיין אַרויסצוציען די שווערד, זיך אָפּרעכענען מיט די אומגלויביקע און אויסברייטערן דעם איסלאַם.

צוערשט האָט ער געהייסן אַלפאָנסאָס בריוו איבערשרייבן אין צען טויזנט קאָפּיעס און זיי פאַרשפּרייטן אין זיין גאַנץ לאַנד. די מאַהאַרן, די אַראַבער, די קאַבילן, אַלע פעלקער איבער וועלכע ער האָט געוועלטיקט, זאָלן וויסן ווי געמיין דער קריסטלעכער קעניג האָט באַליידיקט דעם הערשער פון די גלויביקע. אויף אַלע מאַרק־פּלעצער האָט מען געלייענט דעם בריוו און צום סוף צוגעגעבן די ווערטער פון קאָראַן:

„אַזוי זאָגט אללאה, דער אַלמעכטיקער: איך וועל מיך ווידער אַ קער טאָן צו זיי און אויסגלייכן זיי מיט דער ערד און וועל פון זיי אַ תל מאַכן מיט מיינע חיילות, וואָס אַזוינע האָט נאָך די וועלט נישט געזען. איך וועל זיי אַראָפּשטויסן אין די טיפסטע אָפּגרונטן און וועל זיי פאַרטיליקן".

אין אַלע געביטן פונעם מערב־איסלאַם האָט זיך צעפלאַקערט דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם, אפילו די ווידערשפּעניקע שבטים פון טריפּאָלי־טאַניע האָבן פאַרגעסן זייער שנאה צום קאַליף, כדי אים מיטהעלפן אין דעם דאָזיקן הייליקן קריג.

אַ געוואַלדיקע באַגייסטערונג האָט געהערשט אין דעם מוסולמענישן אנדאַלוזיע. אַלע זענען געגאַנגען העלפן דעם קאַליף, וועלכער האָט אי־

בערגעגעבן די הויפט־אָנפירונג דעם באַוווסטן אַנדאַלוזישן גענעראַל אַבדו־לאַ בען סענאַגיד.

אין דער ביינצנטער וואָך פון יאָר 591, נאָך מאַכמעדס פּליטה, איז יאַ־קוב אַלמאַנסור אַוועק פון זיין הויף־לאַגער צו זיין אַרמיי קיין פעץ, וועלכע האָט זיך צונויפגעזאַמלט אויפן ברעג פונעם ים־דורכגוס. עס האָבן אים באַגלייט זיין קרוינפּרינץ סיד מאַהאַמעד און נאָך צוויי פון זיינע זין, זיין גרויס־וויזיר און פיר געהיימע ראַטגעבער, זיינע ביידע לייב־דאָקטוירים און זיין כראָניקער איבן יוחיה.

דעם צוואַנציקסטן טאָג פונעם חודש רעדשער האָט דער קאַליף באַפוילן אַריבערצוואַרפן דאָס מיליטער פון אַפריקע אויפן שפּאַנישן האַלב־אינדזל. צוערשט האָבן זיך אַריבערגעשיפט די אַראַבער, דערנאָך די סעבעטן, די מאַסאַמידן, די קאַבילן, שפּעטער זענען געגאַנגען בויגן־שיסער, די מאַהאַדן און צום סוף דעם קאַליפס לייב־רעגימענטן. מיטן חסד פון אַללאַה האָט דאָס אַריבערפאָרן געדויערט דריי טעג, און די ריזיקע אַרמיי האָט געלאַגערט אין דער געגנט פון אַלטשאַדראַ, פון קאַדיז ביז טאַריפאַ.

ווי נאָר דער קאַליף איז געקומען אויפן באָדן פון אַנדאַלוזיע, האָט ער איינגעאָרדנט אַ גרויסע פאַרשטעלונג. זינט אומגעדענקלעכע צייטן האָט קעגן קאַדיקס, צו מערב פון ים־דורכגוס*) זיך דערהויבן פונעם וואַ־סער אַ ריזיקע קאָלאָנאַדע. און די דאָזיקע זיילן זענען געווען געקרוינט מיט אַ סטאַטוע, וואָס האָט זיך אויפן ים אויסגעטיילט אויף מיילן ווייט. די סטאַטוע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מענטש, וואָס האָט דעם רעכטן אָרעם אויסגעשטרעקט צום ים־דורכגוס, האַלטנדיק אַ שליסל אין דער האַנט. די רוימער און די גאָטן האָבן די זיילן גערופן „הערקולעסעס זיילן"; די מוסולמענער, ווידער, האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן „דאָס געץ פון קאַדיז". אין משך פון טויזנטער יאָרן האָבן אַלע אויף דער דאָזיקער דראָענדי־קער, גלאַנצנדיקער סטאַטוע געקוקט און זי קאָנסערווירט. איצט האָט דער קאַליף אַרויסגעגעבן אַ באַפעל מען זאָל זי צעשטערן. צען טויזנט מענטשן האָבן מיט שרעק און מיט פאַרכאַפּטן אָטעם זיך צוגעקוקט, ווי די סטאַטוע באַקומט די ערשטע קלעפּ. די גאָלדענע דראָענדיקע סטאַטוע האָט זיך נישט געוועהרט און איז אומגעפאַלן. עס האָבן זיך געלאָזט הערן טריומ־פירנדיקע געשרייען: אַללאַה איז גרויס און מאַכמעד איז זיין נביא!

דער קאַליף איז אַוועק קיין סעווילייע, כדי אָפּצוגעבן כבוד דער

*) דאָ מיינט מען דעם גיבראַלטאַר.

שטאָט, וועלכע דער אומגלויביקער קעניג, נישט געקוקט אויפן וואָפנשטיל־שטאַנד, האָט באַדראָט אויף אַזאַ מיאוסן אופן. יאקוב אַלמאַנסור האָט פאַר דעם הויפט־מעטשעט געהייסן אוועקשטעלן אַ געבעט־טורעם, אַ מינאַרעט. דער באַרימטער אַרכיטעקט דזשאַביר האָט אָנגעוואָרפן אַ סקיץ. דער טורעם האָט געדאַרפט מיט זיך פאַרשטעלן דעם זיג פון איסלאַם איבער די אומגלוביקע. דער קאַליף האָט באַפוילן, אַז אַלץ, וואָס ס'האָט אַ ווערט פון די סטאַטועס און רעליעפן פון די רוימישע און גאָטישע צייטן, זאָל געבראַכט ווערן פאַר דעם דאָזיקן טורעם. פאַרווענדט דאַרף אויך ווערן דאָס גאָלד פונעם געץ פון קאַדיז, דאָס גאָלד און זילבער פון די קירכן, וואָס דער קאַליף וועט דעראָבערן בעת דער מלחמה.

יאקוב אַלמאַנסור אַליין האָט געלייגט דעם גרונט־שטיין פאַרן קו־מענדיקן מינאַרעט. און פונקט ווי פריער האָבן טויזנטער געיובלט ביים צעברעכן די גאָלדענע סטאַטוע, אַזוי האָבן אויך איצט טויזנטער געיובלט, ווען מען האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַרן טורעם, וואָס האָט געזאָלט צום שבח פון אללאה שטייגן ביזן הימל מיט אַזאַ הויכקייט און שיינקייט, וואָס אַזוינס האָט ביז אַהער קיין אויג נישט געזען.

דאָן אַלפאָנסאָ איז געווען גליקלעך אין קאַלאַטראַוואַ. דאָ האָט מען געיובלט, וואָס ער האָט דעם אומפאַרשעמטן קאַליף אַלץ אַרויסגעזאָגט און צוליב דעם, וואָס די מלחמה ברעכט ענדלעך אויס. דאָס קריגערישע וועזן פון ריטער־אָרדן האָט געזיגט איבער זיין גייסטיקן מהות. די ריטער האָבן איינגעאָרדנט אַ סעודה לכבוד בערטראַאַן דע באַרן און געטרונקען מיט אים ברודערשאַפט און חברשאַפט.

— פאַרויס, פאַרויס, שלאָגט, האַקט, ברעכט! — דאָס איז געווען זייער דעוויז.

צווישן דעם קעניג און דעם אַרציבישאָף האָט זיך צוריקגעשטעלט די אַלטע חברשאַפט. דער דרייסטער פריסטער האָט נאָך אַלץ שטאַרק געליטן דערפון, וואָס אַלפאָנסאָ האָט נאָך נישט אַרויסגעזאָגט זיין אמתע קריסטלעכע מיינונג איבער זיין ליבע מיט דער יידישקע. איצט האָט ער מיט דער אַמאָליקער אויפמערקזאַמקייט אים מגלה סוד געווען:

— דיין שווער, דער קעניג פון ענגלאַנד, איז באמת צו דער ריכטיקער צייט געשטאָרבן. ווייל דיר זאָג איך עס, מיין ליבער זון און פריינד: איך וואָלט נישט מער פאַרטראָגן דיינע פאַרברעכערישע מעשים אין דער גאַליאַנאַ. איך האָב געהאַט בדעה, אפילו מיט פרייז פון מיין לעבן, אָנצושרייבן אַ בריוו צום הייליקן פאָטער, ער זאָל דיך אַריינלייגן אין חרם.

איך בין שוין געווען גרייט דעם בריוו אָנצושרייבן. איצט ליגט שוין אַלץ הינטער אונדז, ווי דער געצנדינערישער עבר פון אונדזערע אבות. מען זעט איצט באַשיינפּערלעך, ווי דער קריג טרייבט אַרויס פון דיין ברוסט די לעצטע שמעקעדיקע ריחות.

ער לאַכט הויך אויפן קול. אַלפאָנסאָ לאַכט מיט אַ יונג גוטהאַרציק געלעכטער.

שפּעטער האָט ער באַקומען באַריכטן איבער דער גרויסער צאָל פון דער מוסולמענישער אַרמיי. פינף הונדערט מאָל טויזנט מאַן איז איר צאָל. חוץ דעם טראָגן זיך קלאַנגען וועגן דעם נייעם שרעקלעכן כלי־זין, וואָס דער קאַליף פירט מיט זיך, וועגן אַנגריף־טורעמס, וועגן האַרמאַטן, וואָס קאָנען צעשמעטערן די גרעסטע פעלזן, וועגן עפּעס אַ פאַרדערבלעך גריכיש פייער. אָבער די ריטער האָבן נישט פאַרלוירן זייער מוט. זיי האָבן געגלויבט אין זייערע אומבאַזיגבאַרע פעסטונגען, אין זייער הייליקן סאַנטיאַגאָ, אין זייער קעניג.

אַלפאָנסאָ האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ דרייסטן פּלאַן. אַלע האָבן געהאַלטן פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז היות די מוסולמענישע כוחות זענען גרעסערע, זאָל מען זיך דערווייל באַגרענעצן מיט פאַרטיידיקונג. איז עס טאַקע אַזוי? פאַרוואָס זאָל מען דעם שונא נישט געבן אַ שלאַכט אין אָפענעם פעלד? דאָס איז אַפילו אַ לייכטזיניק־דרייסטע אונטערנעמונג, דעריבער קאָן זי טאַקע האָבן אַ דערפאָלג. חוץ דעם ליגט דאָך צו דרום פון אַלאַרקאָס יענע באַרימטע טעריטאָריע אונטערן נאָמען „דאָס פלאַכלאַנד פון די אַראַיאָס“*), וואָס קאָן דורך אים אויסגענוצט ווערן בעסער, ווי דורך עמעצן אַנדערש. טאָ וואָס שטערט אים איצט צו געווינען אַ צווייטע שלאַכט ביי אַלאַרקאָס?

ער האָט דערציילט זיין פּלאַן בערטראַנען און דעם ארציבישאָף. דאָן מאַרטין, וועלכער האָט געקאָנט רעדן אָן אַ שיעור, האָט געגלאָצט מיט די אויגן און געקוקט אויפן קעניג מיט אַן אָפן מויל. ער איז געווען באַגייסטערט.

— דאָס אַלטע פאָלק ישראל — האָט ער געזאָגט — איז געווען אַ קליין הייפל, אין פאַרגלייך מיטן גרויסן מספר פון די כנענים, מדיונים און פלשתים. און דאָך האָט דאָס פאָלק ישראל זיי צעשלאָגן און פאַרטיליקט. מסתם

*) טייכן־טאָל.

האָט זיי דעמלט גאָט אָנגעוויזן אַזעלכע גינסטיקע שלאַכטפעלדער, ווי דיין אַראַיאָס־שלאַכטפעלד.

בערטראַן האָט פון זיין זייט פריילעך און פאַכמעניש צוגעבאָמקעט:

— די דאָזיקע שלאַכט וועט אָפּקאָסטן אַ סך מענטשלעכע קרבנות, אָבער די אומגלויביקע וועט עס נאָכמער קאָסטן.

ווען דער קעניג האָט גערעדט, האָבן די יונגע הערן צוערשט געשוויגנט. דערנאָך זענען זיי געוואָרן צעחושט און שפּעטער אַנטציקט. וואָס שייך די עלטערע קריגס־אָנפירער, האָט דער קעניג מיט זיי זיך נישט מישב געווען וועגן זיינע פלענער.

דאָניא לעאָנאָר איז געבליבן אין בורגאָס לענגער, ווי זי האָט געטראַכט, פון דאַנען איז געווען לייכטער צונויפצורופן די גראַנדן פון צפון־קאַסטיליע און די ראַטגעבער פון אַראַגאָן, כדי תיכף אַלפאָנסאָן צו דערלאַנגען די גע־העריקע הילף. זי האָט פשוט געלעכצט, די מלחמה זאָל זיך אָנהייבן. זינט זי האָט זיך דערוווסט פון אַלפאָנסאָס ליידנשאַפטלעכער קדחת צו דער יידישקע, וואָס האָט זיך אין אים איינגעפרעסן, האָט איר קנאה זי נישט געלאָזט איינשלאָפן. בלויז דער קריג קאָן אויסהיילן אַלפאָנסאָן פון דער דאָזיקער טייוולאָנישער קרענק.

דאַן האָט זי באַקומען אַ ידיעה, וואָס ער אַליין האָט איר אין אַ פריי־לעכן טאָן געשריבן, ווי אַזוי ער האָט דעם פרעכן מוסולמענישן פּרינץ משלח געווען צוריק צום קאַליף. דאָס ערשטע, וואָס זי האָט געשפּירט און וואָס האָט אָנגעפילט איר האַרץ מיט פרייד איז די מלחמה. אָבער גלייכצייִ־טיק האָט זי געשפּירט די סכנה, וואָס אַלפאָנסאָס דרייסטקייט וועט גורם זיין. נישט אַנדערש ווי אַ מפּלה, האָט זי געטראַכט, עס וועט געוויס דער־גיין צו אַ מפּלה, מעגלעך, אַז נישט אַזאַ גרויסע מפּלה, אָבער אַלנפאַלס אַ מפּלה. ס׳האָט זיך ביי איר געשאַפן אַ געפיל פון צער און צאָרן אויסגע־מישט מיט פינצטערן פאַרגעניגן. זי האָט זיך דערמאָנט דאָס, וואָס איר מאַמע האָט איר געזאָגט, אַז טיילמאָל קומט אַ מפּלה אַרויס צום גוטן. אַ מפּלה פאַרשטאַרקט די כוחות, צעפלאַקערט די ענערגיע. מפּלה עפנט הונדערטער נייע מעגלעכקייטן. עס איז איר פריילעך געוואָרן אויפן האַרצן, ווען זי האָט געטראַכט פון אַ מפּלה.

זי איז גלייך אַוועק קיין טאָלעדאָ.

— גיי קיין טאָלעדאָ — האָט איר מוטער באַפוילן.

די פאַרברעכערישע לייכטזיניקייט, מיט וועלכער אַלפאָנסאָ האָט משלח געווען דעם מוסולמענישן געזאַנדטן, האָט ביי איר דערוועקט נאָך מער ליבע צו אים. אין איר הייסער בענקשאַפט נאָך אַלפאָנסאָן האָט זיך אויסגעמישט אַ געפיל פון פינצטערער שמחה: „איצט וועט ער באַשטימט ליידן אַ מפּלה. איצט איז שוין מיט יענער פאַרענדיקט. Actum est de ea *) צוליב וועלכער דאָס האָט פּאַסירט".

היות זי האָט דעם קעניג אין טאָלעדאָ שוין נישט געטראָפן, האָט זי געהאַט אַן אויסרייד אָפּצופאָרן צו אים אויף דרום. דאָן פעדראָ, וועלכער איז לויטן פּלאַן אַריינגעדרונגען אויפן געביט פון וואַלענסיע און, נישט וועלנדיק זיך אָפּזאָגן פון פאַרויסמאַרש אויף דער הויפּטשטאָט וואַלענסיע, האָט אָפּגעשלעפּט מיטן ארויסשיקן אַלפאָנסאָן הילפס־מיליטער ביזן באַ־שטימטן לויטן אָפּמאַך טערמין. אָבער לעאָנאָר האָט פון אים באַקומען אַ צו־זאָג, אַז נישט שפּעטער פון זעקס וואָכן צייט וועט ער אים אַרויסשיקן צען טויזנט מאַן. כדי אָבער אַרויסצווייזן זיין גוטן ווילן שיקט ער שוין אַוועק אַכט הונדערט מאַן. זי איז אַליין ספּעציעל געפאָרן קיין קאַלאַטראַווע, כדי אַלפאָנסאָן צו ברענגען די גליקלעכע ידיעה.

ער איז איר אַנטקעגנגעקומען און זי באַגריסט. זי האָט פון אים נישט פאַרבאָרגן איר גרויסע שמחה. דאָ, צווישן זיינע ריטער אין דער שטרענגער לופט פון דער קאַלאַטראַוואַ־ פעסטונג איז ער געווען דער אַלפאָנסאָ, וואָס זי האָט זיך געוווּנטשן.

זי האָט אים מיט פרייד מיטגעטיילט, ווי זי האָט ביים ווידערשפּעניקן דאָן פעדראָ אויסגעפּועלט, ער זאָל שוין די נאָענטסטע וואָכן צושיקן פאַר־שטאַרקונגען. אַלפאָנסאָ האָט איר האַרציק געדאַנקט. ער האָט אָבער פאַר־שוויגן, אַז איר אויפטו איז אים נישט געוווּנטשן. עס האָט ביי אים גובר געווען זיין פּלאַן אַרויסצוטרעטן אין אַן אָפענער שלאַכט קעגן דעם קאַליף. ווען עס וועט איצט באַקאַנט ווערן, אַז די אַראַגאָנישע פאַרשטאַרקונגען דאַרפן אין דער נאָענטסטער צוקונפט אָנקומען, וועלן זיינע ראַטגעבער און זיינע אָפיצירן נאָך העפטיקער אַרויסטרעטן קעגן זיין פּלאַן.

דער אָרדן־מייסטער גוניאַ פערעס, אַ מענטש אין יאָרן און דאָן מאַנ־ריקע דע לאַראַ זענען געקומען צו דאָניאַ לעאָנאָר. דעם קעניגס געהיימער פּלאַן איז מפורסם געוואָרן און זיינע פאַרזיכטיקע פריינד זענען דערפון גע־

---

*) אַ סוף מיט איר (לאַטיין).

ווען שטאַרק באַאומרואיקט. די אַלטע הערן האָבן פאַרגעשטעלט דער קעניגין, ווי געפערלעך עס איז די דאָזיקע אימפּרעזע און ווי וויכטיק עס וואָלט געווען אָפּצוּוואַרטן די אַראַגאָנישע פאַרשטאַרקונגען. זיי האָבן געבעטן דער קעניגין צו ווירקן אויף אַלפאָנסאָ, ער זאָל זיך אָפּהאַלטן פון אויספירן זיינע פּלענער.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט זיך איבערגעשראָקן. זי פאַרשטייט זיך נישט אויף סטראַטעגיע, זי וויל דערפון נישט וויסן. צווישן איר מיט אַלפאָנסאָן עקזיסטירט אַ שטילע פאַרשטענדעניש, אַז זי מישט זיך אין מלוכה־ענינים, אָבער צו קריגס־פירונג האָט זי קיין שום שייכות נישט. דאָסמאָל האָט זי אָבער פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדלט זיך אין דער עקזיסטענץ פון דער מלוכה. זיך דערמאָנט, ווי אַלפאָנסאָ האָט אַמאָל קעגן דער וואָרענונג פון די ראַטגעבער אָנגעגריפן סעווילי׳ע. זיי ווייסט, זי פילט, ווי ערנסט און ווי סכנותדיק ס׳איז דער דאָזיקער דרייסטער פּלאַן. דער שכל האָט איר געזאָגט, אַז זי דאַרף זיך מיט אַלפאָנסאָן דורכשמועסן. אָבער פּונקט איצט האָט זי נישט געוואָלט קומען צו אים מיט אַזעלכע עצות, וואָס זענען אים נישט ליב. דעריבער האָט זי אין זיך מיט פרייד געהזרט דאָס וואָרט: מפּלה!

העפלעך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קעניגין, האָט זי געענטפערט די פּאַרדאגהטע הערן, אַז זי פאַרשטייט זיך נישט אין די ענינים פון סטראַטעגיע, אַז זי האָט במשך פון אַלע יאָרן מיט אַלפאָנסאָן די דאָזיקע פראַגן קיינמאָל נישט באַהאַנדלט, אַז זי באַוואונדערט אַלפאָנסאָס קריגערישע געניאַליטעט, און איצט האָט עס נישט קיין זין, די קעניגין פון קאַסטילי׳ע זאָל מיט אַזעלכע קליינמוטיקע ספקות אַראָפּשלאָגן דעם פירשטלעכן מוט און די פרומע האָפענונגען פון איר מאַן.

צוויי טעג און צוויי נעכט איז זי פאַרבליבן אין דער פעסטונג. אויף גיכער האַנט איז פאַר איר צוגעגרייט געוואָרן אַ פּרעכטיקע וווינונג, וואָרעם עס האָט נישט געפּאַסט, אַז זי זאָל מיט אַלפאָנסאָן שלאָפן אין איין הויז. לויטן מנהג האָבן די קרייצלער זיך געמוזט באַגיין אָן זייערע ווייבער. דאָך, האָבן זיך ווייניק ריטער גערעכנט מיט דעם דאָזיקן מנהג, און לעאָנאָר, נאָכדעם ווי זיי האָבן אין אָוונט צוזאַמען אָפּגעגעסן, האָט געמיינט, אַז אַלפאָנסאָ וועט ביי איר בלייבן. אָבער יענער האָט איר געווונטשן אַ האַרציקע גוטע נאַכט, זי אַ קוש געטאָן אין שטערן און איז אַוועקגעגאַנגען. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען דעם צווייטן אָוונט.

ביים אַוועקפאָרן, האָט ער זי באַגלייט אַ גאַנצע שעה צייט.

ווען ער האָט זיך מיט איר געזעגנט, האָט זי אים שטיל געענטפערט אויף זיינע פראַגן. נאָכדעם האָט זי געהייסן דערלאַנגען דעם טראָג־שטול הגם זי איז גוט געריטן.

מיט פאַרמאַכטע אויגן איז זי געזעסן אין טראָג־שטול. אַלפאָנסאָ איז מיט לייב און זעל געווען אין זיין פּאַרטאָן אין זיין קריג און חוץ דעם איז ער נישט געווען קיין בעלן אויף שנעלער צופעליקער ליבע. זי דאַרף עס נישט שטאַרק נעמען צום האַרצן. אין דעם פאַל, וואָס ער איז צו איר בייגאַכט נישט געקומען, איז געוויס נישט געווען די השפּעה פון דער יידישקע.

אין טאָלעדאָ האָט זי זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט יענער, מיט דער יידישקע. דאָרט האָט זיך די יידישקע געפונען נאָענט, האָט זי געמוזט וועגן איר טראַכטן. סאַראַ נארישע דרייסטקייט פון יענער זיך צו געפינען דאָ אונטן אין לעאָנאָרס רשות, פונקט ווי די גאַנצע שטאָט און אַלץ אַרום. לעאָנאָר דאַרף זיך בלויז אַ נעם טאָן צו איר. דערפון האָט זי פריער נישט געטראַכט, נאָר געשפּירט. ערשט איצט זיצנדיק אין טראָג־שטול אויפן וועג קיין טאָלעדאָ האָט זי דערפון געטראַכט. איצט אין טראָג־שטול האָט זי קעגן איר ווילן זיך באַמיט אויפצווועקן „יענע” אין איר זכרון: איר פּנים, איר געשטאַלט, אירע באַוועגונגען. זי האָט זיך געוואָלט פאָר־שטעלן, ווי רחל זעט אויס אַ נאַקעטע. זי האָט געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן זיך און איר. זי, לעאָנאָר, האָט זיך גוט געהאַלטן. דאָס האָט אפילו אָנער־קענט איר מאַמע עלינאָר, וועלכע איז אַ שאַרפער, בייזער מבין. דאָס וואָס יענע איז מיט צוועלף יאָר שפּעטער פון איר אַרויסגעקראָכן פון איר מו־טער־טראַכט איז נישט געווען די סיבה, צוליב וועלכער אַלפאָנסאָ איז אַוועק פון איר, לעאָנאָרן, צו יענער. דאָס איז געווען כישוף, קדחת, אַ בייזע קרענק. און אַזוי ווי אַלפאָנסאָ איז איצט ווידער אַזעלכער, ווי ער איז געווען, וועט ער נאָך דער גרויסער שלאַכט, אַלץ אייגס, וועט זי אים ברענגען נצחון אָדער מפּלה, צו יענער שוין מער נישט צוריקקערן, ער וועט זי פאַרגעסן. זי וואָלט געווען אַ נאַר, ווען זי וואָלט זיך פון יענע זקנים געלאָזט איבעררעדן, און אָפּהאַלטן אַלפאָנסאָן פון זיין שלאַכט.

זי איז נישט קיין נאַר. זי איז קלוג, יונג, שיין און זיכער אין איר זאַך.

עס זענען אָנגעקומען ידיעות, אַז די מוסולמענישע אַרמיי רוקט זיך אין דריי קאָלאָנעס אויף צפון־מזרח. ער האָט נישט געקאָנט לענגער וואַרטן און געמוזט זיינע ראַטגעבער און קריגס־אָנפירער עפענען זיין פּלאַן.

ער האָט צונויפגערופן אַ קריגס־ראַט. מיט באַגייסטערונג האָט ער פאָרגעלייגט זיין פלאַן. ער וויל זיך צונויפטרעפן מיט די מוסולמענער אויפן „אראָיאס־פלאַכלאַנד”. דאָרט, צווישן דעם טיפן באַרג־שפּאַלט און די אויסגעטריקנטע בערג־טייכלעך האָט ער אַמאָל געוווינען די שלאַכט, וואָס האָט אים געבראַכט דעם ערשטן גרויסן דערפאָלג און אויך די פעסטונג אַלאַרקאָס. קיינער אין שפּאַניע קען נישט אַזוי גוט דעם דאָזיקן שטח, ווי ער. ער האָט זיי מיט קורצע איבערצייגנדיקע ווערטער אויפגעקלערט, ווי אַזוי ער וועט צווינגען דעם קאַליף צו פאַרנעמען דעם טיפן טייל פונעם לייכט־אַראָפּנידערנדיקן פלאַכלאַנד, ווי ער וועט אַ גרויסן טייל פון דער פיינטלעכער אַרמיי אַריינשטופן אין וואַלד און אין די אַרומיקע וועלדלעך, ווייל צוליב איר גרויסקייט וועט זי קיין אַנדער ברירה נישט האָבן, ווי גיין אַהין. ער צווייפלט נישט אַלזאָ אינעם נצחון. דעמלט ליגט דער גאַנצער דרום טייל פון אַנדאַלוזיע אָפן פאַר זיי: קאָרדאָווע, סעווילייע, גרענאַדע, און אַ סוף צום קריג, באַלד נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן.

די יונגע האָבן מיט באַגייסטערונג מסכים געווען.

אָבער דער אַלטער דאָן מאַנריקע האָט מיט אַ טאָן פון הכנעה, אָבער העפטיק געוואָרנט. עס איז אַ גרויסע סכנה זיך צו שטעלן אין אַן אָפענער שלאַכט מיט אַן אַרמיי פון אַזאַ געוואַלדיקער איבערמאַכט. אויב מען וועט נישט אָפּהאַלטן קיין נצחון, דאַן איז טאָלעדאָ פאַרלוירן. דער סטראַטעג באַראָן וויוואַר האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון מאַנריקען.

— דיין קעניגלעכע מאַיעסטעט — האָט ער געזאָגט — מיט גרויס טרחה און קונסט האָסטו דערפירט דיינע פעסטונגען קאַלאַטראַוואַ און אַלאַרקאָס צו די שטאַרקסטע אויפן האַלב־אינדזל. אונטער דעם שוץ פון דיינע מויערן קאָנען מיר רואיק אָפּוואַרטן ביזן אָנקום פון די אראַגאָנישע חיילות. דער מוסולמענישער אַרמיי, צוליב איר ריזיקער צאָל, וועט שווער זיין צו באַזאָרגן זיך מיט פּראָוויאַנט, און דאָס וועט אָפּשוואַכן זייער באַלאַגערונג. ווען עס וועט אָנקומען די אַראַגאָנער פאַרשטאַרקונג, דעמלט וועט אונדזער אַרמיי כמעט זיך אויסגלייכן מיט די כוחות פון קאַליף. ערשט דאַן, אויב גאָט וועט דיך הייסן, טרעט אַרויס אין אַן אָפענער שלאַכט.

דאָן אַלפאָנסאָס געקנייטשטער שטערן האָט זיך נאָך מער געקנייטשט. זיין שכל האָט אים דיקטירט, אַז מאַנריקעס און וויוואַרס אַרגומענטן זענען ריכטיקע. אָבער ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק זיך אַוועקצוזעצן צווישן די מויערן פון דער פעסטונג און אָפּוואַרטן

ביז דער יונגער תכשיט וועט אים קומען צו הילף. ער האָט נישט געוואָלט קיינעם אָפּטרעטן אפילו אַ חלק פון זיין נצחון.

— עס איז מיר גוט באַקאַנט — האָט ער געענטפערט — אַז אַ קלוגער קריגס־אָנפירער מיידט אויס אַן אָפענע שלאַכט מיט אַן אַרמיי, וואָס איז דריי מאָל אָדער פינף מאָל גרעסער אין צאָל. אָבער איך קאָן נישט אומטעטיק זיך צוקוקן, ווי דער שונא פאַרשפרייט זיך אין לאַנד. עס קאָכט אין מיר דאָס בלוט. אַן אמתע מלחמה איז נישט קיין שאַך־שפּיל, זי איז אַ טורניר, וווּ עס דעצידירט נישט דער געשפּיצטער פאַרשטאַנד, נאָר דאָס שטאַרקע פרומע האַרץ. אַן אמתער קריגסמאַן שפּירט זיין שלאַכטפעלד. מיין שלאַכטפעלד איז דאָס „אַראַיאַס־פּלאַכלאַנד".

די ריטער האָבן שטורמיש צוגעשטימט.

דאָך האָט דער אַלטער סטראַטעג גוניאַ פּערעס געפונען פאַר נויטיק צו וואָרענען:

—אויב די אַרמיי פון די אומגלויביקע איז אַזוי ריזיק, ווי די מרגלים גיבן איבער, דעמלט קאָן די קאַסטילישע אַרמיי זיך נישט קעגנשטעלן אָן פאַרשטאַרקונגס־הילף. וואַרט אויף אַראַגאָן, הער קעניג!

אַלפאַנסאָ זענען שוין צוגעגעסן געוואָרן די לעקציעס פון זיינע אַלטע קריגסלייט, וועלכע זענען ווייכהאַרציקער פון ראָדריגען.

— איך וועל נישט וואַרטן, דאָן גוניאַ — האָט אַלפאַנסאָ דערקלערט. — ווילט מיך פאַרשטיין! איך וועל נישט דערלאָזן, אַז מיין אַלאַרקאָס, דאָס דאָזיקע אַלאַרקאָס, וואָס איך האָב דערוואָרבן פאַר מיין מלוכה, זאָל אַרומגערינגלט ווערן פון די באַשניטענע. איך וועל מיט זיי אַ סוף מאַכן אָן דער הילף פון אַראַגאָן.

אָבער דאָן מאַנריקע איז נישט אָפּגעשטאַנען.

— שיק לכל הפּחות באַלד אַ קוריער צו דאָן פּעדראָן! ווען מען זאָל דיין אָפּמאַך מיט אַראַגאָן אויסטייטשן קאַלטבלוטיק, דעמלט מוזסטו וואַרטן.

— איך בין נישט קאַלטבלוטיק — האָט העפטיק אַלפאַנסאָ געענטפערט — דער קעניג פון אַראַגאָן איז אויך נישט אַזעלכער. ער איז אַ קריסטלעכער ריטער. איך וויל נישט לאַנג וואַרטן, כדי צו בעטן ביי אים אַ דערלויבעניש! — און ער האָט רואיק צוגעגעבן: — איך באַצי זיך מיט כבוד צו אייערע עצות, אָבער איך בין גאַנץ רואיק. זאָל דער קאַליף האָבן דריי מאָל אַזוי פיל, פינף מאָל מער חיילות, אָבער מיר האָבן אויף אונ־

דזער זייט די גערעכטיקייט און דעם אַלמעכטיקן גאָט. מיר וועלן זיך שלאָגן אינעם „טאָל פון די אָראַיאַס”.

איצט, ווען דער קעניג האָט אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס, האָבן אפילו די פריערדיקע צווייפלער זיך גענומען טריי און ענערגיש צו דער דרייסטער אונטערנעמונג. דער לאַגער וועט זיך אויסשפרייטן אין טאָל, וואָס אַלפאָנסאָ האָט אויסדערוויילט. די געצעלטן זענען שוין געווען פאַר־באַנדערגעלייגט ביז אַ שיפוע, ווערנדיק פון רוקן געשיצט דורך אַ הויכן שטופּנאַרטיקן באַרג און ביי די פלאַנגען געדעקט דורך די אָראַיאַס (טייכ־לעך), אַדאַנק וועלכע דאָס דאָזיקע פלאַכלאַנד האָט באַקומען דעם נאָמען. אַרום דעם לאַגער האָבן זיך געשלענגלט טיפע באַרג־שפאַלטן, אויסגע־טריקנטע געלעגערס פון האַסטיקע באַרג־וואַסערלעך, באַוואָקסן מיט ווייסע און רויטע אַלעאַנדרעס.

בינו־לבינו האָט זיך די מוסולמענישע אַרמיי אין מוסטערהאַפטער אָרדענונג גערוקט פאָרויס, אין קורצע טאָג־מאַרשן. ווען זיי האָבן זיך דער־נעענטערט אויף אַ שטח פון אַ צוויי־טאָגיקן מאַרש, האָט יעדער איינער שוין געקאָנט אויסרעכענען, אַז די אַנטשיידנדיקע שלאַכט וועט פאָרקו־מען דעם 19־טן יולי, אָדער דעם 9־טן שאַוואַן לויט דער מוסולמענישער צייט־רעכענונג.

אָבער דער 9־טער שאַוואַן איז אויסגעפאַלן שבת.

דאָס האָט פאַרשאַפט אַלפאָנסאָס יידישע זעלנער גרויס צער. די דריי טויזנט יידישע זעלנער זענען אַריינגעטראָטן אין אַלפאָנסאָס אַרמיי מיט געוויסן־ביסן. זיי האָבן געוווּסט, אַז די קריג־דינסט וועט זיי צווינגען צו עסן טרפות און צו אַרבעטן אום שבת. אין די אַלטע צייטן האָבן זיך יידישע זעלנער ליבערשט געלאָזט דערהרגענען פון גריכן און רוימער, איידער צו קעמפן אום שבת. אָבער שטיצנדיק זיך אויף אַן אַלטער תקנה פון סנ־הדרין, האָבן די געלערנטע פון דער אַלאַכאַמאַ פון די יידישע פריוויליקע דורך אַן אַקט „מותר לך”*) אַראָפּגענומען די דאָזיקע פאַרפליכטונג און דערלויבט זיי סיי עסן טריפות און סיי שלאָגן זיך אום שבת, מיטן תנאי, אַז דאָס מוז זיין באמת נויטווענדיק. עקזיסטירט אָבער איצט אַזאַ נויט־ווענדיקייט? מוז דער קעניג גראָד אָנהייבן זיך שלאָגן אום שבת?

---

*) עס איז דיר דערלויבט.

עס איז אַוועק אַ דעלעגאַציע צו דאָן אַלפאָנסאָן בראש מיט שמעון בר אבא, דאָן אפרימס אַ קרוב.

— ווען דיינע יידישע זעלנער — האָט ער אויפגעקלערט דעם קעניג — וועלן מחלל שבת זיין און עס וועט אין דעם נישט זיין קיין נויטווענדיקייט, וועלן זיי אַרויסרופן קעגן זיך גאָטס צאָרן, וואָס וועט שטעלן אין סכנה און גורם זיין אַ מפלה פאַר זיי און פאַר זייערע קריסטלעכע חברים.

זיי האָבן מיט יראת־הכבוד געפרעגט דעם קעניג, צי קאָן ער נישט אָנהייבן די מלחמה אין אַן אַנדער טאָג.

דער קעניג האָט שמעונען אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע און פריילעך געזאָגט:

— איך קען אייך פאַר העלדישע זעלנער און איך וואָלט אייך די טובה געטאָן. אָבער איר דאַרפט וויסן, אַז לענגער ווי אויף אַ טאָג קאָן די שלאַכט נישט אָפּגעלייגט ווערן, אַלזאָ, וואָלט איך די שלאַכט געמוזט אָנהייבן זונטיק. דעמלט וועלן אייערע קריסטלעכע חברים מיט רעכט מורמלען, און זייער צאָל איז אַ סך גרעסער פון אייער. זאָל עס אַלזאָ בלייבן אויף שבת, און מיר וועלן בעטן, אַז אייער גאָט זאָל אייך מוחל זיין.

דאָך האָט זיך אַלפאָנסאָ פאַרטראַכט איבער דער יידישער פרומקייט און זיך מישב געווען מיט דאָן מאַרטינעז, וואָס ער זאָל טאָן, כדי פאַר זיך און פאַר זיין אַרמיי פאַרזיכערן דעם חסד פונעם אַלמעכטיקן גאָט. דער אַרציבישאָף האָט געלייענט דאָס ווערק פון פריאָר באָנע „דער בוים פון שלאַכטן". דאָרט איז אָנגעוויזן, אַז אינעם טאָג פון שלאַכט דאַרף מען פאַסטן. שטיצנדיק זיך אויף דעם, האָט דער גרויסער ריטער און קעניג אַרויסגעגעבן, איידער ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן זיינע שונאים אַ באַפעל בזה הלשון: יעדער איינער, וואָס וועט עסן אָדער טרינקען פאַר שקיעה איז חייב מיתה. דער אַרציבישאָף האָט פון זיין זייט פאַרגעשלאָגן, אַז די קריסטלעכע זעלנער זאָלן פאַסטן אינעם טאָג פון דער שלאַכט, אָבער כדי די זעלנער זאָלן נישט ווערן אָפּגעשוואַכט, דאַרף דער קעניג מיט אַן אָוונט פריער פאַר זיי איינאָרדענען אַ רייכן מאָלצייט.

דאָן מאַרטינעז האָט פאַנאַנדערגעשיקט קוריערן אויפן גאַנצן געביט און ווייטער אויף יענער זייט טאָלעדאָ מיט אַ באַפעל, אַז מאָרגן אינעם טאָג פון דער שלאַכט זאָלן קלינגען אַלע גלאָקן אין טאָלעדאָ און אין די געביטן צווישן אַלאַרקאָס און טאָלעדאָ.

אין אָוונט, דעם 18־טן יולי, האָט דער קעניג, פון דער הויכקייט פון וועלכער ער וועט מאָרגן אָנפירן מיט דער שלאַכט, באַטראַכט זיין לאַגער און דעם שונאס לאַגער. דאָרט, ווו דאָס פלאַכלאַנד ווערט אָפּגעריסן, איז געווען אויסגעלייגט דעם קאַליפס אַרמיי. אָנסופיק האָבן זיך געצויגן די רייען פייַנטלעכע געצעלטן. אַלפאָנסאָ און זיינע קאָמאַנדירן האָבן געוווסט, אַז דאָרט, ווו דער וואַלד פאַרשטעלט דעם האָריזאָנט, פאַרבייגט זיך דער פיינטלעכער לאַגער אויף מערב, און ווייט־ווייט ציען זיי זיך אין דער דאָזיקער ריכטונג. לאַנג האָט געקוקט דער קעניג מיט זיין האַנט איבער די אויגן. ער האָט שווייגעוודיק געקוקט אויפן פיינטלעכן לאַגער אין דער־מערונג.

די קאָמאַנדירן זענען געריטן צוריק, באַגריסט מיט הויכע אויסרופן פון די זעלנער. די זעלנער האָבן זיך געפרייט מיטן רייכן מאָלצייט.

דאַן האָבן זיך די קאָמאַנדירן אַליין געזעצט צום טיש אינעם קעניגס געצעלט, וואָס האָט פּרעכטיק געגלאַנצט מיט רויטע באַגילדטע טאָנען. אינעווייניק זענען געווען אויסגעשפּרייט די טייערסטע טעפּיכער און אויף די ווענט זענען געהאָנגען בילדער לכבוד דעם קריג — דאָס בעסטע און טייערסטע פאַר ריטער און קעניגן. די שטימונג איז דאָרט געווען אַ דער־הויבענע. מיט גרויס הנאה האָט מען געגעסן און געטרונקען. בערטראַן האָט געזונגען זיינע ווילדסטע לידער.

מען איז זיך אָבער גיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, געלייגט פרי שלאָפן, כדי אָנצוקלייבן כוחות אויפן מאָרגנדיקן טאָג.

פאַרן איינשלאָפן האָבן דעם קעניג איינגעוויגט אָנגענעמע בילדער און געדאַנקען. פאַר זיינע אויגן איז אויסגעוואָקסן רחל, ווען ער האָט אויפגעקלערט זיינע שלאַכט־פּלענער. ער האָט איר אויפגעוויזן, אַז מען קאָן האָבן אַ קלענערע צאָל זעלנער און דער זיג זאָל זיין געזיכערט. ער האָט איר שוין אפילו געשילדערט דעם ווייטערדיקן פאַרלויף פון די קריגס־אָפּעראַציעס. ווען ער וועט צעקלאַפּן דעם קאַליפס אַרמיי, וועט ער זי יאָגן ביז צום ים. דעמלט וועט ער שליסן שלום. דער ים־ברעג און די שטאָט גראַנאַדע וועט ער איבערלאָזן דעם קאַליף. אָבער קאָרדאָווע און סעווילע מוזן אים די באַשניטענע אָפּגעבן. סעווילע וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גראַפשאַפט, די גרעסטע אין דער מלוכה, און גראַף פון סעווילע וועט ווערן דער ליבער קליינער ממזר סאַנטשאָ.

ער האָט געהערט דאָס שטילע רופן פון דער נאַכט־וואַך, וואָס האָט אָפּגעהיט דעם לאַגער. זיין אינערלעכע שטים האָט אים געזאָגט: דער

מאַרגנדיקער 19־טער יולי וועט זיין אַ גרויסער טאָג. ער האָט געוואָלט באַשטימען דאָס יאָר, אָבער ער האָט אים נישט געקאָנט **געפינען, צוליבן** חילוק פון דער שפּאַנישער צייט־רעכענונג מיט דער רעכענונג פון די אי־בעריקע קריסטלעכע לענדער. ער געפינט נישט דאָס יאָר און ס'ערגערט אים, וואָס ער האָט אין דער הינזיכט באַרעכטיקט ראָדריגעזן קעגן זיין ליבן פריינד דאָן מאַרטין. אָבער בעת זיין ערגערונג האָבן זיך דורכגע־פלאָכטן אַ גלאָקן־קלינגעריי מיט פייערלעכע יובל־געזאַנגען פון *Te deum*(* לכבוד זיין נצחון און ער איז איינגעשלאָפן אינמיטן פון דעם זיגרייכן גע־קלאַנג.

גלאָקן האָבן געקלונגען, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווייל לויטן אַרציבישאָפס באַפעל האָבן נאָך פאַר זון־אויפגאַנג אַלע גלאָקן אין לאַנד גע־נומען קלינגען, פון אַלאַרקאָס ביז טאָלעדאָ.

באַלד נאָך זון־אויפגאַנג איז אָפּגעריכט געוואָרן אַ תפילה פאַר די זעלנער. אַ סך האָבן אָנגענומען די הייליקע קאָמוניע. מיט גרויס צערעמאָ־ניע האָט מען אַרויסגעטראָגן די הייליקע בילדער, אַ טייל פון וועלכע האָבן געדאַרפט באַגלייטן די אַרמיי אין שלאַכט. די טייערסטע, קרעפּ־טיקסטע רעליקוויעס האָבן געהאַט די קאַלאַטראַוואַ־ריטער, דעם Cruz de Los angelos**) וועלכן צוויי געטלעכע פּילגרימען האָבן אויף אַ סודות־פולן אופן צוגעשטעלט אַלפאָנסאָן דעם דריטן. יעדע אָפּטיילונג, ריטער און קנעכט האָבן געקניט פאַרן קרייץ און אים געקושט.

אויך פונעם מוסולמענישן לאַגער האָבן זיך געהערט **תפילה**־טענער. דאָרט האָבן אָפּיצירן די קריגער געדופן מיט פסוקים פון קאָראַן:

„אָ, איר גלויביקע, שטאַרקט אייער האַרץ!
„זייט לוסטיק און מוטיק!
„שרעקט אייך פאַר קיינעם, חוץ דעם אללאה!
„ער העלפט אייך, ער שטאַרקט אייערע פיס,
„ער גיט אייך דעם זיג."

און הונדערטער טויזנטער מוסולמענישע זעלנער האָבן זיך געוואָרפן

*) דיר, גאָט (לאַטיין).
**) דער צלם פון די מלאכים (שפּאַניש).

אויף דער ערד מיט די פנימער צו מעקא און געבעטן לויט דער ערשטער סורע, דעם זיבן־געבאָט:

„אין נאָמען פונעם אללאה דעם באַרמהאַרציקן, געלויבט זאָל זיין דער אללאה, דער הער פון די וועלטן, דער ווילטעטיקער, דער באַרמהאַר־ציקסטער, דער שופט אינעם טאָג פון יום־הדין. דו אַליין ביסט אונדזער גאָט, דיך אַליין רופן מיר צו הילף, באַווייז אונדז דעם אמתן וועג, דעם וועג, וואָס פירט צו דיין חסד, און נישט דעם פאַלשן וועג, וואָס רופט אַרויס דיין צאָרן".

די שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן.

די קאַלאָטראַוואַ־ריטער האָבן באַקומען אַ באַפעל די ערשטע אָנ־גרייפן און דורכברעכן דעם צענטער פון שונא. אין בעסטער אָרדענונג האָבן אַכט טויזנט זיך געהאַלטן אויף זייערע אויסדערוויילטע פערד, שי־מערירנדיק מיט זייער באַוואָפענונג. אויפן קול האָבן זיי געזונגען זייער קריגס־תפילה, דאָס זעכציקסטע קאַפּיטל פון תהילים:

„ווער פירט מיך אין אַ פעסטער שטאָט?
ווער באַגלייט מיך ביז צו אדום?
מיט גאָט וועלן מיר אויפטאָן העלדישקייט,
ער וועט אונדזערע שונאים צעטרעטן".

זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויפן צענטער פון שונא.

„מיט אַזאַ פאַרביסנקייט — האָט איבערגעגעבן דער כראָניקער איבן יוחיה—האָבן געשטורעמט די פאַרשאָלטענע, אַז זייערע פערד זענען געפלויגן אויף די שפּיצן פון די מוסולמענישע שפּיזן. מען האָט זיי צוריקגעוואָרפן און אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיי ווידער געשטורעמט. ווידער האָט מען זיי צוריקגעוואָרפן. אַ דריט מאָל האָבן זיי איבערגעחזרט זייער משוגענע אַטאַקע. האַלט אויס, פריינד מיינע! — האָט אויסגערופן דער מוסול־מענישער גענעראַל אבו האַפאַס, וועלכער האָט אָנגעפירט מיטן צענטער. — שטאַרקט אייערע הערצער, איר גלויביקע! אַללאה פון זיין הויכן טראָן שטייט פאַר אייך.

אָבער די פאַרשאָלטענע האָבן געשטורעמט מיט אַזאַ פאַרביסנקייט, אַז די רייען פון די העלדישע מוסולמענער האָבן זיך געבראָכן. דער גענעראַל אבו האַפאַס האָט געקעמפט ווי אַ לייב און געפאַלן אין קאַמף, דערוועריבנ־דיק זיך די מאַרטירער־קרוין. די פאַרשאָלטענע האָבן איינגעאָרדנט אַ מו־ראַדיקע שחיטה אין מוסולמענישן צענטער. אַלע מוסולמענישע זעלנער,

וועלכע האָבן דאָרט געקעמפט זענען דורכן אללאה אויסגעלייזט געוואָרן, האָבן באַקומען די מאַרטירער־קרוין און דעם 9־טן שאוואַן זענען זיי אוועק צו די צען טויזנט פּאַרגעניגנס, גלייך אין גן־עדן אריין".

אלפאָנסאָ האָט פון זיין הויכקייט באַטראַכט דאָס שלאַכט־פעלד. ער האָט געזען, ווי די קאַלאַטראַוואַ־ריטער האָבן געשטורעמט, זענען געוואָרן אָפּגעוואָרפן, אַ צווייט מאָל געשטורעמט אַ צווייט מאָל אָפּגעוואָרפן געוואָרן, אָבער דערנאָך האָבן זיי געבראָכן די רייען פון שונא. און איצט גייען זיי זיינע קאַלאַטראַוואַ־ריטער פאָרויס אָן שום אָפּהאַלט, און באַלד וועלן זיי שוין דערגרייכן דאָס רויטע געצעלט פונעם קאַליף און שיקן אַ שליחות פון זיג, דעמלט וועט ער אַליין אַטאַקירן און פולשטענדיק צעשמעטערן דעם שונא.

צוזאַמען מיטן קעניג האָבן געקוקט זיינע נאָענטע אָנפירער. זיי האָבן געקוקט, געוואַרט און הנאה געהאַט. דאָרט אויפן פלאַכלאַנד פון די אַראַיאָס האָט זיך פאַרווירקלעכט דער טרוים פון בערטראַן דע באָרן. דאָרט זענען געווען שטורמער, געפאַלענע, טויטע און יענער געשריי: פאָרויס, פאָרויס! און אללאה, און מאַכמעד! עס האָבן געהירזשעט די טויט־פאַרוואונדעטע פערד וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע ריטער.

אלאזאר האָט געקוואַלן פאַר פרייד. אין זיין קאָפּ האָט געהערשט אַ גאַנ־צער כאַאָס טויט, רום, זיג, מאַרטירערטום. עס האָט אים בלויז פאַרדראָסן, וואָס וואַלקנס שטויב און נעפּל האָבן אים פאַרשטעלט דאָס שלאַכטפעלד. אָבער ער האָט געזען פאַר זיך די ווילדע, צעהיצטע, פריילעכע פּנימער פונעם קעניג און זיינע ריטער, און זיין פּנים איז געוואָרן פריילעך ווי זיי־ערע. ער האָט געווישט זיינע פאַרטרערטע אויגן, אויסגעווישט דעם שטויב פון זיין נאָז און געלאַכט.

מיטאַמאָל איז געשען עפּעס אומגעריכטס. שטויב און רויך איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט נישט געקאָנט זען, וואָס עס קומט פאָר. איינס איז געווען זיכער: קאַמפן זענען פלוצלונג אויפגעקומען נאָענט צו דער הויכ־קייט, ווייט אין רוקן פון די קאַלאַטראַוואַ־ריטער. ריטער אין טורבאַנען האָבן אויפגעטויכט נאָענט פון לאַגער. זיי האָבן אָנגעגריפן די יידישע אָפּ־טיילונגען, וועלכע זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן, כדי צו שיצן דעם לאַגער. יאָ, די יידן זענען געווען אין קאַמף. האָבן זיך געהאַלטן העלדיש. מען האָט דייטלעך געהערט זייער אורהאַלטן העברעישן שלאַכט אויסרוף: הידד, הידד! זיי זענען נישט אָפּגעטראָטן, זיי האָבן זיך געהאַלטן שטאַרק. אָבער זיי זענען געווען איגאַנצן דריי טויזנט און דער שונא איז באַשיינ־

פּערלעך געווען אַ סך גרעסער אין צאָל. אַלפאָנסאָ, ווערנדיק צעטומלט, האָט זיך אויף אַ רגע אויסגעדאַכט, אַז עס איז מקוים געוואָרן שמעונס פּאָרויסזאָגונג וועגן דעם אומגליק, וואָס וועט געשען, אויב מען וועט קעמפן אום שבת. —

אָבער ווי קאָן דאָס מעגלעך זיין, אַז די מוסולמענישע ריטער זאָלן אַזוי ווייט אַריינדרינגען? און מיט אַזאַ גרויסער צאָל? און וווהין זענען אַהינגעקומען די קאַלאַטראַווע־ריטער?

דער קעניג האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, אָבער ער האָט דאָס נישט געוואָלט גלייבן. פינף הונדערט מאָל טויזנט מאָן ציילט די מוסולמענישע אַרמיי, האָבן די מרגלים געמאָלדן, און אַלפאָנסאָ האָט געלאַכט. אָבער איצט פליסן זיי און פליסן אָן אַ סוף, עס טויכן ארויס פון שטויב כסדר אַלץ נייע און נייע ריטער אין טורבאַנען, צופוס און אויף פערד. אַלפאָנסאָ האָט אויפגעהערט צו לאַכן.

און פאָרגעקומען איז אָט וואָס: די קאַלאַטראַוואַ־ריטער, פאַרכישופט פון זייער זיג, זענען אַריינגעדרונגען אַלץ ווייטער און ווייטער צווישן די מוסולמענישע מחנות. זיי האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף דער היץ און שטויב, וואָס האָט זיי געשטערט צו אָטעמען. צווישן דעם הילכנדיקן טומל אויפן שלאַכטפעלד האָבן זיי געהערט זייערע געשרייען און דעם געשריי פון די, וואָס זיי האָבן געהרגעט. אָפּגעמאַטערט, האַלב־צעמישט פון קאַמף־גיריקייט, האַקנדיק פאַרעקשנט מיט די שווערדן, האָבן זיי זיך גערוקט אַלץ ווייטער און ווייטער צווישן דעם געדיכטן שטויב, וואָס האָט פאַרשטעלט די זון.

דער הויפּט־אָנפירער פון דער מוסולמענישער אַרמיי, אַבדולאַ בען סענאַגיד, געבוירן אין אַנדאַלוז, אַ באַהאַוונטער סטראַטעג און אַ שלאַכט־קענער, האָט עס אַלץ פאַרויסגעזען. ער האָט געלאָזן די ריטער אַריינדרינגען, געבנדיק זיי אַ שוואַכערן ווידערשטאַנד. אויף ביידע פלאַנגען האָט ער אַרויסגערוקט מאַהאַמעדישע פולקן און אַראָפּגעבראַכט די שרעקלעכע ווייט־טרעפנדיקע שליידער־האַרמאַטן. די מאַהאַדישע זעלנער, באַרימט מיט זייערע אויסגעצייכנטע אַרבאַלעטן*), האָבן זיך אומבאַמערקט אַריינגעריסן אין רוקן פון די שטורעמדיקע קאַלאַטראַוואַ־ריטער, אָפּשניידנדיק זיי פון זייערע הויפּט־קרעפטן און פון זייער לאַגער. און איצט איז פאַר אַלאַרקאָס געשען דאָס, וואָס אַמאָל איז געשען אין דער שלאַכט ביי אל האטין. די

*) ארבאלעט — האַנט־וואָפּן, ווי אַ בויגן אין די אַלטע צייטן.

מוסולמענישע אַרבאַלעטן האָבן באַשאָסן די פערד פון די קריסטלעכע ריטער. און ווי נאָר דאָס פערד איז געפאַלן, איז דער ריטער אין זיין שווערן פאַנצער געווען אומבאַהאָלפן. אויך די האַרמאַטן פון די קאַליפן האָבן גע־שליידערט גרויסע שטיינער אין די געדיכטע רייען פון די קריסטן.

— עס האָט זיך אָנגעהויבן — האָט געמאָלדן דער כראָניקער איבן יוחיה — אַ מוראדיקע שלאַכט. אַלע זענען געווען געפאַנצערט; אויך די פערד, דער שטאָלץ פון זייערע באַלעבאַטים, זענען געווען געפאַנצערט. אָבער עס האָט זיי גאָרנישט געהאָלפן. פאַר דער שלאַכט האָבן זיי תפילה געטאָן צו זייערע אַלע דריי געטער און ביים צלם געשווירן, אַז זיי וועלן נישט אָפּטרעטן, כל־זמן איין זעלנער וועט נאָך לעבן. איצט, צום חסד פון די גלויביקע, האָט דער אַללאה דערפירט דערצו, אַז די קריסטן האָבן פינקטלעך אויסגעפילט זייער נדר.

כדי דעם שונאס אַרמיי פולשטענדיק צו צעשמעטערן, האָט דער אָנ־פירער, אויסנוצנדיק זיין גרויסע איבערמאַכט, אַרויסגעשיקט אין רוקן פון די קעמפנדיקע ריטער זיינע אייגענע אויסדערוויילטע אַנדאַלוזישע רייטער, זיי זאָלן אָנגרייפן אויפן לאַגער פון די קריסטן.

אַלפאָנסאָ האָט פון זיין הויכקייט געזען, אַז דער דאָזיקער אָנגריף איז געווענדעט אויף זיין לאַגער.

— איצט נעמען זיי זיך צו אונדז — האָט ער דערקלערט מיט אַ בייזער פריילעכקייט. — זיי וועלן מאַכן אַ תל פון לאַגער. אמת, ס'זענען דאָ אַ שפּאָר ביסל מענטשן, אָבער זיי זענען צו קנאַפּ. די מוסולמענישע מחנות וואַקסן און זיי וועלן זיי איינשלונגען. זיי מוזן זיך צוריקציען, כל־זמן זיי האָבן נאָך נישט דערגרייכט דעם לאַגער. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין גע־שלאָסענע רייען און נישט דערלאָזן, אַז די מוסולמענער זאָלן זיי פאַרגיין אין די פלאַנגען. ס'איז זיי אויך געלונגען דורך קליינע אָנגריפן צו שאַפן אַ פרייען שטח.

אַלפאָנסאָ האָט זיך געפונען אין סאַמע מיטן פון דער דאָזיקער סומאַ־טאָכע. ער האָט שוין מער נישט געטראַכט וועגן דער גאַנצער שלאַכט, נאָר וועגן דעם קאַמף אַרום זיך. איינעם שטויב און אין דער היץ האָט ער קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. אין דער פאַרשטויבטער לופט האָט אַלץ געשווימלט פאַר זיינע אויגן. ער האָט געהערט, ווי האָרנס האָבן געשאַלט, ווי באַ־ראַבאַנען האָבן געפויקט און די ווילדע געשרייען פון די מוסולמענער: שלאָגט! און די אויסרופן פון זיינע פריינד: הילף! אַהער! און איבער דעם אַלעם דער אומבאַשטימטער טומל, וואָס האָט זיך געקייקלט און געדונערט

פון אַלע זייטן. עס האָט אים באַהערשט אַ מין טעמפּער כעס, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַ געוויסן פאַרגעניגן. ער האָט געהאַט הנאה צו שלאָגן מיט זיין שווערד פולמען־דעי. ער האָט הנאה געהאַט, ווען אַ שונא איז געפאַלן און ווען אַפילו אַ פריינד איז געפאַלן, האָט ער אויך געפילט אַ געוויסע צו־פרידנקייט.

ביסלעכווייז האָט מען די מוסולמענער אָפּגעטריבן אויף אַ האַלבן וועג צו זייער איינענער הויכקייט. דער קעניג האָט באַפוילן ווידער אָנצוגרייפן. בערך אַכט הונדערט מאַן זענען אַריינגעדרונגען אין די רייען פון די פיינט־לעכע פוסגייער. איין מוסולמענער, וואָס האָט זיך געפונען צום נאָענטסטן, האָט אָנגעצילט זיין שפּיז אויף אַלפאָנסאָן. אָבער איידער ער האָט באַוויזן זי אַ וואָרף צו טאָן, האָט אלאזאר אים אָוועקגעלייגט. דאָס יינגל האָט זיך דערביי צעלאַכט.

— עס איז אים נישט געלונגען, הער קעניג — האָט ער זיך אָנגערופן צווישן דעם וויסטן געררודער. אָבער אין דער זעלבער רגע האָט אים אַליין געטראָפן אַ פייל. ער איז אַראָפּגעפאַלן פון פערד און אַזוי ווי זיין פוס האָט זיך פאַרפלאָנטערט אינעם פוס־האַלטער, האָט ער זיך אַ קליי־נעם שטח נאָכגעשלעפּט נאָכן פערד.

פיל פון אַלפאָנסאָס זעלנער זענען אַריינגעדרונגען נאָך טיפער אין די רייען פון די פיינטלעכע פוסגייער און האָבן זיי אַראָפּגעטריבן פונעם באַרג. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ פרייער שטח אַרום דעם קעניג און זיינע קאָ־מאַנדירן.

אַלפאָנסאָ איז אַראָפּ פון פערד אין אַ צושטאַנד פון צאַרנדיקער טעמפּ־קייט, כמעט אָן ווילן און באַוואוסטזיין. ער האָט זיך געפּאַרעט אַרום אַלאַ־זאַרן. ער האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס ער האָט אויפגעהויבן דעם וויזיער, פאַרוואָס ער האָט אַראָפּגענומען פון יינגלס קאָפּ דעם העלם און האָט אויך נישט געוווּסט, צי אַלאַזאַר דערקענט אים. ער האָט זיך גראָד דערמאָנט, אַז אַלאַזאַר האָט אים געדאַרפט אָפּקלייבן די טויזנט מוסולמענישע ריטער, וועלכע ער האָט געדאַרפט פריילאָזן אָן שום אויסלייז־געלט. דאָס יינגל האָט שווער געאָטעמט, זיין בלאַס־ברוינלעך פּנים איז געווען רויטלעך און גע־שוואָלן און צווישן דעם שמוץ, בלוט, היץ און ליידן האָט ער אויסגעקוקט זייער יונג. אַלפאָנסאָ האָט זיך טיפער איבער אים אַראָפּגעבויגן, געזען, און נישט געזען, אים ווידער געזען און געזאָגט מיט אַ שטים, וואָס איז הייסער פון אַלע געשרייען:

— אַלאַזאַר, מיין יינגל, מיין געטרייער.

אַלאַזאַר האָט מיט גרויס מי אויפגעהויבן די האַנט. אַלפאָנסאָ האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל. שפּעטער האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַלאַזאַר האָט אים געוואָלט אָפּגעבן די הענטשקע, און עס האָט אים פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער האָט עס נישט פאַרשטאַנען לכתחילה. אַלאַזאַר האָט באַוועגט מיט די ליפּן, אַלפאָנסאָ האָט נישט געוווּסט, צי רעדט ער. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט געהערט די ווערטער: „זאָג מייַן טאַטן", אָבער ער האָט זיך וועגן דעם דערמאָנט ערשט שפּעטער, עס האָט זיך אים בלויז געדאַכט, ער זאָל עס האָבן געהערט. ער האָט זיך אויך נישט געקאָנט דערמאָנען אויף וועלכער שפּראַך ער האָט די דאָזיקע ווערטער אַרויסגערעדט.

און בעת ער איז געשטאַנען אַראָפּגעבויגן איבער אַלאַזאַרן צווישן האַרצרייסנדיקע געשרייען און קלאַפּערייען, האָט זיך אין אים דערוועקט אַ מחשבה וועגן רחלען. ער האָט זיך אויך דערמאָנט וועגן דאָן מאַנריקען און גוניאָ פּערעס, וועלכע האָבן אים געראָטן צו בלייבן צווישן די מויערן פון דער פעסטונג. עס האָט זיך אים געשטעלט פאַר די אויגן דער צאָרנדיקער דאָן ראָדריגעז, אָבער ער האָט זיך לאַנג נישט געקאָנט האַלטן ביים דאָזיקן געדאַנק, עס איז נישט געווען קיין צייט. ס'האָט אים אויך מער נישט געקלעקט קיין צייט צו פאַרנעמען זיך מיטן יינגל. ער האָט זיך בלויז גיך איבער אים איבערגעצלמט.

חמרים מענטשן האָבן זיך צונויפגעפּלאָנטערט, קייקלענדיק זיך אין שטויב, אין דער שטויביקער היציקער לופט. מיט פאַרטעמפּטע געדאַנקען, אויפגעציטערט פון כעס, האָט זיך אַלפאָנסאָ צוגעקוקט צום כאַאָס, וואָס האָט געהערשט אַרום. צי וועט עס זיך אַמאָל ענדיקן? פינף הונדערט מאָל טויזנט מוסולמענער, האָבן איבערגעגעבן די מרגלים. ניין, זיי האָבן נישט איבערגעטריבן.

— ביז איצט האָבן מיר געהאַט צו טאָן בלויז מיטן אַוואַנגאַרד — האָט געשפּאַסט דער בייזער ארציבישאָף — און איצט וועט קומען דער אמתער שונא.

— גוט — האָט זיך אָנגערופן בערטראַן — איצט וועלן וואָס מער מו־טערס און ווייבער מוזן קלאָגן.

— צוריק! צוריק! — האָבן אַלע געשריגן.

אָבער בערטראַן האָט געזונגען איינס פון זיינע לידער:

„קיינער פון אונדז איז נישט קיין זון פון אַ מאַן
וואָס שטאַרבט ווי אַ פּחדן אין בעט
און קיינער פון אונדז ווינטשט זיך קיין אנדער טויט
ווי דורך קאַלטן שטאָל אין פעלד“.

לאַנגזאַם, מיטן פּנים צום שונא, האָבן זיי זיך אויף זייערע טאַנצנדיקע פערד געריקט פאַרויס צו דער הויכקייט.

מען האָט אַכזריותדיק געקעמפט. אָבער ווען זיי האָבן דערגרייכט צו־פוסנס פונעם העכסטן שיפּוע, האָט זיך פאַר זיי געשאַפן אַ נייער פרייער שטח, וווּ קיינער האָט זיי נישט געקאָנט פאַרגיין און דערלאַנגען אין רוקן אַריין. זיי האָבן לייכטער אָפּגעעטעמט, האָבן זיך אַרומגעקוקט, געזוכט און געציילט. אַרום זיי האָבן זיך געפונען צוויי הונדערט מאַן פון זייערע מענטשן.

— ווו איז דער אַרציבישאָף דאָן מאַרטין? — האָט אַלפאָנסאָ אַ פרעג געטאָן.

— אַ פייל האָט אים געטראָפן — האָט גאַרסעראַן געזאָגט — קענטיק שווער פאַרווונדעט. מען באַמיט זיך אים אַריבערצוטראָגן אויף דער הויכ־קייט אין דעמבעבנעם וועלדל דורך דעם קאַנאַל. און דו, הער קעניג, טרעט אָפּ. כל־זמן זיי האָבן נאָך נישט אַנטדעקט דעם וועג דורך די אַראַיאָס — האָט ער זיך געבעטן ביים קעניג.

און באמת, פון יענער זייט הויכקייט האָט אַ פאַרבאָרגענער וועג גע־פירט צום דעמבבענעם וועלדל און צום איבערגאַנג אויפן צפון־טייל פון די אַראַיאָס.

— שפּעטער, נאָך זייער נאָענטסטן שטורעם — האָט אַלפאָנסאָ מסכים געווען, היות דער שונא האָט זיך ווידעראַמאָל געגרייט צום אָנגריף. — אָבער וואָס איז מיט דיר, בערטראַן? — האָט אַלפאָנסאָ געפרעגט. — דו ביסט פאַרווונדעט?

— בלויז עטלעכע פינגער — האָט בערטראַן זיך באַמיט אָפּצוּענטפערן מיט אַן אומגעצוווּנגענער שטים. — וואָרשיינלעך וועל איך דיר קאָנען אָפּ־געבן בלויז אַ שטיקל פון דיין הענטשקע — האָט ער געשפּאַסט.

ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דער כאַאָס.

דאָ, צופוסנס פון דער לעצטער הויכקייט זענען אָנגעגאַנגען פאַרבי־סענע איינצל־קאַמפן. יעדער איינער האָט זיך געשלאָגן פאַר זיך אַליין: ווילד, באַריש, קיינער האָט נישט געהאַט קיין פאַרבינדונג מיטן צווייטן.

— „און דער פאַרשאָלטענער אַלפאָנסאָ — האָט צוגעגעבן דער כראָ־

ניקער איבן יוחיה — האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און דערזען די ווייסע פאָן פון די באַשיצער פון די גלויביקע, וואָס איז שוין געווען גאָר נאָענט פון אים, און ער האָט דערזען די גאָלדענע אותיות: „אַללאַה באַשיצט אייך! אַללאַה איז אַללאַה און מאַכמעד איז אַללאַהס נביא". דאָס האַרץ פונעם פאַרשאָלטענעם איז אָנגעפילט געוואָרן מיט שרעק, און ער איז אַנטלאָפן געוואָרן, און אַלע, וואָס אַרום אים, זענען געלאָפן, און די מוסולמענער האָבן זיי פאַרפאָלגט. דעם פאַרשאָלטענעם איז געלונגען צו אַנטלויפן היבטער די הויכקייטן, אָבער די מוסולמענער האָבן אויסגעהרגעט אַ גרויסן טייל פון זיינע מענער און מיט זייערע שפּיזן און שווערדן האָבן זיי געהאַקט האַלדז און נאַקן פון די אַנטלויפנדיקע און נישט גערוט, ביז וואַנען זיי האָבן נישט געשטילט דעם דורשט פון זייערע כלי־זין אינעם בלוט פון די אומגלויביקע און זיי געצוווּנגען אויסצוטרינקען ביז צום דעק דעם ביטערן בעכער פון טויט".

אויף דער הויכקייט האָט זיך אַלפאָנסאָ אַרומגעקוקט און אויף אַ רגע געכאַפּט אַ קוק אויפן שלאַכטפעלד, אינעם געביט פון אַראַיאָס. שטויב אויפן גאַנצן שלאַכטפעלד, פאַרשטויבט איז ער און זיינע אַרומיקע, שטויב אויף די קאַסקעס, אויף די כלי־זין. אַזוי געדיכט איז אויפן גאַנצן פעלד געלעגן דער שטויב, אַז אין אים האָט טעמפּ אָפּגעקלונגען דער גאַנצער וויסטער ליאַרם; די געוואַלדן און געשרייען פון די מענער, דאָס טרעטן, טופּען און הירזשען פון די פערד, דאָס הילכן פון די טראָמפּייטן. און אַלפאָנסאָ, דער קעניג פון קאַסטיליע, מיט זיינע העלע אויגן האָט דייטלעך נישט געקאָנט אונטערשיידן, וואָס עס קומט פאָר דאָרט אינעם גרויען געוועב פון היץ, טונקלקייט און שטויב. אָבער ער האָט געוווּסט, אַז דאָ שטאַרבט זיין רום, שטאַרבט אָפּ קאַסטיליע. און איידער ער האָט געקאָנט באַטראַכטן די לאַגע, אָדער אין זיך אויסדריקן עס אין ווערטער, האָבן אים זיינע ריטער געצוווּנגען ווייטער צו לויפן.

דערווייל האָבן די מוסולמענער גערויבט דעם קאַסטילישן לאַגער. זיי האָבן דערוואָרבן כלי־זין, ווערט־זאַכן און קריגס־מכשירים, זאַפּאַסן פון פאַרשידענע זאַכן, הונדערט איידעלע יאַגד־פאַלקן, פיל קירכן־חפצים און חוץ דעם יום־טוב־קליידער, וואָס די קאַלאַטראַוואַ־ריטער האָבן געדאַרפט אָנטאָן ביים פייערן זייער נצחון.

„די צאָל פון די קריסטן, וואָס די גלויביקע האָבן דערהרגעט — האָט געמעלדעט דער כראָניקער — קאָן איך נישט אָנרופן. קיינער האָט עס נישט געקאָנט צונויפרעכענען. עס זענען געווען אַזויפיל טויטע קריסטן,

אַז בלויז דער אללאה, וועלכער האָט זיי באַשאפן, ווייסט זייער צאָל".

זינט דער שלאַכט ביי סאלאקע, זינט הונדערט און צוועלף יאָר, האָבן די מוסולמענער אַזאַ געוואַלדיקן נצחון אויפן האַלב־אינדזל נישט געהאַט.

דער פחד פון די קריסטן איז געווען אַזוי מוראדיק, אַז אויך ביי די פאַרטיידיקער פון אַלאַרקאָס האָבן געציטערט די הערצער. שוין אין עט־לעכע טעג אַרום האָבן זיי אָפּגעגעבן די דאָזיקע שטאַרקסטע פעסטונג פון קאַסטיליע. אָבער כדי צו פאַרשטאַרקן די מורא, האָבן די זיגער מיט זייערע שרעקלעכע קריגס־מכשירים צעשטערט די מויערן, די הייזער און די פעס־טונג אַלאַרקאָס, אויסגעגלייכט אַלץ מיט דער ערד און באַשאָטן מיט זאַלץ.

קאַפּיטל פֿינף

עטלעכע טעג נאָך דער שלאַכט ביי אַלאַרקאָס זענען קיין טאָלעדאָ אָנגעקומען די ערשטע אַכט הונדערט מאַן פֿון אַראַגאָנישן הילף־מיליטער, וועלכע דאָן פּעדראָ האָט צוגעזאָגט צוצושיקן. זייער אָנפֿירער האָט זיך געמאָלדן ביי דער קעניגין. דאָס איז געווען גוטיערע דע־קאַסטראָ.

דע־קאַסטראָ האָט פֿאַרלאַנגט מען זאָל אים דעם ערשטן שיקן קיין טאָלעדאָ. די דע־קאַסטראָס, האָט ער באַגרינדעט זיין פֿאָדערונג, האָבן אַ גרויסן אָנטייל גענומען ביי דער דעראָבערונג פֿון טאָלעדאָ, אויף וואָס עס זאָגט עדות זייער שלאָס אין דער דאָזיקער שטאָט. ער וויל דעריבער אויך אָנטייל נעמען אין דער דעראָבערונג פֿון קאָרדאָווע און סעווילייע. דער לאַנגזאַמער דאָן פּעדראָ האָט נישט געקאָנט זיין מעכטיקן וואַסאַל אָפּזאָגן אין דער דאָזיקער בקשה. ער איז אַלזאָ אָנגעקומען מיט זיינע אַכט הונדערט מאַן קיין טאָלעדאָ און זיך געשטעלט אין רשות פֿון דאָניאַ לעאָנאָר.

זי איז געווען גערירט, גליקלעך, אָבער גלייכצייטיק האָט זי געשטוינט. כמעט מיט אָבערגלויבערישער פֿאַרגעטערונג האָט זי געטראַכט וועגן איר קלוגער מוטער, וועלכע האָט דע־קאַסטראָן גערייצט און געלאָקט מיט זיין שלאָס אין טאָלעדאָ. זי האָט אים העפֿלעך און פֿריילעך באַגריסט:

— איך פֿריי מיך זייער, וואָס פֿון אונדזערע אַראַגאָנישע פֿריינד, ביסטו, דאָן גוטיערע, דער ערשטער געקומען קיין טאָלעדאָ.

דאָן גוטיערע איז געשטאַנען פֿאַר איר אין דער פֿולער באַוואָפֿענונג, האַלטנדיק זיך לויט די אַלטע פֿאָרשריפֿטן: אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע און ביידע הענט אָנגעלענט אויפֿן הענטל פֿון זיין שווערד. דער פֿעסטגעבויטער גוטיערע האָט זיך גערימט, אַז ער איז אָפּשטאַמיק פֿון די אַלטע גאָטישע פֿירשטן, וועלכע האָבן אָפּגערייניקט דעם גאַנצן האַלב־אינדזל פֿון די מור־סולמענער און אין די בערג פֿון אַסטוריע און קאַנטאַבריע פֿאַרזיכערט די אומאָפּהענגיקייט. לויט דער באַצייכענונג פֿון די בערג־איינוווינער פֿון יענער געגנט, איז אויף זיינע ברייטע פּלייצעס געזעסן אַ רונדער שאַרבן,

מיט אַ געבויגענער נאָז און טיפע אויגן. ער איז געשטאַנען און באַטראַכט די זיצנדיקע קעניגין, געקוקט רואיק איר אין פּנים אַריין און זיך פאַר־טראַכט אויף דער באַדייטונג פון אירע ווערטער.

— איך האָף — האָט דאָניאַ לעאָנאָר געזאָגט — אַז די אַנטשעדיקונג, וואָס די קעניגן האָבן צעגעפּסקנט אין דיין סיכסוך מיט קאַסטיליע, האָט דיך באַפרידיקט. — זי האָט אָנגעשטעלט אויף אים אירע אויגן אוןביידע האָבן איינער דעם צווייטן באַטראַכט אַ לענגערע צייט. ענדלעך, פאַר־טראַכטנדיק זיך אויף יעדעס וואָרט, האָט דאָן גוטיערע מיט אַ הייזעריקער שטים געזאָגט:

— מיין ברודער פערנאַן דע־קאַסטראָ איז געווען אַ גרויסער ריטער און אַ גרויסער העלד. די נשמה וואָלט איך פאַר אים אָפּגעגעבן. קיין שום אַנטשולדיקונג און ממילא קיין שום געלט, וואָס מען צאָלט מיר, קאָן מיך נישט באַפרידיקן. אָבער ווען איך האָב גענומען דעם צלם, האָב איך גע־שווירן אַרויסצורייסן די שנאה פון מיין האַרצן און זיין געהאָרכזאַם דעם קעניג פון קאַסטיליע, ווי עס האָט מיר באַפוילן מיין האַר, דער קעניג פון אַראַגאָן. אָבער איך זאָג דיר גאַנץ אָפן, פרוי קעניגין, אַז דאָס קומט מיר נישט לייכט אָן. עס קרענקט מיך, וואָס צווישן די ערשטע דינער פון דאָן אַלפאָנסאָ געפינט זיך אַ מאַן, וועלכער איז נישט ווערט איך זאָל אים אין פּנים שפּייען, און דער דאָזיקער מענטש האָט זיך אויסגעשפּרייט אינעם שלאָס פון מיינע אבות.

דאָניאַ לעאָנאָר, קוקנדיק אויף אים מיט אירע גרינע אויגן, האָט אָפּ־געענטפערט העפלעך און מיט אַנטשולדיקונג:

— די קעניגן האָבן זיך שטאַרק באַראַטן, איידער זיי האָבן זיך באַ־שלאָסן ביי דעם מאַן איבערצולאָזן דעם שלאָס. מלחמות — האָט זי וויי־טער דערקלערט — קאָנען איצט נישט געפירט ווערן, ווי אין די צייטן פון דיינע אבות. אַ מלחמה פאָדערט אַ סך געלט. אום דאָס צו באַקומען פאַ־דערט זיך קאָמבינאַציעס, טיילמאָל בייזע קאָמבינאַציעס, און דער מאַן, וועגן וועמען דו רעדסט, באַזיצט די דאָזיקע אייגנשאַפט. גלויב מיר, מיין איידעלער, ליבער גוטיערע, ווי איך פאַרשטיי דיינע געפילן און איך דריק דיר אויס מיין מיטגעפיל צוליב דעם, וואָס דער דאָזיקער מאַן זיצט אין דיין שלאָס.

זי האָט געקוקט אויף זיינע פאַרשנדיקע אויגן פול מיט דערוואַרטונג. איצט וועל איך דעם פאַלק באַווייזן דאָס פרעסן, האָט זי געטראַכט, און פאַרענדיקט:

— ווען די מלחמה וועט זיין אין סאַמע ברען, דאַן וועט מען אפשר דעם מאַן מיט זיינע קאָמבינאַציעס מער נישט באַדארפן.

ער האָט געפרעגט, וואָסער באַפעל ער וועט פון איר באַקומען.

— פאַרלויפיק וועט גוט זיין — האָט זי געזאָגט — דו זאָלסט מיט דיינע לייט בלייבן דאָ אין טאָלעדאָ. איך וועל דעם קעניג מעלדן וועגן דיין אָנקום און וואַרטן אויף זיינע פאַראָרדענונגען. איך פערזענלעך וואָלט געוואָלט, אַז איר זאָלט דאָ בלייבן. די שטאָט איז געבליבן אָן מיליטער און איך וואָלט געווען שטאַרק צופרידן, ווען דאָ בלייבן גוטע מענער, צו וועלכע איך האָב צוטרוי.

דאַן גוטיערע האָט זיך לויט זיין געוווינהייט פאַרבייגט זייער טיף און געזאָגט:

— איך דאַנק דיר פאַר דיינע האַרציקע ווערטער, גנעדיקע דאַמע.

ער האָט זיך מיט איר אָפּגעזעגנט מוטיק און פול מיט באַגייסטערונג. דאָניע לעאָנאָר איז באמת אַ גרויסע קעניגין.

ווי אַ זיגער איז ער געריטן איבער די ענגע געדרייטע גאַסן פון טאָ־לעדאָ. ער, גוטיערע, דער חשובער גאַסט און העלד. ער איז געריטן אין דער שטאָט פונוואַנען ער איז פאַרטריבן געוואָרן, און אין דער דאָזיקער הייסער זומער־וואָך האָט ער מיט שנאה און האָפענונג געקוקט אויף זיין שלאָס, ווען ער איז נעבן אים פאַרבייגעריטן.

עס איז אָנגעקומען דער טאָג, ווען פון סאַמע באַגינען האָבן אַלע גלאָקן אין טאָלעדאָ געקלונגען, אָנזאָגנדיק דעם אָנהייב פון דער גרויסער שלאַכט. דערנאָך איז צוגעפאַלן די באַכט און אין סאַמע מיטן נאַכט זענען אָנגעקומען פאַרנעפּלטע ידיעות, אַז די שלאַכט איז פאַרשפּילט. באַלד אויף מאָרגן פרי זענען אָנגעקומען דערשראָקענע פליטים פון דרום, וואָס ווייטער אַלץ מער און מער. אַ סך איינוווינער, וועלכע האָבן זיך געפונען מחוץ די מויערן פון טאָלעדאָ, זענען אַריין אין שטאָט, זי איבערפולט און פאַרשפּרייט פאַר־שידענע שרעקלעכע ידיעות, אַז דער אָרדן־מייסטער פון קאַלאַטראַוואַ איז אומגעקומען, דער ארציבישאָף שווער פאַרוואונדעט, אַכט טויזנט קאַלאַטראַ־וואַ־ריטער דערהרגעט און אַז דאָס זעלבע האָט פאַסירט מיט נאָך צען טויזנט אַנדערע ריטער און מיט אַ סך פוסגייער.

דאָניאַ לעאָנאָר האָט זיך נישט פאַרלוירן. צו שרעקלעך זענען געווען די ידיעות. עס קאָן אַזוי נישט זיין. עס טאָר אַזוי נישט זיין. זי האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן אַזאַ מפלה.

דאָן ראָדריגע דער איינציקער מיטגליד פונעם קרוין־ראָט, וואָס איז

פאַרבליבן אין טאָלעדאָ, איז געקומען צו איר מיט אַן אויסגעדאַרט פּנים, אויפגערעגט פון ליידן און פון כעס.

— מען מעלדעט מיר — האָט לעאָנאָר געזאָגט — אַז אונדזער האַר דער קעניג האָט געהאַט גרויסע פאַרלוסטן ביי דער פעסטונג אַלאַרקאָס. האָסטו אפשר גענויערע ידיעות, חשובער ראַדריגע?

— וואָך אויף, פרוי קעניגין! — האָט ראַדריגע מיט צאַרן אויסגערופן. — דאָן אַלפאָנסאָ האָט די גרויסע שלאַכט פאַרלוירן. די מלחמה איז געווען פאַרשפּילט, איידער זי האָט זיך נאָך אָנגעהויבן. די בעסטע קאַסטילישע ריטער זענען דאָרט געבליבן. דער אָרדן־מייסטער פון קאַלאַטראַוואַ איז טויט, דער אַרציבישאָף פון טאָלעדאָ איז שווער פאַרוואונדעט, דער גרעסטער טייל פון די באַראָנען און ריטער זענען געבליבן ליגן אויפן פלאַכלאַנד אַראַיאָס, וואָס די קריסטלעכע קעניגן האָבן אין משך פון הונדערטער יאָרן דערוואָרבן מיט שווייס און בלוט, אַלץ איז אין איין טאָג פאַרלוירן געגאַנגען צוליב דער ריטערלעכער שטימונג פון אַן איינצלנער פערזאָן.

די קעניגין איז בלאַס געוואָרן. איצט ערשט איז דערגאַנגען צו איר באַוווּסטזיין, אַז אַזוי האָט עס טאַקע פּאַסירט. אָבער לעאָנאָר האָט נישט געוואָלט ווייזן, אַז זי גלייבט אים. האָט זי זיך געהאַלטן, ווי אַן אמתע קעניגין.

— דו פאַרגעסט דיך, דאָן ראַדריגע — האָט זי אים אויפמערקזאַם געמאַכט. — אָבער איך פאַרשטיי דיין צער און נעם עס אין באַטראַכט. זאָג מיר בעסער, מיין ליבער, וואָס זאָל איך איצט טאָן, וואָס קאָן איך טאָן?

— די קריגס־ספּעציאַליסטן האַלטן — האָט ער געזאָגט — אַז אַלפאָנסאָ וועט אַ קורצע צייט קאָנען איינהאַלטן די פעסטונג קאַלאַטראַוואַ. באַמי דיך, פרוי קעניגין, אין דער דאָזיקער צייט צוצוגרייטן טאָלעדאָ צו דער באַלאַגערונג. דו ביסט קלוג און האָסט אַ ידיעה אין די ענינים פון פאַרוואַלטונג. זע, אַז אין שטאָט זאָל הערשן רו. די שטאָט ווערט איבערפולט פון פליטים און פאַרצווייפלטע. עס וועלן זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן שלאָגן, הרגענען, כדי צו ציען דערפון פּראָפיט. זיי וועלן באַדראָען די קריסטלעכע אַראַבער, זיי וועלן שטעלן אין סכנה די יידן.

טיף אין האַרצן האָט דאָניאַ לעאָנאָר דערויף געוואַרט און גאַנץ מעגלעך, אַז זי האָט אפילו דערצו געשטרעבט. זי האָט געענטפערט:

— איך וועל טאָן אַלץ, וואָס איך וועל קאָנען, כדי אויפצוהאַלטן די רו אין טאָלעדאָ.

ר׳ אפרים, דער פּרנס פון דער אַלאַכאַמאַ, איז געזעסן שטאַרק פאַר־דאגהט. דער נצחון ביי אַלאַרקאָס עפנט דעם קאַליף די וועגן צום האַלב־אינדזל. טאָלעדאָ וועט אָפּגעגעבן ווערן די מוסולמענער, וועלכע האָבן די יידן אַרויסגעטריבן פון קאָרדאָווע און סעווילִיע, זינט די צייטן פון די גאָ־טישע קעניגן האָבן נאָך די ספּרדישע יידן נישט איבערגעלעבט אַזאַ אומגליק.

און וואָס וועט די נאָענטסטע צוקונפט ברענגען? וויסטע קלאַנגען גייען אַרום אין טאָלעדאָ. די גלענצנדיקע קריסטלעכע אַרמיי וואָלט נישט גע־קאָנט האָבן קיין מפּלה, ווען ס׳וואָלטן דאָרט נישט געווען קיין מאַכינאַ־ציעס און פאַראַט. דער ייד, דער פריינד פון עמיר פון סעווילִיע, האָט זיך צונויפגערעדט מיט די מוסולמענער, האָט זיי איבערגעגעבן די קריגס־פּלענער פון די קריסטן, ידיעות וועגן די כוחות פון דער אַרמיי, וועגן אירע פּאָזיציעס. חוץ דעם האָט דער קעניג זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דער נעץ פון דער יידישקע, וועלכע איז אַ שליח פון טײַוול, און דעריבער האָט גאָט באַשטראָפט אים און זיין לאַנד.

אין דער יודעריאַ (יידישער קוואַרטאַל) האָבן זיך די יידן צונויפגע־פּרעסט מער ווי פריער. די יידן, וואָס האָבן געוווינט אויסערהאַלב דער שטאָט, זענען אַריין אין טאָלעדאָ, אונטערן שוץ פון אירע פעסטע מויערן. טרויער האָט געהערשט אין דער אַלאַכאַמאַ.

ר׳ אפרים האָט זיך געווענדעט צו דער קעניגין, זי זאָל אים אויפנע־מען. די וואָפן־פעיקע מענער זענען אַרויסגעפּאָדערט געוואָרן צו פאַרטיי־דיקן די מויערן פון דער שטאָט. אפרים האָט געבעטן, אַז מען זאָל דערלויבן דער אלאכאמא צו פאַרהאַלטן די פאַרבליבענע פופצן הונדערט מאַן, כדי צו פאַרטיידיקן די יודעריאַ. ער האָט איר אויפגעקלערט, אַז די גרויסע צאָל יידישע זעלנער, וואָס זענען געפאַלן אין דער שלאַכט ביי אַלאַרקאָס, באַווייזן זייער גרייטקייט מקריב צו זיין זייערע לעבן פאַרן קעניג. איצט אָבער איז די אַלאַכאמאַ באַדראָט דורך עלעמענטן, וואָס זענען אויפגעהעצט דורך אומזיניקע קלאַנגען, און דעריבער דאַרף מען דרינגענדיק האָבן מענער און וואָפן.

הינטער לעאָנאָרס הויכן שטערן זענען געפלויגן אירע געדאַנקען. דער טאָג, אויף וועלכן זי האָט געוואַרט, איז געקומען. איצט דאַרף זי זיין פאַר־זיכטיק, געבן אָנווייזונגען, אָבער זיך אַליין נישט פאַראַטן.

— דאָס פאָלק פון טאָלעדאָ — האָט זי געענטפערט — באַטראַכט דעם אומגינסטיקן אויסגאַנג פון דער שלאַכט, ווי אַ שטראָף פון גאָט, און זוכט

די שולדיקע. קיינער פֿאַרדעכטיקט נישט די מענער פֿון דער אַלאַכאַמאַ, וועלכע ווערן באַטראַכט אַלס דעם קעניגס געטרייע פֿריינד. אָבער קיין זאַך ווייסט מען נישט פֿון די פֿרעמדע, פֿון די פֿרענקישע פּליטים, וועלכע אונ־דזער האַר, דער קעניג, האָט מיט זיין גרויס חסד אַריינגעלאָזן אין אונ־דזער לאַנד. אויך קוקט מען מיט שלעכטע אויגן אויפֿן מאַן, אויף יהודה איבן עזרא, וועלכער האָט געגעבן אַ שלעכטע עצה. ביי אַלע זיינע פֿאַר־דינסטן איז דאָן יהודה, הגם נישט פֿאַרריסן, דאָך שטאָלץ, און זיין גלאַנץ און זיין ברייט לעבן, וואָס ער פֿירט רופֿט אין דעם דאָזיקן קריג אַרויס צאָרן ביים פּשוטן בירגער. אַזאַ קלוגער מאַן, ווי דער פֿאַרשטייער פֿון דער אַלאַכאַמאַ דאַרף עס פֿאַרשטיין.

דעם פּרנס האָט פֿאַרדראָסן, וואָס זי פֿאַרלייקנט דעם מאַן, וועלכן זי האָט אַליין פֿאַרבעטן און וועלכער האָט דאָס לאַנד רייך געמאַכט.

— דו לייגסט אַלזאָ פֿאָר, פֿרוי קעניגין — האָט ער פֿאַרזיכטיק גע־פֿרעגט — מיר זאָלן פּטור ווערן פֿון יהודה איבן עזרא?

— ניין, דאָן אפֿרים — האָט שנעל געענטפֿערט דאָניאַ לעאָנאָר. — איך וויל נאָר באַגרינדן קעגן וועמען צווישן די יידן איז אָנגעווענדעט דער צאָרן פֿון פֿאָלק.

—זיי מוחל, פֿרוי קעניגין, וואָס איך באַאומרואיק דיך — איז ר׳ אפֿרים צוגעשטאַנען — וייל איך וויל אין דער דאָזיקער וויכטיקער פֿראַגע נישט שלעכט אויסטייטשן די רייד פֿון דיין מאַיעסטעט. צי איז עס דיין מיינונג, אַז מיר דאַרפֿן זיך שיידן מיט דאָן יהודהן?

זי האָט געענטפֿערט קאַלט און נישט אינגאַנצן קלאָר:

— לויט מיין מיינונג זענט איר נישט שטאַרק אין געפֿאַר, און ווען עס זאָל דאָ נישט זיין דאָן יהודה, וואָלט קיין שאָטן פֿון אַ געפֿאַר נישט געווען — און נאָך אַ קורצן פּיינלעכן שווייגן, האָט זי מיט לייכטער אומ־געדולד פֿאַרענדיקט: — זאָל זיין, ווי ס׳וועט זיין, דאָן אפֿרים. פֿאַרווענדע דיינע וואָפֿן־פּעיקע מענער צו באַשיצן די יודעריאַ, אָדער צום שוץ פֿון טאָלעדאָ. טו לויט דיין פֿאַרשטאַנד, דאָן אפֿרים.

אפֿרים האָט זיך טיף פֿאַרנייגט און אַוועקגעגאַנגען.

ער איז אַוועק צו יהודהן.

— עס טוט מיר זייער לייד, דאָן יהודה — האָט ער אָנגעהויבן — וואָס דו געפֿינסט דיך נאָך אינעם קאַסטיליאַ, איבן עזרא, דו וועסט קוים גע־

פּינען אין גאַנץ טאָלעדאָ אַזאַ נישט זיכער אָרט פאַר דיין שוץ, ווי אין דיין קאַסטיליאַ.

—זיי ווילן מיך האָבן אויף יענער זייט שטאָט — האָט יהודה פאַרבי־טערט געטראַכט — זיי ווילן פון מיר פּטור ווערן. און מיט אַ טאָן פון העפלעכן שפּאַס האָט ער געענטפערט:

— נאָך דיין ערשטער וואָרענונג האָב איך נישט איין מאָל געטראַכט, צי זאָל איך נישט מיט מיין טאָכטער און מיט מיין פריינד מוסא אַוועק פון דעם דאָזיקן לאַנד. אָבער דער קעניג, אונדזער האַר, וואָלט מיך פאַרפאָלגט. גלויבסטו עס נישט, דאָן אפרים? און איך זע איצט נישט, ווי אַזוי איך וועל קאָנען, דורך די דאָזיקע ריזיקע קריסטלעכע געביטן, זיך געזונטערהייט אַדורכשלאָגן צום סולטאַנס קעניגרייך. דו און די אַלאַבאַמא מוזן טאָלערירן מיין אָנוועזנהייט דאָ אין טאָלעדאָ.

— די יודעריאַ האָט פעסטע מויערן און פופצן הונדערט וואָפן־פעיקע יונגע מענער, כדי זיך צו פאַרטיידיקן — האָט אפרים געזאָגט. — לויט מיין מיינונג איז עס ביים היינטיקן טאָג דאָס סאַמע פּאַסנדיקע אָרט פאַר דיר, דאָן יהודה.

יהודה איז געווען איבערראַשט. ער האָט זיך נישט גערעכנט אויף אַזאַ גרויסמוטיקן פאָרשלאָג.

— זיי מיר מוחל פאַר מיין נאַרישן שפּאַס — האָט ער געזאָגט מיט וואַרעמקייט. — איך האָב קיין סך פריינד נישט געפונען אין מיין לעבן, איך האָב מיך נישט גערעכנט אויף אַזויפיל מענטשלעכקייט.

שטאַרק אויפגערעגט, האָט ער געשפּרייזט הין און צוריק. דערנאָך איז ער געבליבן שטיין פאַר ר׳ אפרימען און זיך צו אים געווענדעט אין העברעיש:

— אָבער צי האָסטו אַ טראַכט געטאָן, האַר און לערער ר׳ אפרים, וויפל די יודעריאַ פאַרלירט אין איר זיכערקייט, ווען זי וועט מיך פאַר־באָרגן צווישן אירע ווענט?

— עס איז אונדז פרעמד דער געדאַנק — האָט אפרים געענטפערט — אַז פאַר אַ מאַן, וועלכער האָט אונדז אַזויפיל טובות געטאָן, זאָלן מיר פאַר־שליסן דאָס טויער אין די טעג פון סכנה.

יהודה, פול מיט פאַרשידענע געפילן, האָט געפרעגט:

— צי גילט אייער איינלאַדונג אויך פאַר רחלען?

— דאָס גילט אויך פאַר דיין טאָכטער — האָט אפרים געענטפערט נאָך אַ קורצן שווייגן. עס גייט דאָ אין דיין לעבן, דאָן יהודה. דו ביסט

קלוג און ווייסט עס פונקט אַזוי גוט ווי איך. פאַר דיין רעטונג וועלן מיר אפשר מוזן באַצאָלן מיט אונדזער בלוט. דו האָסט עס אַליין געזאָגט און איך ווידערשפּרעך דיר נישט. אָבער מיר זענען זיכער, אַז אַזאַ קרבן וועט גאָט געפעלן זיין. דו האָסט צו אונדז אַרויסגעוויזן דיין בעסטן ווילן, אַריינ־טראָגנדיק דערביי אַ גרויסן צושטייער, איך בעט דיך, זיי נישט שטאָלץ אין אַזאַ שעת הכושר. גיב אונדז די געלעגנהייט דיר אָפּצודינען.

— איר זענט גרייט אויף קרבנות — האָט יהודה געזאָגט — און איך פאַרטראַכט זיך נאָך, צי דאַרף איך אייער פאַרבעטונג אָננעמען. איך קאָן נישט פאַרלייקענען, אַז מיין האַרץ איז פול מיט שרעק, אָבער עפּעס אַזוינס האַלט מיך אָפּ. ענדלעך, קאָן איך מיט דיר אַזוי מאַכן, אַז עס זאָל נישט זיין קיין סכנה. אָבער דאָס איז נישט אַלץ. גלויב מיר, דאָ האַנדלט זיך נישט אין מיין גאווה. די סיבה איז אַ גאַנץ טיפערע. קורץ פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה האָט מיך דער קעניג געצוואונגען מיין חתימה אַוועקצושטעלן נעבן זיינער אויף יענעם חוצפהדיקן ענטפער דעם קאַליף. און איצט איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז מיין גורל איז געפלאָכטן מיטן גורל פון דעם דאָ־זיקן קעניג פון אדום. איך האָב געשפּילט אַ ריזיקאַלישע שפּיל און איך וויל נישט אַנטלויפן פאַר מיין יום־הדין.

— באַרעכן דיך נאָכאַמאָל — האָט אים אפרים באַשווירן — דו אַנט־לויפסט נישט פון גאָט, ווען דו קומסט צו זיין פאָלק, צו וועלכן דו האָסט זיך אָנערקענט, ברענגענדיק דערביי געוויסע קרבנות. עס איז שפּעט, דאָן יהודה. מאָרגן וועסטו אפשר שוין נישט קאָנען פאַרלאָזן דיין הויז. קום מיט מיר; נעם דיין טאָכטער און קום.

— דו ביסט אַ מוטיקער, גוטער מאַן — האָט יהודה געזאָגט — און איך דאַנק דיר, ר׳ אפרים, זאָל גאָט דיר געבן נייע כוחות. אָבער איך קאָן זיך איצט נישט באַשליסן. איך ווייס, אַז די שעה איז אַן ערנסטע, אָבער איך קאָן בלויז פאָלגן מיין אייגן האַרץ. אַלזאָ, איך קאָן איצט מיט דיר נישט גיין.

— איך וועל דיר שפּעטער שיקן נאָכאַמאָל אַ שליח — האָט אפרים מיט גרויס צער געזאָגט — און איך האָף, אַז דו וועסט דיך איבערלייגן און וועסט קומען צו אונדז מיט דיין טאָכטער. דער אַלמעכטיקער וועט דיר אָנווייזן דעם אמתן וועג.

יהודה האָט זיך גובר געווען און געזאָגט:

— איידער דו גייסט אַוועק, מיין האַר און לערער אפרים, האָב איך צו דיר אַ בקשה. מיין אייניקל געפינט זיך אין אַ זיכער אָרט, אָבער איך

ווייס נישט, ווי לאַנג דאָס אָרט וועט זיין זיכער. איך ווייס אַפילו נישט גענוי, ווו דאָס קינד געפינט זיך. דער איינציקער, וואָס ווייסט דערפון איז איבן אָמאַר, וועלכן דו קענסט. דו וועסט אים אויפזוכן, ווען עס וועט רואיקער ווערן. איבן אָמאַר איז א פאַרשטענדיקער מאַן, ער ווייסט מיינע כוונות און מיין ווילן, ער וועט דיר אַלץ אויפקלערן. דער קעניג פון אדום וויל זיין זון, מיין אייניקל, מאכן פאַר א גראַף פון אלמעדאַ. זע, אַז דאָס קינד זאָל זיין פון אים פאַרבאָרגן. זע, אַז ער זאָל נישט ווערן קיין משומד. לאָז דאָס קינד נישט וויסן, ווער עס איז זיין פאָטער. באַשיץ אים פון אדום און פון אדומס גלויבן.

— דאָס וועל איך טאָן, דאָן יהודה — האָט אים אפרים צוגעזאָגט — און ווען עס וועט קומען די ריכטיקע צייט וועל איך דעם ייִנגל צווויסן טאָן.

אַז ער איז אַן איבן עזרא. — און ביים אַוועקגיין האָט ער געזאָגט:

— זאָל גאָט זיין מיט דיר, יהודה. איך בין דיינער א גרויסער ידיד. ווען עס וועט אַמאָל ביי אונדז דערגיין צו א סכסוך, דערמאָן דיך אין דער דאָזיקער שעה, און אויך איך וועל געדענקען. און אויב מיר וועלן זיך מער נישט זען, דאַן ווייס, אַז טויזנטער פון דיין פאָלק וועלן דיך דערמאָנען צום גוטן. זיי געזונט, יהודה!

— גיי לחיים ולשלום, אפרים — האָט יהודה געזאָגט.

ווען אפרים איז אַוועקגעגאַנגען איז יהודה לאַנג געזעסן, פילנדיק זיך איינגאַנצן אויסגעשעפּט. ער האָט נישט געהאַט קיין חרטה, וואָס ער האָט אָפּגעוואָרפן אפרימס פאָרשלאַג. ער איז געווען א מענטש מיט מוט. אָבער ער האָט געוווסט, אַז עס וועט אים אויסקומען זיך צוצוקוקן, ווי מענטשן וועלן שטאַרבן. ער האָט געוווסט דאָס אראבישע וואָרט, וואָס באַצייכנט דעם טויט מיטן נאָמען פ א ר ב י כ ט ע ר פון אַלע זאכן, און ער האָט פשוט געציטערט פאַרן שווארצן אָפּגרונט, אין וועלכן עס וועט אים אויסקומען אַריינצופאַלן.

עס איז אים געוואָס לייכטער געוואָרן אויפן הארצן דערפון, וואָס ר׳ אפרים האָט זיין תשובה נישט אָנגענומען פאַר אַן ענדגילטיקע. אַלץ נייע געדאַנקען זענען אים אַריין אין קאָפּ. צי פירט ער נישט מיט זיך זיין טאָכטער צום אונטערגאַנג? ער מוז זי פרעגן, איידער ער נעמט אָן א באַשלוס. ער וועט זיך רעכענען מיט איר מיינונג.

ער האָט איר דערציילט, ווי דער טויט לויערט אויף אים אין טאָ־

לעדאַ פון אַלע זייטן און אויך וועגן אפרימס פאַרשלאַג זיך צו פאַרבאַהאַלטן אין דער יודעריא.

רחל האָט געוווּסט פון אַלפאָנסאָס מפּלה. איצט ווען דער פאָטער האָט מיט איר גערעדט האָט זי תופס געווען די לאַגע. זי האָט שרעקלעך מורא געהאַט פאַר זיך און פאַר איר פאָטער. אָבער מער פון אַלץ האָט זי געהאַט מיטלייד מיט אַלפאָנסאָן. דער דאָזיקער מאַן, דער קעניג, וועלכער איז געווען דורכגעדרונגען מיט מלחמה און נצחון, ווי קאָן ער איבערלעבן אזא מפּלה? און בעת זי האָט שפּאָסיק און צערטלעך געטראַכט, אַז דער אומגליקלעכער אַלפאָנסאָ וועט איר שוין נישט באַווייזן סעוויליע, ווי ער האָט איר צוגעזאָגט, האָט זי גליקלעך דערזען פאַר זיך זיין שטאָלץ פאַרעקשנט פנים פול מיט ליידן און זיך געפרייט, אַז גאָר אינגיכן וועט ער קומען צו איר צוריק אין דער גאַליאַנאַ און קיין שום פאַנצער און קיין שום אייזן וועלן אויף אים מער נישט זיין און אירע ווערטער וועלן אַריינ־דרינגען טיף אין זיין האַרץ.

ווי נאָר יהודה האָט פאַרענדיקט, האָט זי אים אַן וואַקלעניש גע־ענטפערט:

— עס איז מיר נישט דערלויבט צו גיין אין דער יודעריא, מיין פאָטער. דאָן אלפאָנסאָ האָט מיר באַפוילן צו וואַרטן אויף אים אין דער גאַליאַנאַ.

יהודהן האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס זי טראַכט בלויז פון אַלפאָנסאָס פאַרלאַנג.

— אויב דאָס איז דיין ווילן, מיין טאָכטער — האָט ער געזאָגט — דאַן גיי איך אויך נישט אין דער יודעריא.

אָבער דאָך האָט ער עס נישט אַרויסגעזאָגט אַנטשלאָסן. ער האָט איר רואיק געקוקט אין פּנים אַריין. עס האָט אין אים געטליעט א קליינע האָפענונג, אַז אַט וועט זי אים זאָגן: ניין, מיין פאָטער, איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט אומקומען. איך וויל, אַז דו זאָלסט לעבן. איך פאָלג דיך, זאָל זיין ווי דו זאָגסט. אָבער זי האָט זיך נישט אַנגערופן און מיט א פאַרבי־טערט האַרץ האָט ער געטראַכט: איך האָב זי אַליין איבערגעגעבן דעם דאָזיקן מאַן. איך האָב זי מיט אים צונויפגעפּאָרט. איך דאַרף זיך נישט באַקלאָגן, ווען זי לאָזט מיך איצט שטאַרבן, כדי צו דערפילן דעם פאַר־לאַנג פון איר מאַן.

פּלוצלונג האָט איר פּנים אויפגעשטראַלט. זי האָט געזאָגט:

— קום צו מיר, מיין פאָטער, קום צו מיר אין דער גאַליאַנאַ.

ער האָט געזען, וואָס זי לעבט איבער; איר אויפגעלעבט פּנים האָט עס אים דייטלעך געזאָגט. זי האָט באַגריפן אין וואָס פאַר אַ סכנה זיי זענען ביידע, אָבער דאָך האָט זי געגלויבט, אַז אין דער גאַליאַנאַ איז פיל זיכערער, בפרט, אַז אַלפאָנסאָ האָט איר געהייסן דאָרט פאַרבלייבן. יהודה האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ חלום, אַן אילוזיע. ער האָט געוווּסט, אַז ער שטעלט זי אין סכנה; זי האָט געוווּסט, אַז זי שטעלט אים אין סכנה און זיי ביידע האָבן זיך נישט געקאָנט העלפן. אַלנפאַלס איז עס געווען אַ טרייסטנדיקער געדאַנק צו זיין צוזאַמען אין אַן עת־צרה, און ער האָט נישט צעשטערט איר טרוים.

ער האָט מסכים געווען נאָך אין דער זעלבער נאַכט אַוועקצוגיין מיט איר אין דער גאַליאַנאַ.

יהודה האָט געוואָלט, אַז אויך מוסא זאָל מיט זיי מיטגיין. פאַר מוסאן איז געווען גאַנץ באַטיריעך, וואָס רחל בלייבט אין דער גאַליאַנאַ און אַז יהודה וועט דאָרט זיין מיט איר. אָבער פאַר אים אַליין, האָט ער געהאַלטן, האָט נישט קיין שום זין ביי דער איצטיקער לאַגע צו בייטן דאָס אָרט.

— לאָז מיך דאָ איבער מיט אונדזערע ביכער — האָט ער געזאָגט.

— עס וואָלט געווען זייער נישט גוט איבערלאָזן אַלע ספרים אָן אַ שומר. אפשר וואָלט גוט געווען — האָט ער לעבעדיק געזאָגט — מען זאָל צוויי אָדער דריי פון די טייערסטע כתב־ידן אַוועקטראָגן אין דער יודעריאַ. ס'איז זייער גוט, וואָס דער ספר היללי געפינט זיך שוין דאָרט.

יהודה און מוסא זענען געזעסן נאָכן אונטערברויט, געשמועסט און געטרונקען. אַרום איז געשטאַנען דער געשפּענסט פון אַ סך פאַרגאַנגענע יאָרן, וואָס זיי האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט. וועגן דער איצטיקער טרויעריקער לאַגע האָבן זיי גערעדט מיט דער זאַכלעכקייט פון דערפאַרענע מענער. צום טויט האָבן זיי זיך באַצויגן מיט אַ לייכטן שפּאַסיקן דרך־ארץ.

מוסא איז געשטאַנען פאַר זיין שרייבטיש און, קריצנדיק רעדלעך און אַראַבעסקן, האָט ער געזאָגט:

— נישט אַלפאָנסאָס גורל האָט אים און אונדז אַריינגעפירט אין דער דאָזיקער פיינלעכער לאַגע. שולדיק דערין איז זיין וועזן, זיין ריטערטום. ריטערטום און מגפה — דאָס זענען די שרעקלעכסטע שטראָפן, וואָס גאָט שיקט אָן אויף זיינע ברואים.

יהודה האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און דערציילט זיין פריינד, מיט וואָסער וואַרעמקייט אפרים האָט געלויבט זיינע פאַרדינסטן. די יידן

האָבן פאַרשטאַנען — האָט ער געזאָגט מיט א מין באַשיידענער גאווה — אַז נישט צוליב כבוד, רייכקייט און רום האָב איך זיי געהאָלפן.

— איך האָב מיט דיר צוזאַמען געלעבט — האָט מוסא פריינדלעך געזאָגט — און איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אָפטמאָל האָסטו געהאַנדלט נישט נאָר אויס כבוד, נאָר פון דיין דערהויבן האַרץ.

און מוסא האָט עס באַגרינדעט אויף א פריינדלעך־וויסנשאַפטלעכן אופן:

— די האַנדלונגען פון די מענטשן, פונקט ווי זייערע קראַנקהייטן — האָט געזאָגט היפאָקראַטעס — האָבן נישט בלויז איין סיבה. יעדע איינציקע האַנדלונג האָט פילפאַכיקע וואָרצלען.

— דו ביסט נישט קיין פאַרשווענדער אין שבחים, מיין פריינד מוסא — האָט יהודה געזאָגט מיט א שמייכל.

לאַנגזאַמער איז געוואָרן זייער געשפּרעך. די ווערטער זענען פּאַוואָליע געפלאָסן פון זייערע מיילער און וואָס נעענטער די מינוט פון יהודהס אוועקגייען האָט זיך אונטערגערוקט, אַלץ אָרעמער זענען געוואָרן זייערע רייד. ווען יהודה האָט זיך אויפגעהויבן זענען זיי ביידע אַנטשוויגן געוואָרן און איינער דעם צווייטן האָט בלויז געדריקט די האַנט.

אָבער מיטאַמאָל האָט מוסא אומגעשיקט אַרומגעכאַפּט יהודהן אין זיינע אָרעמס און אים געדריקט. קיינמאָל האָט ער נאָך נישט אויף אַזאַ אופן געהאַנדלט. ווען יהודה איז אַוועקגעגאַנגען, איז ער נאָך א לענגערע צייט געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט מיט אויסגעשטרעקטע הענט, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן צו דער ערד.

ווען יהודה האָט זיך אויפן צווייטן פרימאָרגן אויפגעכאַפּט אין דער גאַליאַנא, האָט ער די ערשטע רגעס נישט געקאָנט קומען צו זיך, דערנאָך זיך געכומען אָריענטירן, ווו ער איז און וואָס עס באַדראָט דעם דאָזיקן הויז. דאָך איז ביי אים פאַרשוואונדן די מורא. עס האָט זיך צו אים צוריקגעקערט די רואיקייט. ער האָט געשפּירט צוטרוי צו זיין גורל, פאַרוואָס מוסא האָט אים אַזוי אָפט געלויבט.

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, געלעגן שטיל און געטראַכט. פון הויף האָבן זיך געטראָגן געזאַנגען פון פייגל, און דורך די שפּאַלטן פון די פענצטער־לאָדנס האָבן זיך אַריינגעריסן זונען־שטראַלן, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויף זיין פנים. ער איז געלעגן און הנאה געהאַט פון דער

שטילקייט. ביז איצט האָט ער תמיד געמוזט רעכענען און זאָרגן פאַר זיך און פאַר אַנדערע. איצט, ענדלעך, צום ערשטן מאָל שפּירט ער, וואָס עס איז אַזוינס מנוחה. ער האָט עס געשפּירט מיט אַלע זיינע גלידער, ער האָט לייכט געאָטעמט.

ער איז אויפגעשטאַנען, זיך אויסגעבאָדן, זיך אָנגעטאָן פּאַוואָליע, זאָרגפול. אין לייכטע שטעק־שיך איז ער אַוועק דורכן הויז אין גאָרטן אַריין. ער האָט באַטראַכט די העברעישע און אַראַבישע שפּרוכן אויף די ווענט. ער האָט געזען אַז דאָס גלאָז פון דער מזוזה איז צעבראָכן, אַז די ציסטערנעס פון רבי חנן זענען פאַרשאָטן. אויף א רגע האָט זיך אין אים דערוועקט א ווילדע, בייזע איפּערזוכט. אָבער גלייכצייטיק האָט ער גע־שאָקלט מיטן קאָפּ טראַכטנדיק וועגן זיך אַליין און אין זיין קאָפּ האָט אויפגעטויכט א פריילעכער געדאַנק, אַז אין די דאָזיקע טעג, וואָס ער וועט דאָ בלייבן, געהערט רחל צו אים און נישט צו קיין אַנדערן.

ער איז געזעסן האַלב־ליגנדיק אויפן ברעג פונעם קליינעם טייך, פּונקט ווי ער איז אַמאָל געזעסן אויף די טרעפּ פונעם פּאַנטאַן. ער האָט זיך געפרייט, וואָס ער דאַרף איצט נישט טראַכטן וועגן דער צוקונפט, וואָס ער דאַרף נישט אָננעמען קיינע שום באַשלוסן. ער האָט זיך פאַר־טראַכט איבער דער פאַרגאַנגענהייט און אין זיינע זכרונות איז אַלץ געווען גוט, סיי דאָס פריילעכע, סיי דאָס אומעטיקע. ער האָט געטראַכט וועגן די פרומע, בייזע, ביטולדיקע אויגן פון רבי טוביה, און אויך דער דאָזיקער געדאַנק האָט ביי אים נישט אַרויסגערופן נישט קיין כעס און נישט קיין חרפה.

ער האָט אויך געטראַכט וועגן זיין זון אלאזאר. ביז איצט האָט זיין פאַרעקשנטער ווילן אָפּגעשטופּט די דאָזיקע געדאַנקען. מיט א גלייכגילטיק פּנים האָט ער געהערט, אַז דעם קעניגס וואָפן־טרעגער איז דערהרגעט געוואָרן אין דער שלאַכט ביי אלאַרקאָס. ער האָט נישט אויסגעפרעגט קיין פּרטים, ווייל פאַר אים איז ער שוין לאַנג געווען געשטאָרבן. איצט, ווען ער איז געזעסן אויפן ברעג פון טייך ביי דער גאַליאַנא, האָט ער דערמאָנט דעם זון מיט טרויער און אָן שום בייזקייט.

א דינער האָט אים פאַרבעטן צו רחלען. זיי האָבן געפרישטיקט און רואיק געמיטלעך געשמועסט. מיט קיין איינציק וואָרט האָבן זיי נישט דערמאָנט די סכנה. דאָ אין דער גאַליאַנא וועט נישט זיין אזא אומאָרדענונג, ווי אין טאָלעדאָ. שלום ושלווה האָט געהערשט אַרום זיי. הויז און גאָרטן

זענען געווען אונטער א גוטער השגחה, מאכלים אַן א שיעור, דינער האָבן אַן געריש אויסגעפּילט יעדן באַפעל.

אין עטלעכע שעה אַרום האָט זיך זיי שוין אויסגעדאַכט, אַז זיי לעבן דאָ וואָכנלאַנג. זיי פלעגן גיין אין גאָרטן, געניסן פון דער קילקייט אין שטוב. זיי פלעגן זיך צונויפקומען און ווידער זיך פאַנאַנדערגיין.

דריי טעג איז זיי איבערגעבליבן צו לעבן, אָבער זיי האָבן נישט גע־ווּסט. זיי האָבן געזען, ווי דער זון־זייגער ווייזט די שעהן, ווי די שאָטן־ווייזערס רוקן זיך איבער, און טיף אין האַרצן האָט יהודה געשפּירט, אַז דאָס זענען רחלס לעצטע שעהן, וואָס דער זייגער ווייזט. ער האָט אָבער די דאָזיקע געדאַנקען איר נישט אַרויסגעזאָגט.

רחל ווידער האָט עטלעכע מאָל זיך פאַרטראַכט איבערן שמועס, וואָס זי האָט געהאַט מיר איר פאָטער און האָט פאַרשטאַנען, אַז א סכנה לויערט אויף איר. אָבער זי האָט נישט געוואָלט גלויבן אין דעם. אַלפאָנסאָ האָט צו איר געזאָגט: וואַרט אויף מיר. אַלפאָנסאָ וועט קומען. עס קאָן נישט זיין, אַז דער טויט, וואָס צעשטערט אַלץ אין דער וועלט, זאָל זיך צו איר צורירן, איידער אַלפאָנסאָ וועט קומען. זי האָט געקוקט אַהין, ווו מען זעט דעם וועג, וואָס פירט פון טאָלעדאָ. זי האָט געוואַרט פול מיט האָפענונג.

אויפן צווייטן טאָג איז בנימין געקומען אין דער גאַליאַנאַ, אַלס שליח פון ר׳ אפרימען, איינשטעלנדיק זיין לעבן אין סכנה. מיט הייסע ווערטער האָט ער באַשווירן יהודהן און רחלען אַוועקצוגיין אונטער דער פעסטער שוץ פון דער יודעריאַ. יהודה האָט זיך פאַרדאַגהט און גלייכצייטיק גע־פרייט, וואָס מען באַמיט זיך נאָכאַמאָל זיי איבערצוצייגן. אָבער רחל האָט געזאָגט רואיק און זיכער:

— דאָן אַלפאָנסאָ האָט מיר באַפוילן דאָ צו בלייבן. איך בלייב. דו, מיין פריינד בנימין, ווּעסט מיך פאַרשטיין.

בנימין האָט זי פאַרשטאַנען, נישט געקוקט דערויף, וואָס אירע ווערטער האָבן אים פאַרשאַפט עגמת־נפש. איר נשמה איז פאַרבונדן מיטן דאָזיקן ריטער, מיטן קעניג פון אדום, דעם קריגס־מאַן. דאָס אומ־גליק, וואָס זיין פאַרברעכערישע, פאַרשפּילטע העלדישקייט האָט געבראַכט אויפן האַלב־אינדזל, פאַרפינצטערט נישט אין אירע אויגן זיין גלאַנץ. זי ליבט אים נאָך אַלץ, זי גלויבט ווייטער אין אים, זי וואַרפט אָפּ די איינלאַדונג צו גיין אין דער יודעריאַ, ווייל ער, דער הערשער, האָט איר צוגעוואָרפן עטלעכע פריינדלעכע ווערטער. נאָכמער, דאָניאַ ראַקעל, די

דאָזיקע רחל, וואָס שטייט פאַר אים גליקלעך און שטאָלץ, איז שוין מער נישט צוגעפּאַסט פאַרן פאָלק פון דער יודעריאַ. קנאה, גיפט, עקלהאַפטע באַוואונדערונג, חוזק, נייגעריקייט וועט אַרום איר שפּריצן און שפּרודלען אין דער יודעריאַ. נייך, ס'איז פאַר איר נישט קיין אָרט צווישן די דאָזיקע קליינע פּשוטע מענטשן.

ער האָט געזאָגט:

— איך וועל מער נישט צושטיין צו דיר, רחל, און אויך נישט צו דיר, יהודה. אָבער דערלויב מיר דאָ צו בלייבן ביז נאַכט. נאָכדעם וועל איך אַוועקגיין אָן אייך.

ער איז איבערגעבליבן און האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט פאַר קיין שווערן גאַסט. ער האָט געפּילט, ווען רחל מיט יהודהן האָבן געוואָלט בלייבן איינע אַליין. אינגיכן זענען זיי ווידער געקומען. זיי זענען געזעסן זאַלבעדריט. ווידער זענען יהודה און רחל אַוועק אין איר צימער. דערנאָך איז בנימין מיט איר אַוועק אויפן אויסגעפּלאַסטערטן וועג לענגאויס דעם גאָרטן.

רחל האָט געשוויגן. אָבער איר שטומקייט האָט בנימינען מער געזאָגט ווי ווערטער. ער האָט זיך באַמיט זי צו צייכענען, אָבער זיך געמוזט דערפון אָפּזאָגן. עס איז אים שווער געווען זיך צו פאַרמעסטן מיט גאָט, וואָס האָט זי באַשאַפן. ווען ער זאָל אַפילו זיין דער מייסטער פון אַלע מייסטער, צי וואָלט ער גאָר געקאָנט טראַכטן איבערצוגעבן רחלס איבערלעכע האַרמאָ־ניע, דער טיפער איינקלאַנג פון געשטאַלט, געזיכט און באַוועגונג? אין איר אַנטפּלעקט זיך די לערע פון פּלאַטאָן:

„שיינקייט שטייט נישט העכער פון אַלע אַנדערע אידעען. אָבער זי לייכט דורכן אויג, די העלסטע פון אונדזערע חושים, העלער פון אַלע אַנדערע אורבילדער דורך די קערפּערלעכקייט".

רחל איז געווען דער סימבאָל, דער לעבעדיקער ביישפּיל פון דעם, וואָס דערהייבט און באַגליקט דעם מענטשן. יעדער איינער לעבן ווען זי גייט פאַרביי, מוז בעסער ווערן. דער דאָזיקער רויער ריטערלעכער קעניג איז דער איינציקער, וואָס איז אַדאַנק איר נישט בעסער געוואָרן און דעריבער איז ער דער איינציקער, וועלכן בנימין האָט געהאַסט אין יענעם טאָג. עס האָט אים געקרענקט, וואָס רחל האָפּט נאָך אַלץ דעם דאָ־זיקן אוממענטש צו פאַרמענטשלעכן, און ער האָט זי נאָך מער ליב געקריגן צוליב איר קינדערישן אומבאַרירטן גלויבן.

שפּעט נאָך מיטאָג זענען יהודה און בנימין געזעסן אויפן ברעג פון

טייך. עס איז געווען זייער הייס, אָבער דאָ האָט די היץ אַזוי נישט גע־דריקט. זיי האָבן אָפּגעקילט זייערע פיס אין וואַסער און האָבן זיך גע־קוויקט מיט דער קילקייט. דאָס איז פאַרגעקומען צוויי טעג פאַר יהודהס טויט.

— זאָג מיר, מיין יינגל — האָט יהודה געבעטן — זאָג מיר, דאָן בנימין דו, וועלכער איז באַהאַוונט אין די שריפטן און אין א סך אַנדערע וויסנשאַפטן: וואָס דענקען דיינע לערער און וואָס טראַכטסטו וועגן דעם לעבן נאָכן טויט?

בנימין האָט זיך צוגעקוקט, ווי די קאַמאַרן טאַנצן איבערן טייך, ווי א בלאָט, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אין וואַסער, שווימט. נאָך א קורצן ישוב־הדעת, האָט ער געזאָגט:

— אונדזער העכער און לערער משה בן מימון האָט געזאָגט: א חלק אין אומשטערבלעכקייט האָבן בלויז מענטשן פון וויסן. בלויז דער דערוואָרבענער פאַרשטאַנד לעבט איבער דעם גוף, בלויז דער איידלסטער טייל פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס האָט זיך ערלעך און מיט דערפאָלג באַמיט אויסצופאָרשן דעם אמת. אַזוי לערנט אונדז משה בן מימון.

ער איז אויף א רגע אַנטשוויגן געוואָרן און דערנאָך צוגעגעבן:

— אָבער אין תלמוד שטייט געשריבן, אַז צוליב **שלום** וועגן קאָן מען אַפילו מקריב זיין דעם אמת.

דער אָוונט איז צוגעפאַלן. בנימין האָט אָפּגעשלעפּט דעם אָפּשייד, אָבער די בלאַסע דינע לבנה האָט זיך אַלץ מער און מער געפאַרבט, און ער האָט געמוזט אוועקגיין.

יהודה און רחל האָבן אים באַגלייט ביזן טויער.

— שלום זאָל זיין מיט אייך — האָט ער געזאָגט. אָבער ביים אויסבויג פונעם אויפשטייגנדיקן וועג האָט ער זיך אַרומגעקוקט, און ביי דעם בלאַסן ליכט האָט שימערירט דער אויפשריפט „אלאפיא, געזונט, ברכה". יהודה און רחל זענען שוין דאָרט נישט געווען.

די געמיטער אין טאָלעדאָ האָבן זיך אַלץ מער און מער צעהיצט. דאָס פאָלק האָט געזוכט שולדיקע, כדי זיך נוקם צו זיין פאַר דער מפּלה ביי אַלאַרקאָס. בלויז א קליינער טייל האָט זיך נישט אונטערגעגעבן דער ווילדער העצע, מיט וועלכער עס איז געווען פאַרסמט די לופט. ווי נאָר

מען האָט באַמערקט אַ ייד אויסער די פעסטע מויערן פון דער יודעריאַ, האָט מען אים געשלאָגן און אַ סך דערהרגעט. אויך מיט די קריסטלעכע אַראַבער האָט מען זיך אָפּגערעכנט. עס זענען נייטיק געווען שטרענגערע באַשיצונגס־מיטלען.

די קעניגין האָט פאַרבעטן צו זיך דאָן גוטיערע דע קאַסטראַ.

מיט זיסע און כיטרע רייד האָט זי אים געגעבן אָנצוהערן, אַז די זי־כערקייט פון די באַדראָטע אײַנוווינער וואָלט זי נישט געוואָלט אָנפאַר־טרויען די קאַסטילישע אָפיצירן, וועלכע זענען אויפגערעגט צוליב טויט פון זייערע ברידער און זין און זיי וועלן נישט זיין גענייגט צו פאַרטיידיקן מענטשן, וועלכע דאָס פאָלק באַשולדיקט אין דעם דאָזיקן אומגליק. עס איז העריבער בעסער געוואונטשן, אַז אַן אַראַגאָנער זאָל בעמען די שטאָט אונטער זיין שוץ.

— טו מיר די דאָזיקע געפעליקייט, דאָן גוטיערע! — האָט זי אים געבעטן. — זי האָט מיט אירע גרינע אויגן אים אַריינגעקוקט אין פּנים, ציענדיק איר הענטשקע.

— איך ווייס — האָט זי פאַרגעזעצט — אַז דאָס איז נישט קיין לייכטע אויפגאַבע און, מעגלעך, אַז ביי אַזויפיל טויזנטער מענטשן, וועט נישט מעגלעך זיין יעדן צו שיצן. איך האַלט, אַז אויב עס וועט אויסקומען, איז בעסער איינעם מקריב צו זיין אין די אינטערעסן פון טויזנטער.

דע קאַסטראַ האָט זיך פאַרטראַכט. נאָכדעם האָט ער אויף זייך לאַנג־זאַמען שטייגער אָפּגעענטפערט:

— איך האַלט, אַז איך פאַרשטיי דיך, קעניגין. איך וועל טאָן דאָס בעסטע, כדי צו געווינען דיין צוטרוי.

ווי באַר דע קאַסטראַ האָט זי פאַרלאָזן, האָט זיך תיכּף געמאָלדן דער קאַנאָניק ראָדריגע. די ווילדע אומצופרידנקייט, וואָס ער האָט איר נישט לאַנג אַרויסגעוויזן איז ביי אים נישט פאַרשוווּנדן. מיט צער און צאָרן האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי אומבאַהאָלפן ער איז לגבי דער וויסטער משוגעת, וואָס האָט באַהערשט די שטאָט. ער מוז ווידער זי וואָרענען און זי אויפפאָדערן.

מיט דרינגענדיקע ווערטער האָט ער די קעניגין אויפגעפאָדערט, זי זאָל באַשיצן די אומשולדיקע.

מיט קעניגלעכער העפלעכקייט האָט זי אים פאַרוואָרפנדיק אָפּגע־ענטפערט:

— צי מיינסטו באמת, מיין חשובער פאָטער און פריינד, אַז גאָט האָט

אַרויפֿגעזעצט אויפֿן קאַסטילישן טראָן אַזאַ אומפּעיקע, וואָס זאָל זיך ביי־טיקן אין אַזאַ מין אויפֿפֿאָדערונג? וואָס עס האָט געזאָלט געשען, איז געשען. איך האָב פֿון דער אַלאַכאַמאַ קיין אייניציקן מאָן נישט געפֿאָדערט צו היטן די מויערן פֿון דער שטאָט. די ייִדן, אַלזאָ, זייער שוץ־מיליטער פֿאַרוועגדן פֿאַר זייער אייגענער פֿאַרטיידיקונג. איבעריקנס, האָב איך צוליב פֿאַרזיכטס־צוועקן די שוץ פֿון די באַדראָטע איינוווינער אָנפֿאַר־טרויט די אַראַגאָנער, כּדי קיין קאַסטילישער ריטער זאָל זיך נישט צו מילד באַציִען צו די העצער קעגן דער עפֿנטלעכער רו. צי האָב איך נישט ריכטיק געהאַנדלט, דאָן ראָדריגע?

דער קאַנאָניק האָט געוווּסט, אַז דער כּעס פֿון די טאָלעדער וועט קודם־כּל אויסגעלאָזט ווערן אויף יהודהן, און ער האָט זיך אויף אים נאָכגעפֿרעגט. צום בעסטן וואָלט געווען, ווען ער זאָל איצט אַוועק אין יהודהס קאַסטיליאָ און נישט בלויז אויס פֿריינדשאַפֿט צו יהודהן. עס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט כאַפּן אַ שמועס מיטן קלוגן מוסא וועגן די ווּיסטע געשעענישן, וואָס קומען דאָ פֿאָר. אָבער צי האָט ער זיך אַליין נישט באַשטראָפֿט פֿאַר זיין הומאַניזם, וואָס איז אים פֿאַרוואָרט געווען אין דער איצטיקער צייט, און צי האָט ער נישט געגעבן קיין צוזאָג נישט צו באַזוכן די קאַסטיליאָ? דאָס, וואָס ער דאַגהט זיך איצט פֿאַר יהודהן איז אפֿשר בלויז אַן אויסרייד צו זיין אין דער קאַסטיליאָ איבן עזרא? ווייל אויב עס האַנדלט זיך וועגן דאָן יהודהן קאָן ער זיך אַליין פֿאַרטיי־דיקן. ער קאָן נישט דערלאָזן, אַז אַ קאַסטיליער זאָל האָבן די העזה אָנ־צוגרייפֿן אויפֿן לייב און לעבן פֿון קעניגס בעל־יועץ. פֿון דאָניאַ לעאָנאָרס קעניגלעכע, עטוואָס גיפֿטיקע אויגן האָט מען נישט געקאָנט מאַכן דעם אויספֿיר, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ גרונט זיך צו באַאומרואיקן פֿאַרן גורל פֿון קעניגלעכן עסקריוואַנאָ. ער האָט אָפּגעדאַנקט די קעניגין פֿאַר אירע פֿאָרזיכט־מיטלען און איז אַוועק.

דאָן גוטיערע דע קאַסטראָ, וועלנדיק געבֿוי און מיט התמדה אויספֿילן לעאָנאָרס אויפֿגאַבע, האָט צוערשט געוואָלט דערגיין, ווי האַלט עס מיט די קריסטלעכע אַראַבער. ס׳רוב זענען זיי געווען נישט קיין אָנגעזעענע מענטשן. די אַנדערע אַראַבער האָבן געוווינט אין זייערע קוואַרטאַלן, אַרום זייערע דריי מעטשעטן. דעם המון האָט אַלזאָ נישט געלוינט מיט זיי זיך צו טשעפּען און זיי געלאָזט צורו. אָבער זייערע מויערן און זייערע טוי־

ערן זענען געווען שוואַך, דעריבער האָט ער אין זייער קוואַרטאַל איבערגעלאָזט צוויי מיליטער־אָפּטיילונגען.

נאָכדעם האָט ער באַטראַכט די פעסטע מויערן און טויערן פון דער יודעריאַ. זיי זענען געווען פעסט, און נישט אָרגאַניזירטע מחנות וואָלט קוים געלונגען דאָרט אַריינצודרינגען. נישט געקוקט דערויף האָט דע קאַסטראָ געפרעגט דעם פּרנס, צי בייטיקט ער זיך אַמאָל נישט אין זיינע באַוואָפנטע זעלנער. דאָן אפרים האָט זיך מיט דאַנק אָפּגעזאָגט פון זיין גוטהאַרציקייט.

דער יידן־קוואַרטאַל אויסערן טויער איז אָפּגערוימט געוואָרן. עס זענען דאָרט בלויז געבליבן א פּאָר זקנים און קינדער. אין א סך פּוסטע הייזער האָבן זיך אַריינגעקליבן קריסטלעכע פּליטים. די הייזער, ווו עס איז עפּעס־וואָס איבערגעבליבן, זענען צעראַבירט געוואָרן. אין שול האָט מען אַלץ צעשלעפּט. אויפן בעלעמער, ווו מען לייענט שבת די תורה, האָט אַ־לץ אוועקגעשטעלט א ליאַלקע, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א קאָמישע פיגור פון אַן אַלטן ייד. דע קאַסטראָ האָט געפּלאַצט פאַר געלעכטער.

אויב דאָ האָט ער געהאַט קנאַפּ וואָס צו טאָן, האָט ער זיך אָבער שטאַרק פאַרטראַכט, בעת ער איז געשטאַנען פאַרן קאַסטיליאָ איבן עזרא.

ער איז דאָ זייער אָפט געשטאַנען. א סך מענטשן זענען דאָרט געשטאַנען. היות אין דער יודעריאַ איז זיי שווער געווען אַריינצודרינגען און מיט די פּאָר קבצנים, וואָס האָבן זיך געפונען אויסער די מויערן פון יודעריאַ האָט זיך נישט געלוינט צו פּאַטשקען, האָט זיך ביי די טאָלעדער איינוווינער אַלץ מער און מער דערוועקט דער חשק אויסצולאָזן זייער הייליקן קאַסטיליאַנישן צאָרן אויפן פּרעכטיקן איבן־עזרא־פּאַלאַץ מיט זיינע לעגענדאַרע אוצרות. מען מוז דעם חוצפּהדיקן קאַסטיליאָ אויסגלייכן מיט דער ערד. דעם שווינדלער און פאַררעטער, וואָס זיצט דאָרט ווי א שוואַרצע שפּין, דאַרף מען פאַנגען און צעטרעטן צוזאַמען מיט זיין טאָכטער די כישוף־מאַכערין, וועלכע האָט דעם קעניג פאַרכישופט. דאָס וועט זיין אַ גאָטס־געווונטשענע טאַט און א טרייסט פאַר דער נשמה אין די דאָזיקע שרעקלעכע צייטן. ווען דע קאַסטראָ פלעגט פאַרבייגיין דאָס דאָזיקע הויז האָט ער דאָרט געטראָפן מחנות מענטשן, וועלכע האָבן גיריק געקוקט אויף די לאַקנדיקע ווענט.

מטושטש און לאַנגזאַם האָבן זיך געצויגן די געדאַנקען אין דע קאַסטראָס קאָפּ. צי איז דער ייד אויף אַזויפיל חוצפּהדיק, אַז ער ווינט

נאָך אין דעם דאָזיקן הויז? דער ייד איז אַ פּחדן, אַ באַרימער, אָבער שטאָלץ מיט זיין פּאָסטן, איז גאַנץ מעגלעך, אַז ער געפינט זיך נאָך דאָ. דאָס הויז געהערט צו אים, צו דע קאסטראָ, דאָס איז קאָסטיליאָ דע־קאסטראָ, וואָס זיינע אבות האָבן דעראָבערט מיט הונדערט יאָר צוריק ביי די מוסולמענער. דאָס הויז, אַלזאָ, וועט זיך זיינס, דערמיט האָט אויך דאָניא לעאָנאָר מסכים געווען. ווען דער קריג וועט זיין אין גאַנג, האָט זי געזאָגט, וועט מען דעם ייד פון דאָרט אַרויסשליידערן. די מלחמה איז איצט אין סאמע ברען און היות די שלאַכט איז צוליבן יידנס מעשים פארשפּילט געוואָרן, קאָן מען נישט דערלאָזן, אַז ער זאָל ווייטער געוועלטיקן אין דעם קאסטיליאָ. א סך טויזנטער אַנדערע יידן זענען באַדראָט צוליב דעם דאָזיקן מנוול און פארעטער. עס איז נישט דערפאר, וואָס ער האָט זיי אַזוי ליב די יידן, נאָר ווייל ער האָט באַקומען דעם אויפטראָג זיי צו ראטעווען, און דאָניא לעאָנאָר האָט אים אויסדריקלעך באַפוילן, אַז ער זאָל ליבער מקריב זיין איין מענטש, איידער צו שטעלן אין סכנה טויזנטער.

ווען דע קאַסטראָ פלעגט פארבייגיין דאָס דאָזיקע הויז, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ווי אַלע אַנדערע. זיי האָבן געוואַרט מיט דראָענדיקע פּנימער. קיינער האָט נישט געוואָלט זיך דער ערשטער צוצולייגן א האַנט צום הויז פונעם מעכטיקן עסקריוואַנאָ.

דע קאסטראָ האָט אָנגעהויבן אָפטער פארבייצוגיין פארן דאָזיקן הויז. דאָס הויז האָט אים געצויגן. שטענדיק האָט ער געזען איינס און דאָס זעלבע: מען איז געשטאַנען פאַרן הויז, געוואָרטשעט און געוואַרט.

איינמאָל האָט ער פונדערווייטנס דערהערט ווילדע געשרייען. ער האָט זיך צוגעאיילט, און געזען, ווי א סך מענטשן ברעכן דאָס ריזיקע טויער. מיט מעכטיקע קלעפּ האָבן זיי געזעצט אין אייזן, וואָס האָט טעמפּ געקלונגען צווישן די געשרייען. אָבער קיין וועכטער האָט זיך נישט אָפּגערופן. ענדלעך האָט זיך איינער געשטעלט אויף דער פּלייצע פון א צווייטן און אַרויפגעקלעטערט אויפן מויער. אין א מינוט אַרום איז ער שוין געשטאַנען אינדערהויך, באַגלייט דורך ווילדע אויסרופן. ער איז פארשווונדן אויף דער אינעווייניקסטער זייט פון דער מויער. באַלד האָט זיך געעפנט דאָס טויער און ביים אַריינגאַנג האָט זיך באַוויזן דער טריומפירנדיקער, לאַכנדיקער אַריינדרינגער און מיט שפּאַסיק־העפלעכע זשעסטן פארבעטן די איבעריקע.

דע קאסטראָ איז געשטאַנען אין פארלעגנהייט. ער האָט מיט זיך

געהאַט עטלעכע פון זיינע לייט, און ער האָט לייכט געקאָנט פּאַרטיידיקן דאָס טויער, ביז עס וואָלטן אָנגעקומען פאַרשטאַרקונגען. אָבער צי קאָן ער עובר זיין אויף דאָניא לעאָנאָרס אויפגאַבע, אַז ער זאָל מקריב זיין איינעם, כדי טויזנטער אַנדערע צו ראַטעווען? ער איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט, בעת אַלץ מער און מער מענטשן פון המון זענען אַריינגעדרונגען איבע־ווייניק דורכן שמאָלן דורכגאַנג אין טויער.

ענדלעך, איז ער אויך אַריין. די שרייער זענען שטיל געוואָרן, ווי נאָר זיי זענען אַריין אין ערשטן הויף. קיינער האָט זיך נישט באַוויזן, קיינער פון די דינער, פאַרוואַלטער אָדער הויז־אָנגעשטעלטע. דער המון האָט איך פאַרלעגנהייט זיך געדרייט אַרום די ווענט, שפּעטער, פּאַוואָליע אויפגעעפנט א צווייטן טויער, וואָס האָט געפירט אין דעם אינערלעכן טייל פונעם קאַסטיליאָ. זיי האָבן געשפּרייזט און געשטויגנט, געשטאַנען און נאַריש געלאַכט צווישן דער שוויגנדיקער פּראַכט. זיי האָבן זיך גערוקט ווייטער, זיי האָבן אומבאַמערקט אַראָפּגעשטויסן אייך וואַזע, א צווייטע, זיי האָבן זיך צעבראָכן. איינער האָט א כאַפּ געטאָן פון א נישע א קונסט־בעכער פון גלאָז און אים א שליידער געטאָן אויף דער ערד. דער בעכער האָט זיך נישט צעבראָכן אויפן ווייכן טעפּיך. דער מענטש האָט א ריס געטאָן דאָס געוואַנט, און אויפן שטיינערנעם באָדן צעשמעטערט דאָס גלאָז. דער קלאַפּ האָט אָפּגעהילכט אין גאַנצן זאַל.

עס האָט זיך באַוויזן א דערשראָקענער דינער, א מוסולמענער. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, זיי באַרואיקן, אָפּעלירן צו זייער געוויסן און אפשר האָט ער געוואָלט מיטטיילן, אז דער באַלעבאָס געפינט זיך דאָ נישט. מען האָט אים נישט געהערט אין דעם אַלגעמיינעם געשריי, מען האָט אים נישט געוואָלט הערן, מען האָט אים דערלאַנגט איבערן מויל, מען האָט אים אָפּגעשטופּט צוערשט וואַקלענדיק זיך, דערנאָך מיט אכזריות. ער איז געבליבן ליגן א פאַרבלוטיקטער און שווער געאָטעמט. דער המון האָט זיך געפרייט, איז ווילד געוואָרן, געריסן, געבראָכן, געשטאָכן, וואָס עס איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער האַנט.

דע קאַסטראָ האָט זיך צוגעהערט מיט אַ שווערן געמיט. דאָס איז זיין הויז. די מלחמה איז אין גאַנג און דאָניא לעאָנאָר האָט געזאָגט, אַז דאָס הויז איז זיינס. דער ייד, וואָס האָט עס פאַרכאַפּט, איז קענטיק איצט נישטאָ. מעגלעך, אז ער האָט זיך פאַרבאַהאַלטן ערגעץ אין אַ ווינקל, דאָס וועט זיך שפּעטער אַרויסווייזן. ענדלעך, איז עס דאָך זיין הויז, דע קאַסטראָס הויז. דאָס הויז איז זייער רייך, אָבער עס איז פאַרשוועכט דורך אומגלויי־

ביקע. ווי אזוי האָט זיך דער ייד אזא זאך געקאָנט דערלויבן! אָט צו וואָס דער ייד האָט דערפירט זיין גוטן, ריטערלעכן, קריסטלעכן קאַסטיליאַ!

פּאַוואָליע, מיט שווערע, רוישיקע טריט איז דע קאַסטראַ אַריין אין זאַל, איז אַרויף אויף דער קליינער עסטראַדע און איז געבליבן שטיין ביים פּאַראַפּעט, וואָס האָט אָפּגעטיילט די עסטראַדע פונעם זאַל. דער פעסטער מאַן איז געשטאַנען אין דער פּאָזע פון דעם אַלטן ריטערלעכן מנהג, די פיס צעשפּרייט, ביידע הענט פעסט אָנגעלענט אויף דער שווערד. מיט זיינע טיפע צופרידענע אויגן האָט ער געקוקט אויף די מענטשן, וואָס באַפרייען זיין הויז פון דער אומריינקייט, מיט וועלכער דער ייד האָט עס באַשמוצט.

דערווייל זענען אַלץ מער און מער מענטשן אַריינגעדרונגען. דאָס הויפּט־טויער איז שוין געשטאַנען ברייט אויפגעעפנט. דאָס שטילע הויז, זיינע זאַלן און זיינע קליינע צימערן, זיינע הויפן און זיינע קעמערלעך זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט ווילדע געשרייען פון צעיושעטע מענטשן, אייניקע פון זיי האָבן געשטופּט אין די קעשענעס אַלץ, וואָס איז געווען ווערטפול, אָבער ס׳רוב פון זיי האָבן נישט געטראַכט פון רויב. זיי האָבן אַלץ געבראָכן. און געשטאָכן. זיי האָבן געזוכט דעם ייד, אָבער ער האָט זיך דאָרט נישט געפונען. ער, דער פּחדן, איז אַנטלאָפן. זיי האָבן אויסגעלאָזט זייער כעס אויף די דינער, וועלכע זיי האָבן געשלאָגן און געהרגעט. אָבער אויב דער ייד איז אַנטלאָפן, זענען פאַרבליבן דעם יידנס קאָסטבאַרע און ווערטפולע חפצים. צוליב וועלכע ער האָט דאָס לאַנד באַרויבט און פאַראַטן. דעם צאָרן האָט דער המון אויסגעלאָזט אויף די דאָזיקע זאַכן. זיי האָבן געריסן, געבראָכן, צעשלאָגן, אכזריותדיק צעשטערט, אַרויסלאָזנדיק דערביי ווילדע יובל־געשרייען.

זייער ווילדע משוגעת האָט אויך באַהערשט דע קאַסטראַ. אויך אין אים האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייער: צו אַלץ מוז דאָ קומען אַ סוף! דער טויט דאַרף דאָ הערשן! אָפּגעמעקט מוז דאָ ווערן אַלץ, וואָס איז שיין, פּרעכטיק, יידישלעך, ווייבלעך, געצנדינעריש! און מיט דער שייד פון זיין שווערד האָט ער געקלאַפּט איבער די גרינגע אײדעלע זאַכן. הוראַ! הוראַ! — האָט ער געשריגן און געהאַקט די אויפשריפטן אויף די ווענט אַזוי, אַז די געציר־טע, פאַרביקע שטיינער האָבן זיך צעשאָטן.

אַ שטילער, מאָגערער מאַן אין אַ סוטאַנע איז צו אים צוגעקומען, צו־געריירט זיך צו זיין אָרעם. דאָס איז געווען דאָן ראָדריגע.

געוויינלעך פלעגט דער קאַנאָניק אויסמיידן פאַרבייצוגיין דעם קאַס־טיליאַ. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט נישט קאָנען ביישטיין דעם נסיון

און וועט מוזן אריינגיין. הייגט אָבער ווען ער האָט דערהערט די הילכיקע ווילדע געשרייען, האָט אים ארומגעכאַפּט אַ פּחד. ער האָט פונדערווייטנס דערזען דאָס אָפענע טויער, האָט געזען ווי מענטשן שטראָמען אַהין רײַטשענדיק ווי חיות, איז ער אַהין אַריין. זיי האָבן דעם קאנאָניק אַדורכגעלאָזן. דאָרט האָט ער זיך צוגעריירט צום אָרעם פונעם באַוואָפנטן מאַן, וועלכער איז קענטיק געווען אַ ריטער, און דאָך אַנטיילגענומען אין דער דאָזיקער פאַרברעכערישער אַרבעט.

ווען דע קאסטראָ האָט צו אים אויסגעדרייט זיין ווילד, אומצופרידן פּנים, האָט ער געזאָגט:

— איך בין דאָך ראָדריגע, אַ מיטגליד פון קרוין־ראַט.

מיט אַ היכן פּרעכן געלעכטער האָט דע קאסטראָ אָפּגעענטפערט:

— און איך, חשובער הער, בין דאָן גוטיערע דע קאסטראָ, דער הויפּט יורש פון דעם דאָזקן הויז.

ראָדריגע האָט זיך דערמאָנט וועגן דער קעניגינס פאַרטיידיקונגס־מיטלען. אַן אומבאַשטימטער חשד האָט זיך אין אים אויפגעוועקט.

— און דו שטייסט און דערלאָזט, אז מען זאָל דאָ ראַבעווען און צעשטערן? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס האָסטו געוואָלט, אַז די גוטע קאסטיליער זאָלן זיך צערעמאָניען, ווען זיי זוכן פאַרעטער? — האָט דער געענטפערט מיט אַ פראַגע. — נאָכדעם ווי די אויסדערווײלטע פון דער קריסטלעכער ריטערשאַפט זענען אומגעקומען. — וואָס קאָנען דאָ שפּילן פאַר אַ ראָל עטלעכע יידישע טעפיכער און מגילות.

— ביסטו נישט דער זעלבער, וואָס האָט באַקומען אַ באַפעל צו שיצן די באַדראָטע? — האָט ראָדריגע געפרעגט.

—יאָ — האָט געענטפערט גוטיערע, אַנקוקנדיק ראָדריגען רואיק אין פּנים אַריין — און איך וועל קאָנען די הענטשקע צוריקגעבן דער קעניגין מיט אַ ריינעם געוויסן. איך האָב אירע אָנווייזונגען פּינקטלעך אויסגעפילט. איך האָב געלאָזט אויסגיסן דעם פאָלקס־צאָרן קעגן דעם אייגציקן שולדיקן און דערמיט ראַטעווען יענעם גרויסן טייל, וועלכן מען פאַרדעכטיקט אומזיסט.

— דו האָסט, הייסט עס, באַקומען אזא אויפגאַבע? — האָט דער צעטומלטער דאָן ראָדריגע געפרעגט.

— דאָס איז געווען אַ באפעל פון דער קעניגין — האָט גוטיערע געענטפערט.

— וואָס איז מיט דאָן יהודהן? האָט ראָדריגע מיט שרעק אַ פרעג געטאָן.

— דאָ איז מיט אים גאָרנישט געשען — האָט דע קאַסטראָ געענטפערט, אויסדריקלעך מיט פאַראַכטונג און צוקנדיק מיט די אַקסלען — דער כלב האָט זיך קענטיק ערגעץ פאַרבאַהאַלטן.

ראָדריגע האָט לייכט אָפּגעאָטעמט, עס האָט געוויס פאַסירט, ווי ער האָט געטראַכט: יהודה איז אַוועק אין אַ זיכער אָרט. ער האָט זיך אויסגע־גלייכט.

— דו ביזט אַ קרייץ־ריטער — האָט ראָדריגע געזאָגט. — איך פאָדער דיך אויף אין נאָמען פון דער קירך צו פאַרענדיקן די דאָזיקע שענדלעכע מעשים.

דע קאַסטראָ האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און געזען, אז דאָ איז שוין קיין סך נישט פאַרבליבן צו צעשטערן.

— דער פריסטער פאָדערט גוטהאַרציקייט — האָט ער געזאָגט מיט אַ לייכטן שפּאַס און האָט באַפוילן זיינע לייט מען זאָל אַרויסטרייבן די אומ־געבעטענע אורחים. דאָס איז גלייך אויסגעפירט געוואָרן.

דאָן גוטיערע האָט זיך העפלעך געזעגנט מיטן קאַנאָניק, נאָכאַמאָל באַ־טראַכט די אויפגעטועטע אַרבעט און איז אַוועק פול מיט פרייליכער האָפע־נונג, אז ער וועט די דאָזיקע געצנדינערישע פראַכט צוריק פאַרוואַנדלען אין קאַסטיליא דע קאַסטראָ.

ראָדריגע איז אליין פאַרבליבן אינעם וויסטן הויז. ער האָט געהערט ווי די לעצטע מענטשן טרעטן אָפּ, ווי דאָס טויער האָט זיך מיט אַ טעמפּן גערויש צוגעמאַכט. עס האָט אים פלוצלונג באַהערשט אַ טויטע שטילקייט, אַ פיינלעכע שטילקייט. מיד און מיט אַן אָנגעווייטיקט האַרץ איז ער גע־בליבן זיצן צווישן חמרים צעהאַקטע און צעבראָקטע שטיקלעך. לאַנג איז ער אָפּגעזעסן, לסוף אויפגעשטאַנען, געשפּרייזט איבער די באַקאַנטע אינ־טימע זאַלן, שפּאַלטן, לעכער, צעבראָכענע שטיקער האָבן געקוקט אויף אים פון אַלע זייטן. ער האָט געשפּרייזט אַהער און אַהין איבערן פאַרוויסטן הויז. ער האָט זיך באַמיט צו שטעלן וואָס לאַנגזאַמער די טריט, נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס. ער האָט אויפגעהויבן פונעם באָדן שערבלעך, פיצלעך מעבל, שמאַטקעס, ער האָט עס באַטראַכט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. ער האָט באַמערקט א פאַרשמוצט צעריסן בוך. ער האָט עס אויפגעהויבן, האָט זיך באַמיט אויס־

צוגלייכן די בלעטער, צוזאַמענצושטעלן די צעריסענע זייטן, געלייענט מע־כאַניש. דאָס איז געווען אַריסטאָטעלס „עטיק".

ער איז אַריין אין מוסאס רונדיק צימער. דאָ זענען געלעגן די קישע־לעך, אויף וועלכע מוסא פלעגט זיצן אָנגעלענט און מיט אים דיסקוטירן. וואָס איז געשען מיט מוסאן? דאָ איז געשטאַנען זיין שרייבטיש, ביי וועל־כן עס האָבן געפלאָסן פון זיין מויל קלוגע שאַרפזיניקע רייד. צעהאַקט איז געווען דער דאָזיקער שרייבטיש, קענטיק, אַז עמעצער האָט זיך באַמיט דאָס פעסטע האָלץ מיט אַ האַק צו צעשמעטערן. אַ סך שפּרוכן אויף די ווענט זענען געווען צעפליקט און זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. מעכאַניש האָט אויף אים געקוקט דער פסוק: „ומותר האדם מן הבהמה אין" *). אָבער ער האָט זיך פאַרטראַכט דערויף, וואָס פונעם וואָרט „הבהמה" האָט מען אַרויס־געשלאָגן דעם „ב" און דעם „מ" און, מערקווירדיק, ס'זענען געבליבן בלויז „ה — ה — ה".

ראַדריגע האָט זיך ווידער צוגעזעצט אויפן באָדן און צוגעמאַכט די אויגן. פון דרויסן האָט ריטמיש געפליסטערט דער פאָנטאַן.

צי דאַכט זיך אים בלויז, צי ער הערט באמת פאַרזיכטיקע טריט אין גאָרטן? ער הערט באמת טריט. און פלוצלונג האָט ער דערזען דאָס ליבע נישט־שיינע, קלוגע, אינטימע פנים פון זיין פריינד מוסא און, נישט גע־קוקט אויף אַלע איבערלעבונגען, האָט ער דערהערט זיין שטילע שפּאַסיקע שטים:

— אַ טרעפלעכער צופאַל — האָט מוסא געזאָגט — וואָס נאָך אַזויפיל שרייענדיקע באַזוכער ביסטו בלויז געבליבן, מיין איינציקער שטילער חשו־בער פריינד.

צעטומלט פון גליק, האָט ראַדריגע נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט. ער האָט אָנגעכאַפּט מוסאַס האַנט און זי געגלעט.

— איך בין צו שפּעט געקומען — האָט ער ענדלעך זיך אָפּגערופן. — חוץ דעם בין איך נישט געווען פעיק צו באַרואיקן דעם צעיושעטן המון. אָבער גוט, וואָס דו לעבסט!

קיינמאָל וואָלט מוסא נישט געגלויבט, אַז זיין שטים זאָל אַזוי וואַרעם קלינגען. ראַדריגע האָט נישט אַרויסגעלאָזט מוסאַס האַנט, זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט, געשמייכלט און געשמייכלט.

---

*) קיין אונטערשיד צווישן מענטשן און בהמה איז נישט פאַראַן.

שפּעטער האָט ראָדריגע זיך געפרעגט וועגן יהודהן. ווען מוסא האָט אים דערקלערט, אַז ער איז אַוועק צו זיין טאָכטער אין דער גאַליאַנאַ, האָט ער לייכטער אָפּגעאָטעמט.

— אין קעניגס הויז איז ער זיכער — האָט ער געזאָגט. — אַלנפאַלס וועל איך נאָך היינט גיין צו דאָניא לעאָנאָר און פאָדערן פון איר אַ שטאַרקע וואַך פאַר דער גאַליאַנאַ. און איצט, מיין מוסאַ — האָט ער געזאָגט באַ־פעלעריש — גייסטו מיט מיר, און ביז וואַנען די שטאָט וועט זיך נישט באַרואיקן, וועסטו זיין ביי מיר.

— איך האָב זיך שוין פריער צו דיר געקליבן — האָט מוסאַ אָפּגע־ענטפערט — אָבער איך האָב צו זיך געזאָגט, אַז אין אַזאַ צייט איז אַן אַלטער מוסולמענישער אפּיקורס נישט קיין באַקוועמער גאַסט.

— זיי מוחל, מיין קלוגער פריינד — האָט ראָדריגע זיך אָפּגערופן — דאָס איז דער ערשטער נאַרישער ענטפער, וואָס איך הער פון דיר. קום — האָט ער אים אויפגעפאָדערט.

מוסאַ האָט זיך אַנטשולדיקט אויף אַ קורצער ווײַלע.

— איך מוז גיין נעמען מיין כראָניק און עטלעכע ביכער — האָט ער דערקלערט.

מיט אַ ביטערן בליק פול נצחון האָט ער ראָדריגען דערציילט, אַז די צוויי טייערסטע כתבֿ־ידן פון אַוויצענאַ און דעם אַטענישן כתבֿ־יד פון פּלאַטאָנס „רעפּובליק" האָט ער פאַרבאַהאַלטן אין דער יודעריאַ. ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין קעלער, דערנאָך אַרויס צוריק מיט אַ פרייליך פּנים האָט ער אונטערן אָרעם געטראָגן זיין כראָניק.

די אַלע, וואָס האָבן געווילדעוועט אין קאַסטיליאַ, האָבן נישט גע־וואָלט זיך פאַנאַנדערגיין. זיי זענען געווען אין כעס, וואָס זיי האָבן דעם פאַרעטער און בישוף־מאַכעריק נישט געפּטרט. זיי זענען אַוועק צו דער יודעריאַ און געפאָדערט מען זאָל זיי אַרויסגעבן יהודהן און רחלען, אָבער פאַרטרוילעכע מענטשן האָבן זיי איבערגעגעבן, אַז זיי געפינען זיך נישט אין דער יודעריאַ.

דער כעס צוליב דעם, וואָס זיי זענען אַנטרונען איז געוואָקסן. כל־זמן זיי ביידע לעבן פאַרסמען זיי קאַסטיליע מיט זייער אָטעם. עס איז געווען אַ חוב פון יעדן גוטן קריסט און יעדן קאַסטיליער זיי אומצוברענגען פון דער וועלט. גאָט אַליין האָט זיי ביידן פאַרמשפּט. צי איז דער זון, וואָס די יידישקע האָט געבוירן פונעם קעניג, נישט פאַרשוווּנדן געוואָרן אויף אַ סודותפולן אופן? אַזעלכע קלאַנגען האָט פאַרשפּרייט אַ געוויסער בע־

לאַרדאָ, דער גערטנער פון דער גאַליאַנאַ, קענטיק, אַז אויך אים האָט גאָט צוגענומען צוליב די שווערע זינד. צי האָט דען די יידישקע שוין מיט חדשים צוריק נישט אַרויסגעשלעפט פון טאַכאַ אַ מענטשלעכן שאַרבן?

איינער האָט געזאָגט, אַז דער זעלבער גערטנער בעלאַרדאָ האָט פאַר־טרויט, אַז די כישוף־מאַכערין געפינט זיך נאָך אין דער גאַליאַנאַ, פונקט ווי עס וואָלט גאַרנישט געשען. זי האָט נאָך אַהינגעבראַכט איר טאַטן. ס'רוב פונעם המון האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט אַזאַ חוצפּה. מען דאַרף באַכזען, צי ס'איז אמת, האָט זיך איינער אָנגערופן. מען איז געווען אין פאַר־לעגנהייט, אָבער דער פאָרשלאָג האָט געלאָקט.

דער המון האָט זיך געוואָקלט. די קאַסטיליאַ האָט געהערט צום ייִד. אָבער די גאַליאַנאַ איז דאָך געווען דעם קעניגס הויז. דאָך קאָן מען אַהין גייק, האָט איינער פאָרגעשלאָגן, און אַז מיר וועלן דאָרט זיין, וועט מען שוין זען, וואָס ווייטער צו טאָן. דער פאָרשלאָג איז געפעלן געוואָרן.

די ערשטע האָבן זיך שוין געלאָזט אין וועג אַריין, צו דער בריק צו. זיי זענען געגאַנגען פּאַמעלעך, די צאָל איז געוואַקסן, עס האָבן זיך שוין אָנגעקליבן הונדערטער און אפשר גאַנצע טויזנטער.

לאַנגזאַם האָבן זיי זיך געשלעפּט אין דער היץ, זיך געצויגן איבערן הויפּט־פּלאַץ, איבערן סאָקאָדאָווער. מען האָט זיי געפרעגט, וואָס זיי קלייבן זיך צו טאָן. זיי האָבן דערציילט, צוזאַמען האָט מען געלאַכט און זיך גע־פרייט.ביים גרויסן שטאָטישן טויער האָבן די וועכטער געפרעגט:

— וווהין גייט איר?

— מיר ווילן קאָנטראָלירן, ווו עס געפינען זיך געוויסע לייט — האָבן זיי געענטפערט.

די וועכטער האָבן אויך געלאַכט. פאַר די טורעמס פון דער גרויסער בריק האָבן די זעלנער אויך געפרעגט, וווהין זיי גייען, האָט מען זיי דאָס זעלבע געענטפערט און די האָבן אויך געלאַכט.

אַזוי האָבן זיי זיך געשלעפּט אין דער שווערער היץ. וואָס ווייטער, אַלץ מער מענטשן האָבן זיך צו זיי אָנגעשלאָסן. איצט איז שוין די צאָל געווען ביי צוויי טויזנט.

דע קאַסטראָ האָט זיך דערוווסט פון דער מעשה. ער איז זיי באַגעגנט מיט עטלעכע פון זיינע באַגלייטער; ער האָט זיי איבערגעיאָגט, זיי ווידער דורכגעלאָזן פאָרויס, און אַזוי עטלעכע מאָל. לאַנגזאַם, נישט גענוג דייטלעך האָבן זיך ביי אים באַוועגט די געדאַנקען. „איך מוז שיצן דאָס אייגנטום פון קעניג — האָט ער געטראַכט — און ווען גאָטס שטראָף איז אויפן

וועג, דאַרף זיך אַ קריסטלעכער ריטער נישט קעגנשטעלן". און נאָך: „איך וועל האַנדלען אַזוי, ווי מען האָט מיר באַפוילן. איך וועל נישט שיצן דעם פּאַרעטער און נישט די כישוף־מאַכערין, כדי דערמיט צו שטעלן אין סכנה די הונדערט טויזנט יידן פון טאָלעדאָ, אָבער דאָס אייגנטום פון קעניג וועל איך שיצן — באַשליסט ער — דאָס איז מיין חוב".

נאָכדעם ווי בנימין איז אַוועקגעגאַנגען, האָבן יהודה און רחל געפירט אַ געמיטלעך לעבן. זיי זענען געגאַנגען שיין געקליידט, געגעסן צוזאַמען, האָבן שפּאַצירט ביים זון־אונטערגאַנג אין גאָרטן, געפירט רואיקע גע־שפּרעכן.

די אַם סאַאַד, מיט איר דיק, איבערגעשראָקן פּנים, האָט די ערשטע געבראַכט די ידיעה, אַז די אומגלויביקע, פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן, זע־נען אָנגעקומען. און וואָס זאָל מען טאָן? יהודה האָט געזאָגט:

— שטיל און רואיק זיך מישב זיין.

זיי זענען אַוועק טיפער אין שלאָס, אין רחלס צימער, נישט קיין גרויס צימער מיט אַ קליינער עסטראַדע, לויטן מנהג פון אַן אָנגעזעענער דאַמע. יהודה האָט אָנגעטאָן זיין ברוסט־פּלאַטע אַלס צייכן פון זיין אַמט. דאָס צימער איז געווען טונקל און דער ברייטער פּילץ־באַשלאָג פון דער וואַנט האָט געקילט. זיי זענען געזעסן און געוואַרט אויף די אָנקומענדיקע.

דער המון איז צוגעקומען צום ווייסן מויער אַרום דעם שלאָס. ביים טויער האָט זיך באַוויזן אַ וועכטער, וועלכער האָט געטראָגן אויף זיין קורטקע דעם קעניגס הערב מיט דריי טורעמס. דער המון האָט זיך געוואַקלט, נישט געוווסט וואָס צו טאָן. אַלע האָבן געקוקט אויף דע קאַסטראָ. ער איז אַרויס־געטראָטן מיט זיינע ברייטע שווערע טריט און געזאָגט:

— מיר וועלן אַ קוק טאָן, בלויז אַ קוק טאָן. מיר ווילן נישט דעם קעניגס אייגנטום. איך האָב מיט זיך מיין וואַך, וועלכע וועט נישט דער־לאָזן, אַז עמעץ זאָל ברענגען שאָדן דעם קעניג און אַז עמעץ זאָל טרעטן די בייטן פון גאָרטן.

דער וועכטער האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן. אָבער עס זענען גע־ווען אַזעלכע, וועלכע האָבן נישט געוואָלט קלעטערן איבער דער נישט הוי־כער מויער, האָבן זיי לייכט אַן געוואַלד אַפּגעשלעפּט דעם וועכטער אין אַ זייט. דע קאַסטראָ איז אַריינגעטראָטן דער ערשטער, נאָך אים זיינע באַ־גלייטער און נאָך זיי דער המון.

דער המון האָט זיך גערוקט לאַנגזאַם פאָרויס און כּאַפּנדיק התפּעלות פון גאָרטן, זענען זיי אַוועק דורכן אויסגעפלאַסטערטן וועג צו שלאָס צו. עס האָט זיך באַוויזן בעלאַרדאַ, ער האָט געטראָגן די לעדערנע קורטקע, דאָס לעדערנע היטל און די אַלעבאַרדע פון זיין זיידן.

— דער איידעלער הער וויל רעדן מיט דאָניאַ ראקעל? — האָט בע־לאַרדאַ שנעל אַ פרעג געטאָן. — אונדזער האַרין געפינט זיך אין איר צי־מער אויף דער עסטראַדע — האָט ער געפּלאַפּלט. — צי איז דער איידע־לער הער אַנגעמאָלדן? צי זאָל איך מעלדן?

— פיר אונדז צו איר — האָט די קאַסטראַ געזאָגט.

בעלאַרדאַן איז נאָכגעגאַנגען דע קאַסטראַ, זיינע זעלנער, אַ געוויסער טייל פון המון, נישט קיין סך. זיי זענען צוגעקומען צו רחלס צימער. מיילן־ווייט איז געשטאַנען הינטער זיי די היץ פונעם גאָרטן, די בלאַנקע ווייס־קייט פון די מויערן, דער שטויב פון דער גאַס, וווּ זיי האָבן געשוויצט און געליאַרעמט. דאָ, אין דער קילער שטילקייט פונעם בין־השמשות, זענען זיי געבליבן שטיין פאַר אַ פרעמדאַרטיקן צימער. זיי זענען געשטאַנען נאָענט צום אַריינגאַנג, אויסגעניכטערט, עטוואָס צעטומלט.

די נידעריקע עסטראַדע אויף וועלכער יהודה און רחל זענען געזעסן, איז מיט אַ נידעריקן פּאַראַפּעט געווען אָפּגעטיילט פונעם צימער, איבער־לאָזנדיק אַ ברייטן דורכגאַנג אינדערמיט. ווען זיי זענען אַריינגעקומען, האָט זיך יהודה פאַוואָליע אויפגעהויבן. ער איז געשטאַנען מיט איין האַנט אָנגעלענט אויפן פּאַראַפּעט, באַטראַכט די אומגעבעטענע געסט געלאַסן, כּמעט שפּאָטיש, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן דע קאַסטראָן. רחל איז נישט אויפגעשטאַנען. זי איז געזעסן אויף איר דיוואַן, דעם שטערן עטוואָס פאַרהילט מיט אַ קליינעם שלייער און מיט רואיקע אויגן באַטראַכט דע קאַסטראָן און זיין חברה. פון הויף האָט זיך געהערט דאָס פליסטערן פונעם פאָנטאַן, און ווייט־ווייט האָבן געהילכט די טעמפּע קולות פון המון. די, וואָס זענען געווען אויף דער גאַס, האָבן כּסדר איבערגעחזרט איינס און דאָס זעלבע, אָבער סאיז געווען אוממעגלעך זיי צו פאַרשטיין. אָבער קאַסטראַ האָט פאַרשטאַנען, ער האָט געוווּסט, אַז זיי שרייען:

„איך נאָמען פון גאָט! Matad, Matad!*) הרגעט צום טויט!"

יהודה האָט געזען די רויע פּנימער פון די זעלנער און פון זייער פירער. ער האָט געזען דעם כּיטרען, שרעקלעכן, העפלעכן, נאַרישן גערט־

---

*) הרגעט! הרגעט! (שפּאַניש).

נער בעלאַרדאָ, וועמענס פּנים האָט אַרויסגעוויזן גיריקייט צו מאָרד, ער האָט תּופס געווען דעם באַדייט פֿונעם געשריי אינדרויסן און ער האָט גלייך פֿאַרשטאַנען: עס זענען זיי איבערגעבליבן בלויז געציילטע מינוטן צו לעבן. שרעק האָט אים געשטיקט. ער האָט זי געוואָלט פֿאַרטרייבן דורכן טראַכטן. צו יעדן אייגעם קומט דער צעשטערער פֿון אַלע זאַכן, און ער אַליין האָט געוואָלט, אַז ער זאָל דאָ איצט צו אים קומען. ער האָט שוין זינט עטלעכע טעג זיינע חשבונות אָפּגעשלאָסן. ער האָט אָפּגעטאָן אַ סך נאַרישקייטן און געוויסע גוטע זאַכן בלויז דערפֿאַר, ווייל ער האָט דערצו געשטרעבט מער פֿון אַלע אַנדערע. ער האָט עס געקאָנט, ווייל ער איז געווען מער, ווי די אַלע אַנדערע. ער האָט געזען אַרום זיך די שפּרוכן פֿון שלום. ער האָט יאָרן־לאַנג געזיכערט דעם האַלב־אינדזל שלום און אויפֿבלי. און אַפֿילו נאָך זיין טויט וועט עפּעס פֿון זיין אויפֿטו זיין אַ ברכה. די דאָזיקע נידערטרעכטיקע מערדער וועלן גאַנץ גיך חרטה האָבן, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן. די אַנדערע וועלן זיי נישט וואגן צו טשעפּען. זיין טויט וועט זיין אַ טובֿה פֿאַר די פֿרענקישע פּליטים. די אייז־קאַלטע שרעק האָט ווידער געשטיקט זיינע געדאַנקען. אָבער זיין פּנים איז געבליבן רואיק, לייכט איראָניש.

אויך רחלס פּנים איז געבליבן רואיק. אַלפֿאָנסאָ האָט איר אָנגעזאָגט צו פֿאַרבלייבן אין דער גאַליאַנאַ. אַלפֿאָנסאָ איז דאָ דער באַלעבאָס, וואָס קאָן דער פֿרעמדער מענטש איר טאָן? זי האָט פֿאַרטריבן די שרעק, כּדי צו זיין ווערט אַלפֿאָנסאָן. ער האָט געוואָלט, אַז די פֿרוי, וואָס ער ליבט זאָל נישט וויסן פֿון קיין שרעק. ער האָט איר צוגעזאָגט צו קומען. זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך, אָבער איר גוף האָט געשפּירט דעם נאָענטן טויט, און שרעק האָט געדריקט איר האַרץ.

די אומגעבעטענע געסט זענען נאָך אַלץ געשטאַנען ביי די ווענט און נישט געוווסט, וואָס צו טאָן. אַ רגע — אַ גאַנצע אייביקייט האָט קיינער דאָס מויל נישט געעפֿנט.

מיטאַמאָל האָט בעלאַרדאָ אויסגעמעקעט:

— דער אַדעליקער האָט זיך נישט געוואָלט מעלדן, דאַמע.

איצט האָט דע קאַסטראָ אָנגעהויבן רעדן.

— דו שטייסט אַפֿילו נישט אויף, יידישקע, ווען אַ ריטער שטייט פֿאַר דיר? — האָט ער געזאָגט מיט אַ גראָבער, קוואַקענדיקער שטים. רחל האָט אים נישט אָפּגעענטפֿערט. ער בלייבט פֿלוצלונג שטיין פֿאַר אַ ספֿק.

— אפשר ביסטו א קריסטין? — פרעגט ער. — ווייל דאן וואָלט ער נישט געטאָרט זיך דאָ אַריינרייסן. אָבער בעלאַרדאָ האָט אים באַרואיקט און געזאָגט:

— אונדזער האַרין, דאָניא ראַקעל, איז נישט קיין קריסטין.

דע קאַסטראָ איז רויט געוואָרן. עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון איר כּלומרשטן אַריסטאָקראַטיזם. רחל האָט באַמערקט זיין צעפלאַקערטן צאָרן, און פּלוצלונג האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי זעט פאַר זיך דעם אויפגערעגטן אַלפאָנסאָ. יאָ, דאָס איז געווען אַ קאָפּיע פון אַלפאָנסאָס פּנים, צעקריפּלט פון כּעס. אָבער גלייך האָט זי זיך דערמאָנט אין יענעם אַלפאָנסאָ, וועלכער האָט געשטראַלט, בעת ער האָט געקעמפט מיטן אָקס. זי דאַרף נישט פאַרשאַפן קיין חרפּה איר אַלפאָנסאָן אין דער דאָזיקער אַנטשיידנדיקער שעה. ווען זי וועט אים דערציילן, ווי דער דאָזיקער מענטש האָט זי באַהאַנדלט, וועלן זיי אַלע אויך מוזן באַשטעטיקן: רחל האָט נישט געהאַט קיין שום מורא.

זי האָט זיך אויפגעהויבן פאַוואָליע מיט אַ קינדערישער און גלייכציטיקער שטאָלצער באַוועגונג פון אַן אָנגעזעענער דאַמע.

אָבער נישט פאַרן ווילדן ריטער איז זי אויפגעשטאַנען, נאָר פאַרן טויט.

און אָט שטייסטו, דאָניא ראַקעל איבן עזרא, די שיינע, לאַ פאַרמאָסאַ, דעם טייוולס שטורעם־פויגל, די קעפּס־ווייב פון קאַסטילישן אַלפאָנסאָ, אַליין פון דוד־המלכס גזע, עמנואלס מאַמע. דיין האַרציק פּנים איז קלייגער ווי פריער, און אויב עס האָט אַ געוויסן אויסדרוק פון שרעק, איז עס פאַרבאָרגן אונטער דער מאַטער ברוינקייט פון דיין הויט. דיינע בלוי־גרויע אויגן, גרעסער ווי געוויינלעך, קוקן אין דער ווייט, אפשר אין אַ שווינדערלעכער פּוסטקייט און אפשר אין אַ העלער, דערהויבענער, געווונטשענער צוקונפט.

דע קאַסטראָ באַמיט זיך צו ברענגען אין אָרדענונג זיינע געדאַנקען. אַלץ איז פאַרגעקומען אַנדערש, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. יאָ, דאָס איז געווען דעם קעניגס הויז, און די דאָזיקע פרוי, הגם אַ יידישקע, איז געווען דעם קעניגס קעפּס־ווייב און האָט אים געבוירן אַ ממזר.

ענדלעך, האָט יהודה אָנגעהויבן רעדן. ער האָט געפרעגט געלאַסן אין לאַטיין:

— ווער ביסטו? און וואָס ווילסטו?

דע קאַסטראָ קוקט אָן דעם מאַן, דעם ייד, וועלכער האָט ביי אים

אוועקגעריבט זיין הויז און זיך דאָרט באַזעצט. ער טראָגט די שולד פאַר זיין ברודערס טויט, און ער טראָגט אויף זיין ברוסט די פּלאַטע מיט קאַסטיליעס הערב. ער האָט די חוצפּה צו אים צו רעדן העפלעך, שטאָלץ, אויף לאַטייך, ווי א ריטער צו א ריטער. ער האָט שטאָלץ אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אין א געמיש פון אראַגאָניש און קאַסטיליש געענטפערט ער:

— איך בין דע קאַסטראָ, ייִד, און מיט דעם איז אלץ געזאָגט.

יהודה האָט אויף אים א קוק געטאָן מיט לייכטן חוזק, אויפן מאַניער ווי אין זיינע אַמאָליקע שטאָלצע צייטן, און האָט געענטפערט פריינדלעך:

— פּונקט אַזאַ האָב איך מיר דיך פאָרגעשטעלט.

ער האָט גלייך אָפּגעקערט זיין פּנים פון דע קאַסטראָן, פּונקט ווי ער וואָלט מער נישט עקזיסטירט פאַר אים. ער האָט געקוקט אויף זיין טאָכטער. ער האָט געזויגן איר בליק, האָט געטראַכט וועגן זיין אייניקל, וועגן דעם קליינעם עמנואל. אלאַזאַרן האָט ער פאַרלוירן, די דאָזיקע טאָכטער זיינע וועט ער פאַרלירן אין עטלעכע רגעס אַרום, און עטוואָס שפּעטער וועט ער אַליין שטאַרבן, אָבער זיין אייניקל, עמנואל איבן עזרא, לעבט און דער שונא וועט אים קיינמאָל נישט האָבן.

אויך רחל האָט געטראַכט פון איר זון. זי האָט אלפאָנסאָן נישט געקאָנט איבערמאַכן, אָבער דאָס גוטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, לעבט ווייטער. פונדאָסניי, נישט מיט ווערטער, האָט אין איר מטושטש אויפגעטויכט דער געדאַנק פון משיחן, וועלכער באַזיגט די חיה, דעם אָקס און ברענגט שלום אויף דער ערד. זי האָט אויפגעכאַפּט איר פאָטערס בליק און, אָפּענטפערנ־דיק אים מיט א בליק, האָט זי געזאָגט:

— דו האָסט גוט געטאָן, מיין פאָטער, וואָס דו האָסט געראַטעוועט אונדזער עמנואלן. אונדזער עמנואל וועט לעבן. מיין גאַנץ וועזן איז פול מיט דאַנקבאַרקייט צו דיר.

א כוואַליע פון צערטלעכקייט, צופרידנקייט און שטאָלץ האָט זיך אין יהודהן דערוועקט. רחל איז שטיל געבליבן און ווידער האָט ער דערפילט א קאַלטע מורא. ער געפינט נאָך כוחות זיך אויסצודרייען צו מזרח. דאָך לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ, פאַרטיידיקט זיך נישט מער און וואַרט אויפן קלאַפּ, וואָס דאַרף קומען. ער בענקט נאָך אים.

דע קאַסטראָ האָט נישט פאַרשטאַנען רחלס העברעישע ווערטער, נאָר ער האָט געשפּירט, אַז זיי שרעקן זיך נישט פאַר אים, אַז זיי האַסן אים, און זיין שרעקלעכער כעס האָט איבערגעריסן זיינע געדאַנקען.

— צו געפינט זיך דאָ נישט קיינער, וואָס זאָל וועלן מאַכן א סוף

מיט דעם דאָזיקן געזינדל? — האָט ער אויסגעשריען — צי זענען מיר אהערגעקומען מיט זיי צו דיסקוטירן?

ער ציט אַרויס זיין שווערד, אָבער לאָזט זי באַלד צוריק אַראָפּ אין שייד.

— איך וויל נישט מיין שווערד באַפלעקן מיט הינטיש בלוט — און מיט דער פלאַך פון זיין שווערד גיט ער א געמאָסטענעם קלאַפּ אין קאָפּ־שיידל פונעם אָפּגעקערטן יהודה.

רחל האָט די גאַנצע צייט געוווסט, אַז זי מיט איר פאָטער וועלן אומקומען. איר פאַרשטאַנד האָט עס געוווסט, איר קערפּער האָט עס געשפּירט, איר שנעלע פאַנטאַזיע האָט איר אונטערגעטראָגן הונדערטער מעשהלעך, הונדערטער בילדער געקניפּט מיט אונטערגאַנג און טויט. אָבער טיף אין האַרצן האָט זי נישט געגלויבט אין איר טויט. אַפילו בעת דע קאַסטראָ איז פאַר איר געשטאַנען האָט זי דערין נישט געגלויבט. אָבער איצט האָט זי דערשפּירט מיט אירע אַלע חושים, אַז קיין שום אלפאָנסאָ וועט איר נישט קומען צו הילף, אַז זי וועט אין די נאָענטסטע מינוטן שטאַרבן, און א גרויזאַמע שרעק האָט זי באַהערשט, א שוידער, וואָס האָט קיין נאָמען נישט. זי איז געוואָרן א פּוסטע כלי און אין איר איז גאָרנישט פאַרבליבן חוץ שרעק. דאָס מויל האָט זיך ביי איר געעפנט, אָבער קיין געשריי האָט נישט אַרויסגעלאָזט איר פאַרשטיקטע ברוסט.

אַלץ, וואָס איז געשען אינעם צימער מיט דער עסטראַדע איז אָפּ־געטאָן געוואָרן אַן שום ליאַרם, אינעם בין־השמשות, ביי א טיפער שטילקייט. ווען דע קאַסטראָ האָט זיך דערנענטערט צום ייד, האָט זיין פינצטערע באַגלייטונג נאָך ווייטער אָפּגעטראָטן צו דער וואַנט. בעת יהודה האָט שטיל געגוססט, האָט מען געהערט דאָס שווערע אָטעמען פון די אָנוועזנדיקע, דאָס פליסטערן פונעם פאַנטאַן און די ווייטע געשרייען פון די באַנדעס ביים ווייסן מויער.

מיטאַמאָל האָט די אַם סאַאַד אָנגעהויבן צו שרייען הילכיק, משונה־דיק. דאָ האָט אומגעריכט דער גערטנער בעלאַרדאָ אויפגעהויבן דעם וואָפן און מיט א משוגענער ווילדקייט האָט ער זיין זיידנס היילקע אַלעבאַרדע אַראָפּגעלאָזט אויף רחלען. גלייך זענען די איבעריקע צוגעלאָ־פן. זיי שלאָגן רחלען, די אַם, יהודהן. זיי שלאָגן און שלאָגן און ווען זיי רירן זיך שוין לאַנג נישט טרעטן זיי זיי, קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם.

— גענוג! — האָט פלוצלונג באַפוילן דע קאַסטראָ.

זיי פאַרלאָזן דאָס צימער זיך צומאל נישט אומקוקנדיק אויף צוריק. אויסגעמאַטערט, שטעלנדיק שווערע טריט, האָבן זיי מיט א נאַריש געלעכ־

טער פֿאַרלאָזן דאָס הויז. איינער פֿון די קאַסטראָס זעלנער האָט אָראָפּ־געריסן די מזוזה און זי אַריינגערוקט אין קעשענע. ער האָט נאָך אַליין נישט געוווסט, צי זאָל ער דעם אמולעט צעטרעטן, אָדער פּראָווענדן צום אייגענעם שוץ. מער האָט קיינער נישט געוואָגט עפּעס צו נעמען אין קעניגס הויז.

דער המון אינדרויסן איז געשטאַנען אויף דער היץ און געוואַרט אין וואָלקנס שטויב. די קאַסטראָ האָט זיי געמאָלדן:

— עס איז אַלץ געענדיקט. די כישוף־מאַכערין און דער פֿאַרעטער זענען טויט.

זיי הערן עס קענטיק מיט צופֿרידנקייט, אָבער זיי ווייזן די דאָזיקע צופֿרידנקייט נישט אַרויס. זיי שרייען נישט און טריומפֿירן נישט. זיי זענען גיכער צעמישט און ברומען.

— יאָ, די פּאַרמאָסאַ (שיינע) איז טויט.

ווען זיי האָבן זיך געלאָזט צוריק קיין טאָלעדאָ מיטן הייסן שטויביקן וועג, איז ביי זיי איינגעבאַכן פֿאַרשוווּנדן געוואָרן דער ברען און דער כעס.

— האָט איר זיי אויסגעזוכט? האָט איר זיי געפֿונען? — האָבן די וועכטער געפֿרעגט.

— יאָ, מיר האָבן זיי געפֿונען. זיי זענען שוין פּאַרטיק.

— גוט אויף זיי — האָבן געזאָגט די וועכטער.

אָבער אויך זיי האָבן געהאַט קנאַפּן פֿאַרגעניגן. אויך ביי זיי איז דער כעס אַריבער. ביזן סוף פֿון טאָג זענען זיי געווען פֿאַרטראַכט, געשפּירט אַ געוויסן פֿאַרדרוס.

קיינער האָט שוין מער נישט געטראַכט וועגן אָפּרעכענען זיך מיט די איבעריקע יידן. גוטמוטיק חוזקט מען איבער די יידן, וואָס האָבן זיך פֿאַרריגלט אין דער יודעריאַ:

— פֿאַרוואָס באַפֿעסטיקט איר זיך אַזוי? צי האָט איר דען פֿאַר אונדז מורא? יעדער איינער ווייסט דאָך, ווי גוט די אייעריקע האָבן זיך געהאַלטן ביי אַלאַרקאָס. אין דער דאָזיקער געפֿערלעכער צייט איז נישטאָ קיין „איר" און קיין „מיר" מיר זענען אַלע צוזאַמען.

קאַפּיטל זעקס

אומגעריכט האָט אלפאָנסאָ נאָך לאַנג איינגעהאַלטן די קאלאטראווא־פעסטונג. ער איז געווען פאַרווונדעט אין פּלייצע, אָבער נישט געפערלעך. ס׳האָט אים ווײ געטאָן און ס׳האָט אים שטאַרק געפיבערט. נישט געקוקט דערויף איז ער אומעטום געלאָפן און געריטן, א באַוואָפנטער געקלעטערט אַרויף און אַראָפּ אויף די טרעפּ פון די שוץ־וואלן, קאָנטראָלירט יעדע קלייניקייט פון דער פאַרטיידיקונג. די אָפיצירן האָבן אים געראטן, ער זאָל זיך ענדלעך דורכשלאָגן צו דער הויפּטשטאָט, ווייל די מוסולמענער שווימלען שוין ווייט אויף צפון, און די וועגן זענען איבערגעריסן. אָבער ווען די פארטיידיקונג איז שוין געווען אוממעגלעך, האָט אלפאָנסאָ די פעסטונג אָפּגעגעבן, כדי מיטן גרעסטן טייל פון אירע פאַרטיידיקער זיך דורכצושלאָגן קיין טאָלעדאָ.

דאָס איז געווען אַן אונטערנעמונג, וואָס האָט געפאָדערט פאָרזיכט און העלדישקייט. פון זיינע נאָענטסטע פריינד האָט זיך נעבן אים געפונען נאָר עסטעבאַן איליאַן. דעם ארציבישאָף מאַרטין און בערטראַן דע באָרן, וועלכע זענען פארווונדעט געוואָרן, האָט מען אַוועקגעשיקט קיין טאָלעדאָ. אלפאָנסאָ האָט נישט אַרויסגעוויזן זיין פאַרצווייפלונג צוליב דער מפּלה. איצט האָט ער אַרויסגעוויזן א שאַרפן בליק, פייַנע איינפאלן און אנט־שלאָסנקייט. אָבער ביינאַכט, ווען ער איז איבערגעבליבן איינער אַליין מיט עסטעבאַנען, האָט ער געשטורעמט און געשריגן:

— האָסטו זיך צוגעקוקט, ווי אַלץ אַרום איז פארוואַנדלט געוואָרן אין חורבות? איצט שפּיר איך, אַז אַלץ, וואָס מען האָט צעשטערט און פאַרברענט — דאָס בין איך אַליין, דאָס איז א טייל פון מיר, ווי מיין האַנט אָדער מיין פוס.

ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, וואָס עס וועט איצט זיין, ווען ער וועט קומען קיין טאָלעדאָ. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָניא לעאָנאָרס רואיק, גאוותדיק פּנים. וויפל האַס און פאראכטונג וועט זיין פארהילט אונטער

איר קלאָרן שטערן, ווען נאָך זיין פריערדיקן שטאָלצן אַרויסטריט ווערט ער זיך איצט צוריקקערן אין א קלאָגעדיקן צושטאַנד, באַדעקט מיט חרפּה און שאַנד! אומבאַהאָלפן און אויפגערעגט האָט ער איצט פאַר זיינע אויגן געזען די שטילע, שפּאַסיק־העפלעכע מינע אויף יהודהס פּנים. ער האָט געטראַכט פון רחלס פילזאָגנדיק געזיכט. ער האָט דאָך איר צוגעזאָגט צו שענקען סעווילִיע, ווו איז סעווילִיע? זי וועט זיך אַפילו נישט נאָכפרעגן. צערטלעך און הכנעהדיק וועט זי פאַר אים שטיין. זי וועט אים אַפילו נישט מאַכן קיין פאָרוואורף. אָבער אַרום איר אויף די ווענט וועלן אים מיט חוזק שניידן די אויגן די מאטעווע ווערטער וועגן שלום.

אַן אומבאַוווסטער כעס האָט פּלוצלונג באַהערשט זיין גאַנצן גוף. דאָן מאַרטין איז געווען גערעכט, רחל איז געווען א כישוף־מאַכערין, זי האָט עס געמאַכט, מען זאָל זיין זון נישט טויפן. זי האָט זיין אינערלעכע שטים אין שקר פארוואַנדלט. אָבער מער וועט זי אים נישט פאַרכישופן. זיי מעגן זיך דרייען אויף אַלע זייטן, זיי מעגן אַרויסווייזן זייערע פאַרווייטיקטע, נעבעכדיקע פּנימער, עס וועט זיי גאָרנישט העלפן. ער וועט צווינגען יהודהן ער זאָל אים אָפּגעבן זיין זון. ער וועט דאָס ייִנגל טויפן, און אויב רחל וועט מער נישט וועלן בלייבן אין דער גאַליאַנאַ, טאָ זיי־זשע מוחל, די טיר איז אָפן. אַלאַפּיאַ, געזונט און ברכה!

בעת ער האָט זיך אויף אַזאַ מין אופן דורכגעשמועסט מיט רחלען, איז דאָן ראָדריגע שוין געפאָרן צו אים, כדי אים אָנצוזאָגן די פּיינטלעכע בשורה.

נאָך יהודהס און רחלס טויט, האָט דאָן ראָדריגע זיך געשפּירט, גלייך אַלע זיינע גלידער זענען אָפּגענומען געוואָרן. איצט איז פאַר אים איינגעזונקען דאָס, וואָס עס האָט אים געבונדן מיט דער וועלט: די מלוכה איז צעפאַלן, די ליבע פריינד דערמאָרדעט, און ער אַליין, ראָדריגע, איז דערין שולדיק, שולדיק וואָס ער האָט דעם קעניג די גאַנצע צייט געלאָזט גיין אויף דעם דאָזיקן שלעכטן וועג. עס האָט אים געשטיקט דאָס געפיל פון זיין אומטעטיקייט, פון זיין נישטיקייט.

אינערלעך האָט ער געמאַכט ביטערע פאָרוואורפן דאָן אַלפאָנסאָן, וועלכער האָט מיט זיין לייכטזיניקייט אומגליקלעך געמאַכט זיין לאַנד און אַלע, וואָס שטייען נאָענט צו אים. ער האָט אים מער נישט געוואָלט זען, ער האָט מיט אים מער נישט געוואָלט האָבן צו טאָן. אָבער ער האָט נאָך אַלץ געליבט דעם ווידערשפּעניקן אַלפאָנסאָ און זיין חוב און מיטלייד האָבן געפאָדערט, אַז ער אַליין זאָל אים ברענגען די שרעקלעכע בשורה.

מעגלעך, אַז דאָס דאַזיקע שרעקלעכע אומגליק וועט אים שטופּן אויפן וועג פון חרטה. און חוץ דעם האָט ראַדריגאַ אים נישט געוואָלט לאָזן אַליין אין אַזאַ שעה פון פאַרצווייפלונג.

דער אָפּגעצערטער, פיבערנדיקער אַלפאָנסאָ איז אים אנטקעגנגעקו־מען. היות ראַדריגאַ האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן זיין וווּנד, האָט ער מיט אומגעדולד זיך אָפּגעזאָגט דערפון צו רעדן. ער איז געשטאַנען אויפ־געבעגט, פינצטער, שפּאָטיש און אים אַרויסגעפאָדערט:

— דו ביסט געווען גערעכט, מיין קלוגער פאָטער און פריינד. מיין אַרמיי איז פאַרניכטעט, מיין מלוכה איז פאַרוויסט. איך האָב אין מיין לאַנד געבראַכט די פיר אַפּאָקאַליפּטישע רייטער, פּונקט ווי דו האָסט עס מיר פאָרויסגעזאָגט. דו ביסט מסתם געקומען, איך זאָל דיר עס זאָגן? איך האָב עס דיר צוליב געטאָן, ביסטו צופרידן דערפון?

קעגן זיין אייגענעם ווילן האָט זיך אין ראַדריגאָן דערוועקט א געפיל פון הייסער רחמנות צו דעם דאַזיקן מאַן, וועלכער שטייט פאַר אים אַ קראַנקער, א פאַרווונדעטער, אָפּגעריסן אויסערלעך און אינערלעך. אָבער ער טאָר נישט אַרויסווייזן קיין שוואַכקייט, ער מוז וועקן די נשמה פון דאַזיקן אַלפאָנסאָ, פון גאָטס קריגערישן, אויפשטענדלערישן וואַסאַל, וואָס ווייסט נאָך אַלץ נישט, נישט פון קיין חטאים און נישט פון תשובה. ראַד־ריגאָ זאָגט:

— שלעכטע מעשים זענען אָפּגעטאָן געוואָרן אין טאָלעדאָ. דיין פאָלק האָט אומשולדיקע מענטשן געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דיין מפּלה און ס'איז דאָרט נישט געווען קיינער, וואָס זאָל פאַרטיידיקן די אומשולדיקע.

און ווען דער קעניג האָט אויף אים אָנגעשטעלט זיינע אויגן, האָט ער אים גלייך אין פּנים אַריינגעזאָגט:

— זיי האָבן דאָניאַ ראַקעל און דאָן יהודהן אומגעבראַכט.

נישט דאָס אומגליק און נישט דער פּראַט, נישט די מפּלה האָבן אויף אים געהאַט אַזאַ ווירקונג, ווי די דאַזיקע בשורה. דאָן אַלפאָנסאָ האָט א געשריי געטאָן קורץ און ווילד און דערנאָך אומגעפאַלן.

א כוואַליע פון פריינדשאַפט האָט פאַרשווענקט ראַדריגאָס אַלע אַנ־דערע איבערלעבונגען. ער האָט אים נאָך אַלץ געליבט. ווי פריער. שטאַרק איבערגעשראָקן, האָט ער זיך באַמיט צו ברענגען א דאָקטער.

אַלפאָנסאָ האָט ענדלעך אויפגעוואַכט פון זיין חלשות, האָט זיך אַרומ־געקוקט, געקומען צו זיך און געזאָגט:

— ס'איז גאָרנישט, ס'איז די נאַרישע ווונד.

ער האָט נאָך אין יענעם טאָג גאָרנישט געהאַט געגעסן. מיט האסטיקע זופּן האָט ער געטרונקען דעם בוליאָן, וואָס מען האָט אים געבראַכט און תּיכּף אַרויסגעשיקט דעם דאָקטער, וועלכער האָט פריער איבערגעבונדן זיין ווונד. נאָכדעם האָט ער אַרויסגעשיקט אַלע אַנדערע און פאַרבליבן בלויז מיט ראַדריגען.

— זיי מיר מוחל, פאָטער און פריינד — האָט אלפאָנסאָ געזאָגט — איך דאַרף מיך שעמען, וואָס אַזוינס איז פאָרגעקומען. — און מיט א בייזן טאָן האָט ער פאָרגעזעצט: — נאָכדעם ווי איך האָב צעשטערט מיין מלוכה, דאַרף מיר נישט אָנגיין, וואָס דאָרט האָט פּאַסירט מיט א מאַן און מיט א פרוי. איך וואָלט זיי ביידן סיי ווי אָוועקגעשיקט — האָט ער געזאָגט מיט צאָרן. אָבער תּיכּף האָט ער געענדערט דעם טאָן: — קיינמאָל, קיינמאָל, וואָלט איך ראַקעלן נישט אָוועקגעשיקט! און איך שעם מיך גאָרנישט!

— ער האָט געקרעכצט, געסאָפּעט און געקריצט מיט די ציין. — דאָס טוט מיר געוואַלדיק וויי. איך זאָג דיר גאַנץ אָפן, ראַדריגע, מיין פריינד: איך האָב זי געליבט. דו קאָנסט עס נישט פאַרשטיין, דו ווייסט נישט, וואָס דאָס איז, קיינער ווייס עס נישט. איך האָב עס אַליין נישט געוווּסט, איידער זי האָט זיך געשטעלט אויף מיין וועג. איך האָט זי מער געליבט פון לעאָנאָרן, מער ווי מיינע קינדער, מער ווי מיין מלוכה, מער ווי קריסטוסן, מער פון אַלץ. פאַרגעס עס, פריסטער, פאַרגעס עס תּיכּף, אָבער איך מוז עס אַרויסזאָגן, דיר מוז איך עס זאָגן: איך האָב זי געליבט מער פון מיין אומשטערבלעכער נשמה.

ער האָט צונויפגעפּרעסט די ציין, איינצוהאַלטן דעם שטראָם ווערטער, וואָס האָבן אים אָנגעפילט די ברוסט. ער איז געבליבן זיצן אָן אויסגעמאַטערטער. מיט צער האָט ראַדריגע געזען, ווי זיין אויסזען האָט זיך געענדערט: זיין פּנים איז אויסגעמאָגערט, ווילד און צעקרימט, די באַקן־ביינער שטאַרק אַרויסגערוקט פאָרויס. די ליפּן — צוויי שמאָלע שטריכן, די אויגן קלענער ווי געוויינלעך האָבן אומרואיק געפינקלט.

נאָך א לענגערער ווילע האָט אַלפאָנסאָ א גלעט געטאָן זיין פּנים. ער האָט געבעטן, ראַדריגע זאָל אים דערציילן, וואָס ער ווייסט. ער האָט נישט געהאַט קיין סך צו דערציילן. א המון האָט געזוכט יהודהן אין קאַסטיליאָ איבן עזרא, אָבער מען האָט אים דאָרט נישט געפונען, ווייל ער האָט זיך אַריבערגעצויגן אין דער גאַליאַנאַ. ווער עס האָט געהרגעט

דאַניא ראקעלן ווייסט מען נישט. דאַן יהודהן האָט דע קאסטראָ מיט זיין אייגענער האַנט דערהרגעט.

— וואָס, דע קאסטראָ? — האָט דער קעניג געשטאַמלט.

— דע קאַסטראָ — האָט ראָדריגע געענטפערט. — ער האָט באַקו־מען אַ באפעל די באדראַטע צו שיצן, ווייל דאָס פאָלק איז ווילד געוואָרן און אַ סך זענען געווען באַדראַט. ער האָט געהאַט דעם אויפטראָג בעסער איינעם מקריב זיין פאַר דער טובה פונעם כלל.

דער קעניג האָט לאַנג און אַנגעשטרענגט געטראַכט.

— פון וועמען האָט דע קאסטראָ באַקומען אַזאַ אויפטראָג? — האָט ער מיט כעס געפרעגט.

— פון דאַניא לעאַנאָר — האָט ראָדריגע לאַנגזאַם און קלאָר אָפּגע־ענטפערט.

אַלפאַנסאָ האָט געקרעכצט ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה.

— די הינט און די רויב־פייגל זענען אויף מיר אָנגעפאַלן, פונקט ווי איך וואָלט שוין געווען אַ נבלה — האָט ער געזאָגט.

דאָן ראָדריגע האָט אויפגעקלערט זאכלעך, געראַכטיק, מיט אַ געווי־סער איראָניע:

— עס האָבן זיך געפאָדערט מאַסמיטלען. אראבישע קריסטן זענען אומגעקומען, אויך יידן, וועלכע האָבן געוווינט אויסער די מויערן, בערך הונדערט מאַן הייסט עס.

— פאַרטיידיק זיי נישט! — האָט אַלפאַנסאָ אויסגעשריגן ווילד, אומזי־ניק. — פאַרטיידיק נישט לעאָנאָרן! פאַרטיידיק נישט קיינעם, אפילו דיך אליין אויך נישט! אויך דו ביזט שולדיק, און אלע זענט איר שולדיק. מעג־לעך, אז נישט אזוי שטאַרק ווי איך, אָבער שולדיק זענט איר. און איך וועל שטראָפן. איך וועל אייך באַשטראָפן. איר מיינט, אז איך בין שוין מאַכטלאָז, ווייל איך האָב די שלאַכט פאַרשפילט? איך בין נאָך קעניג. איך וועל אויס־פאָרשן, איך וועל משפטן, איך וועל מוראדיק באַשטראָפן!

ער האָט איבערגעריסן דעם שמועס, אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ, אַנידער־געפאַלן און אַ ווינק געטאָן ראָדריגען, ער זאָל אים לאָזן אַליין.

איך אַ קאַרגער שעה אַרום האָט ער באַפוילן מען זאָל זיך רירן. אפילו אויפן לעצטן אָפּשניט זענען אלע זיינע פאַראָרדענונגען געווען באַטראַכט

און באַרעכנט. ערשט ווען אלע זײַנע אָפּטײלונגען זענען שוין געווען צווישן די מויערן, איז ער אַליין אַרײַנגעריטן קיין טאָלעדאָ.

ער איז געריטן אין דער ריכטונג צו זײַן שלאָס. דינער, קאַמערהערן זענען געלאָפן אהין און צוריק. איבערגעשראָקן פון זײַן שרעקלעכן אויסזען, האָבן זיי אים געפרעגט, צי ער וויל זיך נישט איבערטאָן, זיך באָדן, אָדער רופן אַ דאָקטאָר. ער האָט זיך פון אַלץ אָפּגעזאָגט, און אויף אַ גראָבן, שטרענגן אופן האָט ער געגעבן אַ באַפעל קיינעם צו אים נישט צולאָזן, אפילו די קעניגן אויך נישט.

נישט אויסגעטאָן די וואָפן, פאַרשוויצט און שמוציק, מיט אַ ווייטיק אין אַלע גלידער, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בעטל אין אַן אומבאַקוועמער פּאָזע. ער האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט נישט געקאָנט געפינען קיין צוזאַמענהאַנג. ווי אַזוי קומט דאָ יהודה אין דער גאַליאַנע, דער דאָזיקער ביטראַק, דער פוקס, וואָס דערשפּירט אַ סכנה אויף מײַלן ווײַט? און פאַרוואָס זענען זיי ביידע נישט אַנטלאָפן הינטער די פעסטע מויערן פון דער יודעריאַ, זיי ביידע וועלכע האָבן מיט אַ ווילדן גלויבן זיך אָנערקענט צום יידנטום?

אָבער איינס איז קלאָר: זיי זענען ביידע טויט. מען האָט זיי ביידע אומגעבראַכט און אומגעבראַכט האָט זיי לעאָנאָר און דע קאַסטראָ. לעאָנאָר מיט איר צונג און דע קאַסטראָ מיט זײַן פויסט, און ער אליין האָט זיך צומאָל מיט ראַקעלן נישט געזעגנט. פּרעמד, בייז, בלינד איז ער פון איר אַנטלאָפן, איצט האָט לעאָנאָר אים פולשטענדיק דערשלאָגן. אחוץ ראַקעלן און יהודהן האָט זי, מיט איר העסלעכער טאַט, ביי אים אויך אַוועקגענומען זײַן זון זײַן סאַנטשאָ, וועגן וועלכן ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט דערוויסן, וווהין ער איז אַהינגעקומען.

אַ געוואַלדיקער צאָרן האָט אים באַהערשט. לעאָנאָר האָט אים פּײַנט געקריגן פון דער ערשטער רגע אָן, ווען גאָט האָט אים צוגעשיקט ראַקעלן. זי, לעאָנאָר האָט צו מלחמה געהעצט, כדי צו האָבן פרייע הענט אומצוברענגען ראַקעלן. אלע האָבן אים געוואָרנט, ער זאָל נישט מלחמה האַלטן און זי, וועלכע איז נישט קאַרג אויף וואָרענונגען, האָט זיך איצט געמאַכט תמעוואַטע און געשוויגן. זי האָט אים געשטויסן אויף אַ מפּלה, וויסנדיק, אז אויף אזא אופן וועט זי קאָנען אומברענגען די העסלעכע יידישקע. אַלזאָ, די כישוף־מאַכערין איז לעאָנאָר און נישט ראַקעל. זי איז די אמתע טאָכטער פון איר מאַמען, אַן אייניקל פון איר אור־באָבע, וועלכער דער טייוול האָט פון דער קירך געשלעפּט אין גיהנום.

ער האָט זיך געפרייט מיט זיין צאָרן, ער האָט זיך געפרייט, וואָס זיין ווונד טוט אים וויי. ווי ער שטייט און גייט, אין דער פאַרשטויבטער באַוואָפענונג, אומגעוואַשן, נישט איבערגעבינדן דעם באַנדאַזש פון זיין ווונד, איז ער ארויסגעלאָפן אויפן קאָרידאָר און אריין אין לעאָנארס צימער. די איבערגעשראָקענע הויף־דאַמען האָבן אָפּגעטראָטן. ער איז האַסטיק אַריין צו לעאָנאָרן אין צימער.

לעאָנאָר איז געזעסן אויף דער עסטראַדע ציכטיק, געצערטלט, פּרווילעך. זי איז אויפגעשטאַנען, געמאַכט עטלעכע טריט אַנטקעגן אים — נישט צו שנעל, נישט צו לאַנגזאַם און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט זי אָפּצושטעלן און איידער זי האָט נאָך באַוויזן אים צו באַגריסן, האָט ער געזאָגט מיט אַן איינגעהאַלטענער ווילדער שטים:

— אָט בין איך. נישט זייער אָנגענעם אויף מיר צו קוקן. נישט אָנגענעם צו שמעקן. עס שטינקט פון מיר מיט מלחמה, טרחה און מפּלה. קיין שום זאַך אויף מיר איז נישט לויט די פאַרשריפטן פון דער קורטואַזיע. אָבער עס שיינט מיר, אַז דו האָסט זיך אויך נישט געפירט לויט די געזעצן פון דער קורטואַזיע, דאָניא לעאָנאָר, מיין קעניגין, מיין טייערע.

און פּלוצלונג האָט ער זיך אומזיניק און ווילד פאַנאַנדערגעשריען:

— דו האָסט מיין לעבן צעבראָכן, פאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן! דו האָסט מיר קיין זון נישט געבוירן; דער, וואָס דו האָס געבוירן, איז געווען קראַנק און שוין אין דיין לייב געווען פאַראורטיילט. און אַז די פרוי, וואָס איך האָב געליבט, האָט מיר געבוירן אַ זון, האָסטו זי אומגעבראַכט. איר פאָטער, מיין קלוגסטער, געטרייסטער בעל־יועץ, האָט זיך ביי מיר געבעטן מיט רחמים איך זאָל אַ געוויסע צייט זיך אָפּהאַלטן פון קריג. אָבער דו האָסט מיך געהעצט. דו האָסט פון מיר חוזק געמאַכט, פאַרוואָס איך יאָג מיך נישט אריינצוטרעטן אין הייליקן קריג. און דו, וועלכע האָט ליב צו רעדן, האָסט געשוויגן דאַן, ווען איך האָב ארויסגערוקט מיין נאַרישן פּלאַן. האָסט מיך געשטופּט אויף אַ זיכערער מפּלה, כדי דו זאָלסט קאָנען הרגענען מיין טייערסטע, וואָס גאָט האָט מיר צוגעשיקט. דו האָסט באַגראָבן מיך און מיין קאַסטיליע. אָט שטייסטו פאַר מיר בלאַנק־ווייס, ליבלעך און קעניגלעך, אָבער אינעווייניק אין דיר איז אַלץ וויסט און קרום. דו ביסט ווי דיין מאַמע, צעפרעסן פון טייוולאָנישער רשעות, מערדערין וואָס דו ביסט!

דאָניאַ לעאָנאָר האָט געוואַרט אויף אַן אויסברוך פון צאָרן. אָבער, אַז אַלפאָנסאָ וועט שטורעמען אַן אַ מאָס און אויף אַזאַ נאַרישן אופן, דערויף האָט זי זיך נישט געריכט. ער איז געווען גרייט מיט זיינע שמוציקע הענט

אָן הענטשקעס זי אָנצוכאַפּן, שטיקן און דערווערגן. אָבער דאָס בלוט האָט אין איר געקאָכט, וואָס ער האָט אויף אַזאַ ווילדן אופן איר גערדאָט און געזידלט, ווי אַ פּשוטער גאַסן־יונג. ער איז געפּערלעך, אָבער אַזאַ געפעלט ער איר.

מיט לייכטע טריט האָט זי אָפּגעטראָטן צוריק אויף דער עסטראַדע, זיך אָנגידערגעזעצט, אים באַטראַכט מיט אירע גרויסע, גריגע פּאַרשע־רישע אויגן.

— איך וועל דיר דערמאָנען — האָט זי געזאָגט געלאַסן — וועגן דעם פּלאַן, וואָס מיין מוטער און איך האָבן אויסגעאַרבעט אין בורגאָס צו־זאַמען מיט דיין קוזין דאָן פּעדראָ. לויט דעם דאָזיקן פּלאַן האָסטו דיך מתחייב געווען נישט אַרויסצוטרעטן אין קריג, איידער די אָראַגאָנישע חיילות וועלן נישט אָנקומען, מיר האָבן אַלץ געטאָן, דיך אָפּצוהאַלטן פון דיין געאיילטער העלדישקייט. מיין מאַמע האָט מיט דיר איינגעטענהט, ווי מיט אַ פאַרעקשנט קינד. קיינער האָט דיך נישט געהעצט, נאָר דו אַליין האָסט דיך געיאָגט. ווילסטו איך זאָל דיר זאָגן, ווער עס איז שולדיק אין דער דאָזיקער מפּלה? דו האָסט דיך געוואָלט באַרימען פאַר מיר, פאַר דיינע פריינד און דער עיקר פאַר דיין יידישקע. דעריבער האָסטו אַרויס־געפּאָדערט דעם קאַליף, קעגן דעם ווי ס׳איז געווען אונדזער אָפּמאַך, קעגן יעדן שכל הישר. דעריבער האָסטו פאַרפירט די דאָזיקע מלחמה. דעריבער האָסטו אונדזער לאַנד און דאָס גאַנצע קריסטלעכע שפּאַניע דערפירט צום אָפּגרונט.

דאָן אַלפאָנסאָ איז געשטאַנען פאַר איר נעבן דער עסטראַדע. ער האָט געקוקט אויף איר ווייס פּנים מיטן הויכן קלאָרן שטערן און אירע געדיכטע בלאָנדע האָר, און ער האָט זי פיינט געקריגן מיט אַ ווילדער שנאה דווקא צוליב אירע בייזע, לאָגישע געדאַנקען, וואָס האָבן געשווימלט הינטער דעם דאָזיקן שטערן.

— איצט פאַרשטיי איך — האָט ער ביטער געוואָרטשעט — פאַר־וואָס הענריק האָט געהאַלטן דיין מוטער אין געפאַנגענשאַפט און זי נישט געוואָלט באַפרייען, נישט געקוקט אויף די באַפעלן פונעם פויפּסט. זאָלסט דיר נישט איינרעדן, אַז איך בין שוואַכער פון אים. איך קאָן דיך נישט אומברענגען, ווייל דו ביסט אַ פרוי. אָבער איך קאָן נישט לאָזן אומבאַ־שטראָפט דאָס, וואָס דו האָסט געהרגעט דאָס טייערסטע אין דער וועלט. איך וועל משפטן, איך וועל פאַרשן און ווידעראַמאָל פאַרשן. איך וועל דיינע דינע, ביטרע באַפעלן און דיינע מערדערישע געדאַנקען אויף דער

ליכט אַרויסברעכגען. און זאָל די גאַנצע קריסטלעכע וועלט וויסן, אַז דו ביסט אַ מערדעריןָ. און דיינע משרתים דע קאַסטראָ און אַלע אַנדערע, וועלן אויך ביי מיר טרוקן נישט אַפּשניידן. דו וועסט אַליין זען, מיין טייע־רע, ווי איך וועל זיך מיט זיי אָפּרעכענען. אויפן שאַנד־וואָגן וועט מען זיי פירן אויפן סאָקאָדאָווער פּלאַץ. און דו וועסט אַליין צוקוקן, מיין קעניגין, זיצנדיק נעבן מיר אויף דער טריבונע, ווי זיי הענגען, דיינע העפלעכע ריטער, דיינע לאַנצעלאָטן.

לעאָנאָר האָט נישט אַראָפּגענומען איר בליק פון אים. ער האָט געשוויצט און זיין פּנים איז געווען צעקרימט. זיין בלאָנדע קורצע באָרד איז געווען פּאַרקלעפּט, ער האָט שוין מער נישט אויסגעזען יונג, נישט געשטראַלט מער, ער איז שוין נישט געווען ענלעך צום הייליקן געאָרג פון דאָמפּראָן. דאָך איז גוט געווען דאָס, וואָס די גראָבקייטן זיינע זענען אַרויסגעקראָכן אינדרויסן. אָבער אַז ער איז פּאַרשלאָפן, דאָס וועט אויך אים שוין קיינער נישט זאָגן, אפילו איר מאַמע אויך נישט. זי האָט גע־זאָגט:

— דו רעדסט אומזיניקע רייד, דאָן אַלפאָנסאָ דערפּאַר, ווייל דיין מיטשלעפּערין איז טויט. איך בין צו דער דאַזיקער פרוי אין דער גאַ־ליאַנאַ נאָענט נישט צוגעגאַנגען. קיין שום ריכטער וועט מיך דערין נישט באַשולדיקן, אויב ער וועט אפילו אויספאָרשן אַלע פּרטים, וואָס איך האָב געטאָן און וואָס איך האָב נישט געטאָן.

אָבער מיטאַמאָל איז איר צוגעגעסן געוואָרן איר מאַיעסטעטישקייט און ווירדיקייט. זי איז אַראָפּ פון דער עסטראַדע, צוגעגאַנגען גאַנץ נאָ־ענט צו אים, געשמעקט דעם ווילדן גערוך, וואָס האָט זיך פון אים געטראָגן און געזאָגט אים גלייך אין פּנים אַריין:

— איך זאָג דיר דאָסמאָל דעם גאַנצן אמת. איך האָב עס געטאָן. איך בין געווען שטאַרק צופרידן פון דער (טאָלעדישע נאַכט). איך האָב געזען די מערדערישע געדאַנקען אין דע קאַסטראָס קאָפּ. איך האָב אים נישט אָפּגערעדט. אדרבא, איך האָב פּאַר זיינע אויגן געבאָמבלט זיין קאַסטיליאַ. און גאָט האָט מיר געהאָלפן. גאָט אַליין האָט געוואָלט, זי זאָל אונטערגיין. פּאַרוואָס האָבן זיי זיך נישט באַהאַלטן אין דער יודעריאַ ביי זייערע ברידער, דיין קעפּסווייב און איר טאַטע? גאָט האָט זיי מיט בלינדקייט געשלאָגן. און אין דייגע בייזע אכזריותדיקע אויגן זאָג איך דיר גאַנץ אָפן: מיין האַרץ קוועלט, וואָס זי איז טויט.

אַלפאָנסאָ האָט געקרעכצט. ער האָט אָפּגעקערט פון איר זיין בליק.

ער האָט אָפּגעטראָטן אַ טראָט צוריק. אין זיין פּנים איז איצט געווען מער צער ווי צאָרן.

זי האָט דערפילט איר טריומף ביזן סוף. אָבער תיכף האָט זי דער־שפירט מיטגעפיל צו אַלפאָנסאָן. זי איז אים נאָכגעגאַנגען, צוגעקומען נאָענט צו אים.

— לאָמיר אַוועקוואַרפן אונדזערע חשבונות, דאָן אַלפאָנסאָ — האָט זי געזאָגט מיט אַ זייער צאַרטער שטים — דו ביסט פאַרווונדעט און אויסגעמאַטערט. דו נייטיקסט זיך אין פלעגונג. איך וועל צו דיר שיקן דעם מייסטער רעינעראָ, דעם בעסטן פון דיינע דאָקטוירים. און איך וויל דיר נאָך אָט וואָס זאָגן: איך האָב עס געטאָן צוליב מיינעטוועגן, אָבער באַשטימט אויך צוליב דיינעטוועגן. איך ליב דיך, אַלפאָנסאָ, דו ווייסט עס גאַנץ גוט. אַלע יאָרן בין איך דיר געווען טרייער ווי די מויערן פון דיין שלאָס און אויך איצט, ווען איך האָב זי פון דיין וועג אָפּגערוימט. איך האָב שוין מער נישט געקאָנט דערזיף קוקן, ווי דער קעניג פון קאַס־טיליע, דער פאָטער פון מיינע קינדער, איז פאַרזונקען אין בלאָטע. דו קאָנסט מיך שענדן פאַר דער גאַנצער וועלט. דו קאָנסט מיך טויטן. אָבער דאָס איז דער אמת.

ער האָט געוווסט, אַז אַזוי איז עס, אָבער ער האָט זיך באַמיט נישט צו גלויבן. ער האָט געקאָנט לעאָנאָרן באַגרייפן בלויז מיטן פאַרשטאַנד. אָבער אַן אינערלעך געפיל האָט אים אָפּגעשטויסן פון איר. ער האָט נישט געוואָלט וויסן פון איר ליבע. עס האָט אים געעקלט פון דער ליבע פון אַ מערדערין.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און אַרויסגעלאָפן פון צימער.

נאָך דעם דאָזיקן געשפּרעך איז אַלפאָנסאָ געווען שטערבלעך אויסגע־מאַטערט און זיין ווונד האָט אים נאָך שטאַרקער וויי געטאָן. ער האָט זיך געלאָזט אויסבאָדן, איבערבינדן די ווונדן און זיך אַריינגעלייגט אין בעט. ער איז געשלאָפן לאַנג, טיף, אָן שום חלומות.

באַלד דערנאָך איז ער אַוועקגעריטן אין דער גאַליאַנאַ.

ער איז געריטן, אָן שום באַגלייטונג דורך ענגע, געדרייטע גאַסן צום טאַכאָ. דער עולם האָט אים דערקענט, האָט פאַר אים געמאַכט אַ וואַרע, האָט זיך מיט שרעק צוגעקוקט צו זיין אויסגעמאַטערט, פאַרשטיינערט

פנים, האָט אַנטבלויזט דעם קאָפּ און זיך טיף פאַרנייגט; אַ סך האָבן געקוקט. ער האָט גאַרנישט געזען, גאַרנישט געהערט. ער איז געריטן ווייטער לאַנגזאַם, קוקנדיק כסדר פאָרויס, מעכאַניש, נישט קוקנדיק, האָט ער אָפּגעענטפערט אויף די באַגריסונגען.

ער האָט זיך דערנענטערט צום ווייסן מויער. עס איז געווען זייער הייס. איבער דער גאַליאַנאַ האָט געשוועבט אַ שווערע שטיקנדיקע היץ. אַלץ איז דאָרט געווען איינגעהילט אין אַ שטילן צויבער.

דער גערטנער בעלאַרדאַ האָט צוגעפויזעט. ער האָט געקושט אַלפאָנסאָס האַנט.

— איך בין זייער אומגליקלעך, הער קעניג — האָט ער געזאָגט, — איך האָב נישט געקאָנט באַשיצן אונדזער האַרין, ווייל עס איז געווען אַ גרויסער המון. אַריבער צוויי טויזנט, און אָנגעפירט מיט זיי האָט אַ גרויסער ריטער. און איך האָב אין מיין האַנט געהאַט בלויז מיין זיידנס הייליקע אַלעבאַרדע, האָב איך מיט איר ווייניק וואָס געקאָנט אויפטאָן. זיי האָבן געשריען: גאָט וויל עס. און דעמלט איז עס געשען. אויסער דעם האָבן זיי קיין שום שאָדן נישט געבראַכט. אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג, הער קעניג, סיי אין שלאָס, סיי אין גאָרטן.

איר האָט זי דאָ אין דער גאַליאַנאַ באַגראָבן? — האָט אַלפאָנסאָ געפרעגט. — פיר מיך אַהין!

דאָס אָרט, וווּ מען האָט זיי באַגראָבן, איז נישט אָנגעוויזן געווען. דאָס איז געווען אַ שטיקל אויפגעריסן נאַקעט אָרט נעבן רבי חננס ציסטערנעס.

— מיר האָבן נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן — האָט זיך בעלאַרדאָ אַנטשולדיקט. — היות אונדזער האַרין ראַקעל איז נישט קיין קריסטין, האָב איך נישט געוואָגט צו שטעלן אַ צלם.

דער קעניג האָט אים אַ ווונק געטאָן, ער זאָל אים לאָזן אַליין.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, צעבראָכן, אויסגעמאַטערט פון דעם גרויזן, שטויביקן היץ־געוועב. די ערד פון דעם צעגראָבענעם נאַקעטן שטח איז געווען פאַרנאַכלעסיקט צונויפגעשאָרט. דאָס אָרט האָט אויסגעקוקט פאַרוואָרלאָזט. דער קעניג וואָלט אַ הונט אַזוי אפילו נישט באַגראָבן.

ער האָט זיך באַמיט צו דערמאָנען, ווי אַזוי ער האָט דאָ מיט רחלען אַרומגעשפּאַצירט, ווי זי איז מיט אים נאַקעט געזעסן ביים ברעג פון טייך. ער האָט זיך באַמיט אַרויפצוברענגען אויפן זכרון איר האַרציק פנים, איר גאַנג, איר שטים, איר לייב. עס האָבן פאַר אים אויפגעטויכט בלויז איינ־

ציקע שטריכן, אָבער זי אַליין, רחל, איז ווי אַ גאַנצקייט צעשוווּמען, דער־ווייטערט געוואָרן, ווי עפּעס, וואָס שימערירט אומבאַשטימט, פאַרנעפּלט. אפשר שוועבט דאָ אַרום איר גייסט, ער קאָן אים אָבער נישט ארויסרופן. גייסטער דערשיינען בלויז אומגערופן. מעגלעך, אַז בערטראַן איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז פרויען דערנעענטערן זיך בלויז צום מאַנס בלוט, אָבער נישט צו זיין נשמה.

דאָ, אונטער אים, ליגט די, וועלכע האָט אים געבראַכט אומבאַגרע־נעצטן גליק און ווילדע אָנרעגונגען. איצט פוילט זי און ווערעם פרעסן זי. זיינע געדאַנקען זענען פאַטעמפּט געוואָרן פון טראַכטן. וואָס זוכט ער דאָ, אין דעם דאָזיקן טרויעריקן, העסלעכן קבר? ער איז זיי ביידן גאָרנישט שולדיק געבליבן. אדרבא, זיי זענען אים שולדיק זיין זון. איצט וועט ער שוין קיינמאָל נישט דערגיין, וואָס מיט זיין זון סאַנטשאָ איז געוואָרן. עס איז פונקט ווי זיין קינד וואָלט מיט זיי דאָ געלעגן. פונקט ווי דאָ אונטן וואָלט געווען באַגראָבן און צעפוילט אַלפאָנסאָס צוקונפט. ער האָט בע־סער נישט געדאַרפט דאָ אַהער קומען. ער האָט דערשפּירט אַ שלעכטן גע־שמאַק אין מויל, די ליפּן זענען ביי אים אויסגעטריקנט געוואָרן.

ער האָט זיך צוגעשלעפּט צום שאָטן פון אַ נאָענטן בוים. ער האָט זיך אויסגעצויגן. ער איז געלעגן מיט געשלאָסענע אויגן; די זון האָט געגלעט זיין פנים. ווידער האָט ער זיך באַמיט אין זיינע געהירן אַרויסרופן רחלען. ער האָט געזען בלויז אַ פּוסטע כלי, זי אַליין איז געבליבן פאַרנעפּלט. ער האָט זי געזען אין אַ מין העמד־געוואַנט, ווען זי האָט אויף אים געוואַרט ביי זיך אין צימער. ער האָט זי געזען אין יענעם גרינעם קלייד, אין וועלכן זי האָט אים צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין בורגאָס, ווען זי האָט געשפּאָסט פון אַלטן שלאָס פון זיינע אבות. דאָס האָט זי דעמלט מיט כישוף און שוואַר־צער מאַגיע אים געצוווּנגען אויסצובויען פאַר איר די דאָזיקע גאַליאַנאַ. אויך איצט ציט עס אים אַהער, הגם די ענינים פון קריג און מלוכה וואַרטן דאָרט אויף אים.

אמת, ער האָט אַן ענין, וואָס ער קאָן נאָר דאָ דערליידיקן: ער דאַרף יהודהן איבערגעבן די לעצטע ווערטער פון זיין זון. ער האָט געקנייטשט דעם שטערן, וועלנדיק זיך דערמאָנען, וואָס אלאזאר האָט אים פאַרן טויט געזאָגט. ער האָט דייטלעך געהערט: „זאָג מיין טאַטן...״ אָבער וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, האָט אַלפאָנסאָ זיך נישט געקאָנט דערמאָנען.

ער איז איינגעשלאָפן. ארום אים ווי אין אַ נעפּל איז אַלץ צעשוווּמען. עס איז אים שווער עפּעס אויפצופאַסן. אָט האָט זיך רחל באַוויזן. ווי א לע־

בעדיקע האָט זי אויפגעטויכט פונעם נעפל מיט איר בלאַס־ברוינלעך פּנים און מיט אירע אויגן פון טויבן־קאָליר. זי איז געשטאַנען פאַר אים און האָט אים אָנגעקוקט. מיט איר שטילשווייגן האָט זי אים דערמאָנט, ווי ער האָט זיך אויף איר אַרויפגעוואָרפן, בעת זי האָט זיך אים נישט געוואָלט אָפּ־געבן, ווי ער האָט אויף איר געשריגן, אַז זי האָט דאָס קינד ביי אים גע־גנבעט. זי האָט אים נישט געענטפערט, אָבער איר שווייגן האָט געקלונגען העכער פון יעדער באַשולדיקונג.

ער איז געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ וויזיע, אַ מיראַזש, אַ פיבער־בילד, ער האָט געוווּסט, אַז רחל איז טויט. אָבער די טויטע רחל איז געווען מער לעבעדיק, ווי די אַמאָליקע, וואָס האָט געלעבט. און בעת ער האָט אויף איר געווענדעט זיין בליק, האָט ער משיג געווען, אַז אין זיך האָט ער אירע שטומע רייד תמיד פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך בלויז פאַרהאַרטעוועט, אַז ער האָט זיך פאַרעקשנט און האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין אירע וואָרענונגען און אירע ווערטער.

איצט האָט זיך אַנטפּלעקט איר אמת. ער האָט איצט משיג געווען, וואָס רחל האָט אים כסדר אומזיסט געוואָלט קלאָר מאַכן: וואָס הייסט אחריות און וואָס הייסט שולד. ער האָט געהאַט אַן אומגעהויערע מאַכט אין זיינע הענט, וועלכע ער האָט שלעכט פאַרווענדעט. ער האָט שווידערלעך און אומ־זיניק דערמיט זיך געשפּילט, ווי אַ קינד. ער האָט זיין וויין אין עסיק פאַר־וואַנדלט.

רחלס בילד איז צעשוווּמען.

— גיי נישט, גיי נישט אַוועק, פאַרבלייב נאָך! — האָט ער זיך געבעטן. אָבער ס'איז שוין גאָרנישט געבליבן פון איר. זי איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

ער איז געבליבן אָן כוחות. ער האָט דערשפּירט אַ שטאַרקן הונגער. מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק אין שלאָס. ער האָט באַפוילן, מען זאָל אים ברענגען עסן. ביים טיש, ביי וועלכן ער מיט רחלען האָבן געפרישטיקט, איז ער געזעסן און געגעסן. מעכאַניש, גיריק, וואָלפיש. ער האָט פון קיין שום אַנדער זאַך נישט געטראַכט מער. בלויז זיך אָנצוזעטיקן.

די כוחות קערן זיך אום צוריק. ער איז אויפגעשטאַנען. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט נאָך דער אַם סאַאַד. ער האָט געוואָלט זען אַ לעבעדיקן זכר פון רחלען. מען האָט זיך געקווענקלט און ענדלעך אים געמאָלדן, אַז סאַאַד איז טויט. אים שלוקערצט. ער האָט געוואָלט מער דערגיין.

— סאַאַד האָט שרעקלעך געשריגן — האָט בעלאָרדאָ דערציילט, —

אָבער אונדזער הארין, דאָניאַ ראַקעל, האָט קיין שרעק נישט געהאַט. זי האָט זיך געהאַלטן, ווי אַן אמתע גרויסע דאַמע.

אַלפּאָנסאָ איז דורכגעגאַנגען דאָס הויז. ער איז געבליבן שטיין פאַר אַן אויפשריפט פון אַלט־אַראַבישע־אותיות, וועלכע ער האָט דעמלט נישט געקאָנט איבערלייענען און זי האָט אים איבערגעזעצט:

„אַן אונז שלום איז מער ווערט, ווי אַ גאַנצער טאָן נצחון".

ער איז ווייטער געגאַנגען. אָפּענע שאַפעס, קופערס. ער האָט זיך צוגערירט צו רחלס קליידער. דאָס דאָזיקע העלע קלייד האָט זי געטראָגן, ווען זי האָט מיט אים געשפּילט שאַך, און דעם דאָזיקן צאַרטן שטאָף, וואָס צעקריכט צווישן זיינע פינגער, האָט זי געטראָגן, ווען די הינט זענען אויף איר געשפּרונגען. פון די קופערס האָט אַרויסגעהויכט דער ריח פון אירע קליידער, רחלס ריחות. ער האָט צוגעמאַכט דאָס דעקל. ער איז דאָך נישט לאַנצעלאָט.

ער האָט געפונען בריוו, וואָס זי האָט צו אים געשריבן, אָבער נישט אָפּגעשיקט.

„דו שטעלסט איין דיין לעבן פאַר נאַרישע זאַכן אויף ריטעריִשער לייכטזיניקער באַגייסטערונג און דערפאַר האָב איך דיך ליב".

ער האָט געפונען די צייכענונגען, וואָס בנימין האָט געמאַכט. ער האָט זיי לאַנגזאַם און אויפמערקזאַם באַטראַכט. ער האָט אויסגעפונען שטריכן, וואָס ער האָט אין דער לעבעדיקער רחל קיינמאָל נישט אַנטדעקט, אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט דער דאָזיקער בנימין בלויז אַ טייל פון רחלען געזען. די אמתע רחל האָט בלויז ער, אַלפּאָנסאָ, געזען, און אויך איצט זעט ער, ווען זי איז שוין אויף דער וועלט נישטאָ.

אָבער זי איז נישט אַוועק פון דער וועלט. אין אים, אין אַלפּאָנסאָן, לעבט דער בולטער אמת, וואָס איר שטום פּנים האָט אים אויפגעקלערט. ראָדריגעס וואָרענונגען האָבן אים בלויז געזאָגט, וואָס עס איז אַזוינס שולד, חרטה. דאָך צום האַרץ איז עס נישט דערגאַנגען, אָבער איר שטום געזיכט האָט אים אין זיין האַרץ איינגעקריצט דעם באַדייט פון אחריות, שולד און חרטה.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, תּפילה געטאָן, אַ זינדיק געבעט. ער האָט געבעטן די טויטע, זי זאָל פאַר אים דערשיינען אין שעהן פון אַנטשיידונג און מיט איר שטומקייט אים אויפקלערן, וואָס ער האָט צו טאָן און וואָס ער דאַרף נישט טאָן.

גוטיערע דע קאַסטראָ איז געשטאַנען פאַרן קעניג אַן אויסגעצויגע־נער, די הענט אויפן הענטל פון שווערד.

— וואָס ווילסטו, הער קעניג? — האָט ער געפרעגט מיט אַ קוואַקעדי־קער זשאַבע־שטים.

דער קעניג האָט געקוקט אויף זיין פעסטן גראָבן פנים, און דע קאַס־טראָ האָט רואיק אָנגעקוקט דעם קעניג. מען האָט געזען, אַז ער פילט קיין שום שרעק נישט. דער כעס איז ביים קעניג פאַרשווונדן. ער האָט איצט אַליין נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס עס האָט זיך אין אים דערוועקט אַזאַ געוואַלדיקע ליידנשאַפט צו הענגען דעם דאָזיקן מאַן. אַלפאָנסאָ האָט געזאָגט:

— דו האָסט באַקומען אַן אויפגאַבע צו שיצן די מענטשן פון טאָלעדאָ, פאַרוואָס האָסטו עס נישט געטאָן?

— די מענטשן זענען אויפגערייצט געוועזן צוליב דיין מפלה, דאָן אַלפאָנסאָ — האָט ער געזאָגט גראָב און קאַלט. — זיי זענען געווען גע־שטימט קריגעריש, מערדעריש. זיי האָבן געוואָלט אויסלאָזן זייער כעס אויף די שולדיקע און אויף זייער צעטל זענען געווען אַ סך שולדיקע. אָבער עס זענען זייער ווייניק אומגעקומען, קנאַפּע הונדערט. איך האָב געקאָנט מיט אַ ריינעם געוויסן דער קעניגין צוריקגעבן די הענטשקע, זייענדיק זיכער, אַז זי איז צופרידן און דאַנקבאַר.

— דו ביסט אַוועק אין דער גאַליאַנאַ — האָט דאָן אַלפאָנסאָ געזאָגט — אין דער שפּיץ פון אַ באַנדע און האָסט געהרגעט מיין עסקריוואַנאָ און די מוטער פון מיין זון.

ער האָט גערעדט האַרט און בינדיק, אָבער דאָך רואיק.

— דיין פאָלק האָט פאַרלאַנגט צו באַשטראָפן די פאַרעטער — האָט דע קאַסטראָ געענטפערט. — די קירך האָט אויך געפאָדערט שטראָף. מיין אויפגאַבע איז געווען אומשולדיקע צו שיצן. אָבער ער איז געווען שולדיק.

דער קעניג האָט געוואַרט, אַז דע קאַסטראָ וועט זיך געוויס שטיצן אויף דער כיטרער, בלוטיקער אָנווייזונג פון דער קעניגין, כדי פון זיך אראָפּנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דע קאַסטראָ האָט עס אָבער נישט געטאָן. אדרבא, ער האָט געזאָגט:

— איך זאָג דיר גאַנץ אָפן, אַז איך וואָלט אים אומגעבראַכט, ווען ער וואָלט אַפילו נישט געווען קיין פאַרעטער. איך בין גוטיערע דע קאַס־טראָ און זינט יאָרן האָב איך געטאָן אַ נדר פאַר זיך און פאַרן גאַנצן

ריטערטום פון שפּאַניע, אַז איך וועל באַשטראָפן דעם אָפּגעשניטענעם הונט, וועלכער האָט אָוועקגערויבט מיין קאַסטיליאַ.

— דער סיכסוך צווישן דיר און קאַסטיליעס קרוין איז פאַרענדיקט. זינט דו האָסט באַקומען אַנטשעדיקונג פאַר דיין ברודער. דער אָפּמאַך איז מיט דיין הסכמה געוואָרן אונטערגעשריבן און געחתמעט.

— איך וויל נישט פירן מיט דיר קיין חשבונות, הער קעניג פון קאַסטיליע — האָט דע קאַסטראָ געזאָגט — אויב דו האָסט צו מיר נאָך וויכטיקערע טענות, האָן קלאָג מיך אָן פאַר מיין סוזערען, דעם קעניג פון אראַגאָן, וועלכער איז נישט גרעסער פון מיר און זאָל מיך משפּטן א געריכט פון מענטשן גלייכע צו מיר. אָבער איין זאַך דערלויב מיר דיר צו זאָגן, ווי א ריטער צו אַ ריטער. צוליב דיר איז אומגעקומען מיין ברודער, וועלכער איז געווען א גרויסער העלד אין קריג, אין טורניר. דו ווייסט עס אַליין גאַנץ גוט. דו האָסט מיר דעמלט אַנטשעדיקונג באַצאָלט, און איך בין געווען צופרידן, ווייל די הייליקע מלחמה איז שוין געווען אין גאַנג. איצט האָט פּאַסירט, אַז איך האָב דערהרגעט דיינעם א מענטשן, וועלכער איז געווען בלויז דיין באַנקיר און אן אלטער ייד. איך האַלט, אַז עס וואָלט געווען צומבעסטן, ווען מיר שליסן אָפּ אונדזערע חשבונות.

דער קעניג איז דערויף נישט איינגעגאַנגען. ער האָט פון אים געפאָדערט:

— דערצייל מיר, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען?

— איך האָב מיט שלעכט בלוט נישט געוואָלט באַשמוצן מיין שווערד

— האָט דע קאַסטראָ געענטפערט — איך האָב דעם מענטש מיטן פלאַך פון דער שווערד־שייד דערהרגעט.

מיט גרויס מי, מאַכנדיק הפסקות צווישן יעדן וואָרט — האָט אלפאָנסאָ געפרעגט:

— און ווי אַזוי איז זי אומגעקומען?

— איך קאָן עס דיר נישט זאָגן — האָט דע קאַסטראָ געענטפערט

— מיין אויג איז געווען צוגעפעסטיקט אויפן ייד, ווען מען האָט זי אומגעבראַכט.

ער האָט גערעדט מיט א רואיקן טאָן. זיינע ווערטער זענען געווען באַפּאַרבט מיט אמת. גראָב, אויפריכטיק, כמעט גוטמוטיק האָט ער פאַרגעזעצט:

— עס גייט איצט א הייליקע מלחמה, איך האָב די פאַרביטערונג פון מיין האַרץ דערשטיקט, און בין געקומען אַהער, כדי פאַר דיר צו

קעמפן. זאָל זיין אַזוי ווי עס איז, הער קעניג פון קאַסטיליע, עס שטייט דאָ פאַר א שווערע אַרבעט. א ריטער טאָר מער קיין וואָרט נישט פאַרלירן איבער דעם מיסט, וואָס מען האָט דאָ אויסגעקערט. זאָרג פאַר דיין שטאָט און פאַר אירע מויערן.

אַלפאָנסאָ האָט זיך אַליין געוווּנדערט, וואָס די חוצפה פון דעם דאָ־זיקן מאַן ברענגט אים נישט אַריין אין צאָרן. דער מאַן האָט באמת, מיט קיין איינציק וואָרט, נישט דערמאָנט וועגן דער צווייטיקער אויפגאַבע פון דאָביא לעאָנאָר. ער האָט דער דאַמע נישט צוגעשריבן קיין שום שולד. ער האָט אויף זיך גענומען אַלץ, וואָס עס האָט פאַסירט. ער איז אַן אמתער ריטער — האָט אַלפאָנסאָ צו זיך געזאָגט.

דער פריערדיקער לעבעדיקער, טעטיקער קאַנאָניק דאָן ראָדריגע האָט זיך איצט אָן שום חשק באַצויגן צו זיינע ענינים. ער האָט זיך זעלטן גענומען צום לייענען אָדער צום שרייבן, אומעטיק און פאַראיינזאַמט פלעגט ער זיצן ערגעץ אין א ווינקל.

מוסא האָט נישט געהאַט קיין צייט מיט אים צו פאַרברענגען. עס זענען געווען א סך קראַנקע און פאַרוווּנדעטע אין טאָלעדאָ. מוסא מיט זיין רואיקער און זיכערער נאַטור האָט אַרויסגערופן צוטרוי צו זיך, און נישט געקוקט אויפן חשד צו מוסולמענער, האָבן א סך מענטשן זיך געווענדעט נאָך זיין אויסגעצייכנטער הילף.

ראָדריגע האָט מקנא געווען זיין פריינד, וואָס ער איז תמיד פאַרנומען און האָט נישט קיין צייט צו טראַכטן וועגן די פיינלעכע זאַכן. ער, ראָדריגע, איז תמיד געווען פאַרזונקען אין זיינע פינצטערע געדאַנקען וועגן דער נישטיקייט פון אַלע מעשים. ער איז געווען אינערלעך פאַראַליזירט.

פון איטאַליע האָט מען אים צוגעשיקט א חיבור, וואָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט זיין פאַרצווייפלונג. דאָס ווערק האָט פאַרפאַסט א יונגער פּרעלאַט לאָטאַריאָ דע קאָנטי, מיטן נאָמען De conditione humana*) איין שטעל זאָגט בזה הלשון:

„ווי נישטיק דו ביסט, אָ, מענטש. שלעכטס באַהערשט דיין לייב. קוק זיך צו צו די צמחים און ביימער. זיי בליען, באַדעקן זיך מיט בלעטער,

---

*) וועגן מענטשלעכע אייגנשאַפטן (לאַטיין).

ברענגען פרוכטן. דו אָבער, ווי איז צו דיר, דו ברענגסט לייז, פּאַראַזיטן, ווערעם. יענע גיבן אייל, ווייַן באַלזאַם. דו טיילסט אויס חשתנה, שפּייעכץ, טינוף. יענע הויכן אויס זעלטענע ריחות, פון דיר שטינקט".

די דאָזיקע זאַצן האָבן ראַדרינגען נישט געלאָזן צורו. זיי האָבן אים פאַרפאָלגט אין שלאָף.

ער בענקט שוין נישט מער נאָך דער שטילער התלהבות, אין וועלכער ער האָט פריער געפונען א מקלט. יענער ברויזנדיקער, פעסטער גלויבן האָט אים שוין איצט מער נישט אויסגעוויזן ווי א חסד, נאָר ווי א ביליקע פאַרטויבונג, א פחדנותדיקער אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט.

ער האָט זיך באַרואיקט, ווען ער פלעגט צייטנווייז זיך טרעפן מיט בנימינען. צווישן זיין אייגענעם און אַלגעמיינעם עלנט האָט דער דאָזיקער יונגערמאַן געלאָסן און ענערגיש ווייטער אָנגעפירט די אַרבעט אין דער אַקאַדעמיע. דער קאַנאָניק האָט פשוט געשטוינט פון זיין שטאַרקן ווילן. זיינע באַזוכן פלעגן פאַרטרייבן זיין ביטערע מרה־שחורה.

— אויב דאָס טוט דיר נישט ווי, בעט איך דיך דו זאָלסט מיר זאָגן, וואָס איז פאָרגעקומען און וועגן וואָס האָט איר געשמועסט, ווען דו האָסט צום לעצטן מאָל באַזוכט די גאַליאַנא.

בגימין האָט געשוויגן, לאַנג געשוויגן און דאָן ראַדריגע איז שוין געווען זיכער, אַז ער וועט אים נישט ענטפערן. אָבער מיטאַמאָל איז ער אַרויס מיט הייסע רייד, געריסט רחלען, איר ריינקייט און אירע לעצטע טעג. ער האָט זיך נישט געשעמט צו דערציילן, אַז זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פונעם שוץ אין דער יודעריא, ווייל דער קעניג האָט איר באַפוילן, זי זאָל אויף אים וואַרטן אין דער גאַליאַנא. אין זיינע ווערטער האָט זיך געהערט א טאָן פון צאָרן פאַר איר איבערגעגעבנקייט און בלינדן גלויבן צו איר געליבטן ריטער.

דעם קאַנאָניק האָבן אויפגעטרייסלט דעם קעניגס ווערטער: „דו ווייסט נישט, וואָס עס איז אַזוינס ליבע". ער אַליין האָט טאַקע נישט געוווסט, וואָס דאָס איז. אלפאָנסאָ האָט „געליבט" רחלען. דאָס איז געווען שטורם, געוואַלד, געוויטער. אָבער ער איז פאַרבליבן איינגעשלאָסן אין זיך אַליין. ער האָט זי נישט מיטגעפילט. אַלזאָ, דער דאָזיקער אומגליקלעכער מענטש, דער דאָזיקער אויסגעשפּראָכענער ריטער האָט א וואָרט אַרויסגעוואָרפן, און ווי נאָר דאָס וואָרט איז אַרויס פון זיין מויל האָט ער עס מסתם באַלד פאַרגעסן. דאָס דאָזיקע אומבאַטראַכטע וואָרט האָט רחלען

צום טויט געטריבן. אַלץ וואָס ער טוט מיט זיין לייכטזיניקער דרייסטקייט, דערפירט צו אומגליק.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דאָן בנימין שעמעוודיק געבראַכט דעם קאַנאָניק א צייכענונג. ער האָט אַלפאָנסאָן פון דער נאָענט געזען און האָט באַמערקט, ווי שטאַרק ער האָט זיך געענדערט. כדי אַרויסצוברענגען זיינע שטריכן, האָט ער דעם קעניג ווידער געצייכנט. און איצט האָט ער מיט שפּאַנונג און פאַרלעגנהייט געבראַכט דאָס בילד דעם קאַנאָניק.

דער קאַנאָניק האָט דאָס בילד לאַנג באַטראַכט. ער האָט געזען א קאָפּ פון א מאַן, וואָס האָט א סך איבערגעלעבט און א סך געליטן. אָבער דאָך איז עס געווען א קאָפּ פון אַ ריטער, א קאָפּ פון א לייכטזיניקן, האַרטן אכזריותדיקן מאַן. קוקנדיק אויפן קעניגס בילד האָט ער געטראַכט פּונקט אַזוי, ווי ער האָט איבערגעגעבן מיט ווערטער אין זיין כראָניק: דעם קעניגס קאָפּ האָט אויסגעקוקט אַזוי, ווי עס איז געווען אויסגעקלאַפּט אויף יהודהס גאָלדענע מטבעות. ער האָט אונדערגעלייגט די צייכענונג, אַנגעהויבן שפּרייזן אַהין און צוריק, ווידער גענומען די צייכענונג, זי ווי־דער באַטראַכט און, אויסערגעוויינלעך אַנגערעגט, געזאָגט: — דאָס איז, אַלזאָ, דער קעניג אַלפאָנסאָ פון קאַסטיליע.

בנימין, גערירט פונעם איינדרוק, וואָס זיין בילד האָט געמאַכט, האָט געזאָגט:

— איך ווייס נישט, אויב אלפאָנסאָ איז אַזאַ. אין מיין קאָפּ קוקט ער אַזוי אויס. — און אין א רגע אַרום האָט ער צוגעגעבן: — אָבער גלויבן גלויב איך, אַז די וועלט וואָלט בעסער אויסגעקוקט, ווען זי ווערט אָנגע־פירט דורך חכמים, איידער דורך ריטער.

דער קאַנאָניק האָט געבעטן, ער זאָל אים די צייכענונג איבערלאָזן. און לאַנג־לאַנג נאָכדעם, ווי בנימין איז אַוועק האָט ער זיך געגריבלט אין דער צייכענונג.

זיין פריינדשאַפט מיט בנימינען איז ענגער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. ער איז מיט אים געוואָרן אַזוי אינטים, אַז ער האָט אים אַפילו פאַרטרויט זיינע ספקות.

— יונג אין יאָרן, ווי דו ביסט, האָסטו דאָך שוין באַוויזן צו באַקומען גענוג דערפאַרונג, ווי אַזוי נאַרישקייט און וויסטער כעס שווענקען כסדר אַוועק דאָס אַלץ, וואָס ווייסנשאַפט און אַרבעט האָבן דורות־לאַנג אויסגע־בויט. נישט געקוקט דערויף ווערט דיר נישט מיאוס זיך צו גריבלען.

פאַרשן און זיך מאַטערן. ביסטו נאָך אַלץ ביי דער מיינונג, אַז עס לוינט זיך די טרחה. וועמען ברענגט נוצן דיין טרחה?

אויף בנימינס געזיכט האָט זיך באַוויזן יענץ כיטרע פריילעכקייט, וואָס האָט אים אַמאָל אַזוי יונג און רייצנדיק געמאַכט.

— דו ווילסט מיך פּרווון, מיין הויכגעשעצטער פאַטער — האָט ער געענטפערט. — אָבער דו ווייסט שוין מיין תשובה פאַרויס. פאַרשטייט זיך, אַז די פינצטערניש און דאָס ליכט איז אַן אויסנאַם. אָבער דאָרט, ווו די פינצטערניש איז גרויס, דאָרט איז דאָס ביסעלע ליכט אַ טאָפּלטע שמחה. איך בין אַ קליין מענטשל, אָבער איך וואָלט גאָרנישט ווערט געווען, ווען איך וואָלט די דאָזיקע פרייד נישט געקאָנט שפירן. איך האָף, אַז דאָס ליכט וועט נישט פאַרלאָשן ווערן, נאָר וועט זיך פאַרגרעסערן. מיין חוב באַשטייט דערין, איך זאָל דאָ אַריינטראָגן אַ קליינעם שטייער.

בנימינס בטחון האָט דאָן ראַדריגען פאַרשעמט. אינדערהיים האָט ער אַרויסגענומען זיין כראָניק, זיך געצוווּנגען צו באַהערשן און געפּרווּט אַרבעטן. אָבער אין זיך האָט ער ווידער געפילט, אַז אומזיסט און צוועקלאָז איז זיין טרחה. ער האָט זיך באַמיט בולטער ברענגען צום אויסדרוק די מאכט פון דער השגחה. ער האָט דרייסט און נאַיוו פאַרגעשטעלט דעם אומזין, גלייך אין דעם וואָלט געווען אַ זין. אַ סך האָט ער זיך צעשפּרייט און צערעדט איבער פאַרשיידענע געשעענישן, אָבער אויפגעקלערט האָט ער גאָרנישט.

ער איז מקנא געווען מוסאָן. ער האָט לייכט געקאָנט אַרבעטן איבער זיין כראָניק. ער האָט געפונען דעם לייט־פאָדעם אָפּצושאַצן געשעענישן, דעם טעזיס פון אויפשטייג און אונטערגאַנג פון פעלקער. פון זייער יוגנט און אלטקייט, וואָס זיין אללאה און זיין נביא באַשטעטיקן עס. אין זיין קאָראַן האָט ער געקאָנט לייענען:

„און יעדעס פאָלק האָט זיין צייט, און ווען די דאָזיקע צייט קומט, קאָן קיינער די דאָזיקע שעה נישט אָפּשטעלן און נישט פאַרשנעלערן".

אים, ראָדריגען, איז נישט געלונגען צו געפינען אַ זין און אַ סדר אין די וועלט־געשעענישן. אים האָט זיך אויסגעדאכט, אז דאָס אמתע גלויבן פאַרווערט די דאָזיקע פאַרשונג. האָט דען דער אַפּאָסטאָל פּאולוס נישט געשריבן צו די קאָרינטער:

Quod stultom est dei sapientius hominibos*)

*) די געטלעכע נאַרישקייט איז קלוגער פון די מענטשן (לאַטיין).

און צי האָט דען טערטוליאַן נישט געלערנט, אַז די גרעסטע געשעעניש אין דער געשיכטע, דער טויט פון גאָטס זון איז גלויבנסווערט טאָקע דערפאַר, ווייל דאָס איז שטות? אָבער די וועגן פון גאָט זענען נישט די וועגן פון מענטשן. ס׳איז נאַריש זיי צו באַטראַכטן מיט מענטשלעכע אויגן און זיי מעסטן מיטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד? צי איז נישט קיין זינד בלויז דאָס שטרעבן איבערצוגעבן מיט מענטשלעכע ווערטער די מאַכט פון דער השגחה?

זינט הונדערט יאָר קעמפט די קריסטלעכע וועלט פאַר דעם הייליקן לאַנד, טויזנט מאָל טויזנט ריטער זענען אומגעקומען אין די דאָזיקע קרייץ־צוגן. און געוווּנען האָט מען אַזוי גוט ווי גאָרנישט. דאָס, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך בלוטיקע הריגות, וואָלטן דריי קלוגע פאַרשטייער דורך וואָכלעכע אונטערהאַנדלונגען געקאָנט דערגרייכן אין משך פון איין איינציקער וואָך. אין דעם דאָזיקן פאַל קאָן באמת די מענטשלעכע חכמה גאָרנישט אויפטאָן און דער זאַץ פון אַפּאָסטאָל פּאַולוס, אַז די געטלעכע נאַרישקייט איז קלוגער פון די מענטשן, באַקומט א חוזקדיקע באַדייטונג.

געבויגן איבער זיין כראָניק האָט ראָדריגע שטיל און בייז צו זיך געזאָגט:

— אַלץ איז הבל. עס איז נישטאָ קיין שום זין אין דעם, וואָס עס געשעט. עס איז נישטאָ קיין שום השגחה.

ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע ווערטער. אוועק! אַוועק! אַוועק וואָס ווייטער פון מיר! — האָט ער זיך באַפוילן.

אָבער אויב זיינע ספקות אין דער השגחה עליונה איז אפּיקורסות, איז עס אַמאָל נישט דערפאַר, ווייל ער אָנערקענט זיין אייגענע אומבאַ־האָלפנקייט?

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, געקריצט און געשמירט א גאַנצן טאָג, און דורך גאַנצע נעכט זיך באַמיט אויפצוזוכן דעם אצבע אלקים אין געשעענישן, פון וועלכע עס איז נישט אויפגעקלערט געוואָרן דער זין.

ער האָט זיך באַמיט צו מאַכן אויפלעבן די אָנגעזעענע מתים פונעם האַלב־אינדזל: דעם הייליקן אילדעפאָנסאָ און דעם הייליקן יוליאַן, די גאָטישע קעניגן און די מוסולמענישע קאַליפן, די אסטורישע און קאַסטי־לישע גראַפן, דעם קייזער אלפאָנסאָ און סיד קאַמפּעאַדאָר. ער האָט זיך איינגעבילדעט, ער איז א צווייטער יחזקאל, וועלכער איז אויסדערוויילט צו באַשווערן די טויטע זיי זאָלן ווידער אויפלעבן:

„איך וועל אייך אָדערן געבן און פלייש וועל איך אויף אייך לאָזן

וואקסן און איך וועל אייך מיט הויט באַדעקן און אָטעם אין אייך אַריינ־היכן, אַז איר זאָלט ווידער לעבעדיק ווערן״.

אָבער די ביינער, וועלכע ער האָט באַשווירן זענען זיך נישט צוזאַמענגעקומען. די מענטשן פון זיין כראָניק האָבן נישט געלעבט. די מענטשן פון זיין כראָניק זענען געווען אָנגעצייכנטע שקעלעטן, וועלכע האָבן אויסגעפירט א רוישיקן טויטן־טאַנץ.

„דו זאָלסט פאר קיין בלינדן נישט שטעלן קיין מכשול, דו זאָלסט זיי נישט פאַרפירן״, ווערט געזאָגט אין די שריפטן. ער האָט געטאָן פונקט פאַרקערט. זיין כראָניק פירט די בלינדע נאָך אין א מער טיפערער פינצ־טערניש.

קרעכצנדיק איז ער אויפגעשטאַנען. אויפן פייער־שטעל האָט ער אוועקגעלייגט האָלץ און זיי אָנגעצונדן. ער האָט צונויפגעקליבן די אומגע־ציילטע בלעטער פון זיין כראָניק און פון זיינע פארצייכענונגען. ער האָט זיי שווייגעוודיק, מיט פארביסענע ליפן אַריינגעשליידערט אין פייער, זיך צוגעקוקט, ווי זיי ברענען, ווי זיי ווערן פאַרברענט בלאט נאָך בלאט. ער האָט געמישט די פאַרברענטע פאַרמעטן און פאַפירן, ביז זיי זענען פאַר־וואנדלט געוואָרן אין אַש, וואָס קיינער וועט שוין קיינמאָל נישט קאָנען לייענען.

בערטראַן דע באָרן, נאָכדעם ווי ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן און שוין מער נישט געקאָנט אָנטיילנעמען אין דער מלחמה, האָט געוואָלט אַוועק פון טאָלעדאָ אין זיין היימלאַנד. ער האָט באַשלאָסן זיינע לעצטע יאָרן צו פאַרברענגען אַלס מאָנאַך אין קלויסטער דאלאָן.

אָבער זיין האַנט איז געווען געשוואָלן און זיין אָרעם געשוואָלן. אין אַזאַ צושטאַנד האָט ער נישט געקאָנט טראכטן זיך דורכצושלאָגן דורך די מחנות מוסולמענער, וועלכע באַהערשן אַלע וועגן צו צפון. די ווונד האָט געברענט און געווייטיקט. דער קעניג האָט אים געהייסן זיך ווענדן צו מוסאַן. מוסא האָט דערקלערט, אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדער עצה, ווי אַראָפּצונעמען די האַנט. בערטראַן האָט זיך געווערט און געשפּאַסט:

— אין קאַמף האָט איר, מוסולמענער, נישט געקאָנט מיר די האַנט אראָפּנעמען, איצט ווילט איר עס טאָן מיט כיטרעקייט, אויף א געלערנטן אופן.

— בלייב ביי דיין האַנט, הער בערטראַן — האָט מוסא געלאסן

געענטפערט — אָבער דאַן וועט אין א וואָך אַרום פון דיר מער נישט בלייבן ווי דיינע פּערזן.

מיט געלעכטער און קללות האָט בערטראַן נאָכגעגעבן.

ער איז געלעגן אויפן בעטל פעסט געבונדן. עטוואָס ווייטער אויף א קליינעם טיש איז געלעגן די שליחות־הענטשקע, וואָס אַלפאָנסאָ האָט אים געגעבן און נעבן טיש איז געשטאַנען זיין וואָפן־טרעגער און זינגער פּאפּיאָל. נאָכדעם ווי זיי האָבן בערטראַנען איינגעגעבן א שטאַרקן שלאָף־געטראַנק, האָט מוסא און מייסטער רעינערא זיך גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט. אָבער כל־זמן מען האָט זיך אַרום אים געפּאָרעט, האָט בערטראַן דיקטירט פּאפּיאָלן א סירווענט (געדיכט) וועגן אַלפאָנסאָן „די סירווענט פון דער הענטשקע".

מוסא האָט א סך איבערגעלעבט, אָבער קיינמאָל האָט ער נאָך אזא העסלעך־גרויסאַרטיקע סצענע נישט געזען. דער ריטער איז געלעגן אויפן בעטל פעסט געבונדן אין א צימער, וואָס האָט געשטונקען מיט בראַנד־פלייש. ער איז געפאַלן אין חלשות און ווידער אויפגעוואַכט, ער האָט געקרעכצט, געשריגן פאַר ווייטיק, ווידער געפאַלן אין אָנמאַכט, ווידער אויפגעוואַכט, ער האָט דיקטירט זיינע פּערזן, לוסטיק, בייזע. פיל האָבן זיך איינגעגעבן, פיל נישט געלונגען.

— נו, זאָג נאָך פּאפּיאָל, דו שוטה וואָס דו ביסט! — האָט בערטראַן באַפוילן. — האָסטו עס פאַרשטאַנען? וועסטו עס נעמען אין אכט? ווייסטו די מעלאָדיע? — האָט ער געפרעגט.

דער אַלטער פּאפּיאָל האָט געזען, ווי זיין הער לעכצט נאָך זיינע פּערזן, האָט ער זיך באַמיט צו זיין פריילעך און שטורמיש. ער האָט איבערגע־חזרט מיט צופרידנקייט די פּערזן, האָט מיט ווייטיק אָן אויפהער געלאַכט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אָנגעהויבן צו רעווען און וויינען.

אויפצומאָרגנס האָט אַלפאָנסאָ באַזוכט בערטראַנען, זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין געזונט. בערטראַן האָט געוואָלט מאַכן א זשעסט מיט דער האַנט, אָבער קיין האַנט איז נישט געווען.

— נו, יא — האָט ער אויפגעקלערט: — דער דאָקטער זאָגט, אַז אין צוויי וואָכן אַרום וועל איך שוין זיין בכוח אַוועקצוריייטן. דאַן לאָז איך דיך איבער אַליין, הער קעניג, און איך גיי אַוועק אין מיין קלויסטער דאלאָן. דער דרייסטער פּאפּיאָל טויג זיך שוין מער נישט צו קריגס־איבערלע־בונגען. ער איז מסכים, מיר זאָלן זיך ביידע אָפּגעבן אין רשות פון גאָט.

אלפאָנסאָ האָט געכאַפּט התפעלות פון דעם „הענטשקע־סירוועגט״ און האָט צוגעזאָגט רייכע מתנות פאַרן קלויסטער דאַלאָן.

— דו מוזט מיר טאָן די געפעליקייט — האָט אַלפאָנסאָ געבעטן — און אַליין מיר זינגען דעם סירוועגט פון דער הענטשקע.

און בערטראַן האָט געזונגען:

די הענטשקע גיב איך דיר צוריק,
נאָכדעם, ווי כ׳האָב דערפילט מיין פליכט.
דאָסמאָל געקעמפט האָב איך אָן גליק,
נאָר ס׳ארט מיך נישט.
איך פיל מיך נישט פאַרשעמט
וואָס כ׳בין מיט איין האַנט ווייניק,
פאַר דיר האָב איך געקעמפט
און דו ביסט גרויסער קעניג.
לייג אויך דו אויף דעם קיין אַכט,
וואָס דאָסמאָל האָט די איבערמאַכט
געראויבט דיין טאָג, אלפאָנסאָ.
דעם אומגליק וואָס דערמאָנסטו?
מיר פעלט — די האַנט,
און דיר — א שטיק פון לאַנד.
נאָר ווידער קומען וועט דאָס גליק,
באַקומסט דאָס דייניקע צוריק.
די האַנט מיינע איז מיר נישט לייד,
כ׳פארליר זי אין א גוטן שטרייט
און וועל זיך נישט באַקלאָגן —
די פיינט האָב איך געשלאָגן
ווען כ׳האָב די הענטשקע דיינע געטראָגן.
איך גיי אין מאָנאַסטיר אַוועק
ווו כ׳וועל דעם רעשט פון מיינע טעג
אין גאָטס רשות פארברענגען.
און ווייל איך האָב קיין האַנט נישט מער
וועל איך דאָס קריסטוס־מיליטער
אין לידער נאָך באַזינגען.
און איבער ים און איבער לאַנד,
פאַר ריטער זאָל הויך קלינגען:

פאָרויס, דו קריסטוס־מענטש, אין בראנד!
דו האַק, און ווייס באַר קלאָר:
אַלאָר! אַלאָר! אַלאָר!

אלפאָנסאָ האָט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט. ער האָט געשפּירט דעם שוווּנג פון די פערזן. זיי זענען אַריינגעדרונגען אין זיין בלוט. אָבער זיי האָבן נישט פאַרטויבט די שטים פון זיין פאַרשטאַנד, וואָס האָט אויפגעוויזן די אומנוצלעכקייט און לעכערלעכקייט פון דעם אלטן ריטער.

אַרום טאָלעדאָ האָט געשווימלט מיט מוסולמענישע אָפּטיילונגען. זיי האָבן בלאָקירט אַלע וועגן. דער פאָרזיכטיקער קאליף האָט זיך נישט געיאָגט מיט זיין גאַנץ מיליטער אַרומצורינגלען די שטאָט. דערפאר אָבער האָט ער זיין מיליטער אַוועקגערוקט ווייט אויף צפון און פאַרנומען א היפּשן טייל פון קאסטיליע. זיינע טיילן האָבן דעראָבערט טאלאווערא, מאקעדא, עסקאלאָנא, סאנטא קרוז, טרובילליא, האָבן פאַרנומען מאדריד. די קאסטיליער האָבן זיך מוטיק געהאַלטן. קרעפּטיק האָבן זיך פארטיידיקט קודם־כל די גייסטלעכע פירשטן. עס זענען געפאַלן די בישאָפן פון די שטעט אוויליע, סעגאוויע, סיגוענצא. אָבער די אומגעהויערע איבערמאַכט פון די מוסולמענער האָט געבראָכן יעדן ווידערשטאַנד. אדרבא, דער שטאַרקער ווידערשטאַנד פון די שפּאַניער האָט אויפגעפלאקערט זייער כעס. זיי האָבן חרוב געמאַכט דאָס לאַנד, צעטרעטן דעם אַקער־באָדן, אָפּגעשניטן די וויינטרויבן, אַוועקגעיאָגט די שאָף.

זיי האָבן באַהערשט א גרויסן טייל פונעם קעניגרייך לעאָן, דערגאַנגען ביז צום טייך דוערא, צעשטערט די אלטע באַרימטע שטאָט סאלאמאנקא. אויך אין פּאָרטוגאל האָבן זיי באַזעצט א סך געביטן, איינגענומען דעם הייליקן ווייט־באַרימטן קלויסטער אלקאָבאצא, וועלכן זיי האָבן צערויבט און דאָס רוב מאָנאַכן געהרגעט. אין גאַנצן קריסטלעכן שפּאַניע האָט געהערשט הונגער, עפּידעמיעס, נויט. זינט די צייט פון איר צוריק־דעראָבערונג, איז דאָס לאַנד נישט געווען אין אַזאַ טרויעריקן מצב, ווי איצט, נאָך דער אומזיניקער שלאַכט ביי אלארקאָס.

די קריסטלעכע קעניגן האָבן די גאַנצע שולד אַרויפגעוואָרפן אויף אלפאָנסאָן. לעאָן און נאווארא האָבן סעפּאראט אונטערהאַנדלט מיט די מוסולמענער וועגן א שלום. דער קעניג פון נאווארא איז אוועק אַזוי ווייט, אַז ער איז געווען גרייט שליסן אן אָפּמאַך מיטן קאליף און אַרויסטרעטן

קעגן די איבעריקע קריסטלעכע פירשטן. ער האָט פּאַרגעלייגט, זיין יורש זאָל חתונה האָבן מיט יאקוב אלמאנסורס טאָכטער, אָנערקענען דעם קאליף אַלס סוזערען און דעם קאליף אָנערקענען אַלס וואסאל פון די אַלע געביטן, וואָס די מוסולמענער האָבן אָפּגענומען ביי די קריסטלעכע לענדער.

ווען דער קאַליף האָט שוין דעם צפון געזיכערט, האָט ער זיך באַמיט צו באַהערשן טאָלעדאָ. פון די טורעמס פונעם קעניגלעכן שלאָס האָט אַלפאָנסאָ זיך צוגעקוקט, ווי מען פירט די טאַראַנען, באלאגערונג־טורעמס צוערשט פּאַוואָליע, דערנאָך מיט אימפעט.

דע קאַסטראָ האָט געבעטן אורלויב, כדי זיין אייגן לאַנד, די מארק־גראפשאפט אלבאראסין צו פארטיידיקן. אלפאָנסאָ האָט נישט געהאָט דאַקעגן.

— און וואָס איז מיט מיין האַנק, הער קעניג? — האָט דע קאַסטראָ געפרעגט.

— פאַרוואָס א דאַנק? — ענטפערט אַלפאָנסאָ.

דאָניא לעאָנאָר איז די גאַנצע צייט פאַרבליבן אין טאָלעדאָ. זי האָט געגלויבט, אַז אַלפאָנסאָס כעס איז נאָך יענעס שרעקלעכן אויסברוך אויס־געלאָשן געוואָרן און היות ער איז איצט באַשעפטיקט מיט ענינים פון קריג, וועט ער אין דער יידישקע שנעל פאַרגעסן. ער האָט אָבער די גאַנצע צייט אויסגעמיטן פערזענלעכע שמועסן און האָט זיך באַגרענעצט מיט קילע העפלעכקייטן. אָבער לעאָנאָר איז אַלץ געווען זיכער, אַז זי וועט אים צוריקגעווינען, זי דאַרף בלויז האָבן געדולד און וואַרטן. זי האָט געוואַרט. איצט אָבער, אַז דער שונא האָט אַרומגערינגלט טאָלעדאָ, האָט זי שוין מער נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן. דאָ איז איר אָנוועזנהייט איבעריק און דאָרט אין בורגאָס דאַרף מען זי האָבן.

אין זיך האָט זי געטראַכט, אַז אַלפאָנסאָ וועט בעטן זי זאָל בלייבן.

זי איז צו אים געקומען. זי האָט אָנגעשטרענגט איר גאַנצן ווילן אויסצוקוקן יונג און שיין. זי האָט געוווסט, אַז איר ווייטערדיק לעבן הענגט אָפּ פון דעם דאָזיקן צוזאַמענטרעף.

אַלפאָנסאָ, ווי עס האָט געפאָדערט די קורטואַזיע, האָט זי צוגעפירט צו א שטול, אַליין זיך אַנידערגעזעצט קעגנאיבער און העפלעך, געדולדיק געקוקט אויף איר ווייס שיין פּנים. זי האָט געקוקט אויף אים פאַרשעריש מיט אירע רואיקע גרינע אויגן.

עס איז שוין גאַרנישט איבערגעבליבן פון זיין יינגלשן אויפברויז,

פֿון וואָס זי איז געווען אַזוי אַנטציקט. איצט האָט אויף איר געקוקט אַ הארט, שאַרף־אויסגעשניצט מענער־פּנים מיט טיפֿע קנייטשן, אַ פּנים פֿון אַ מאַן, וואָס האָט איבערגעלעבט אַ סך ליידן און וואָס וועט זיך אפשר נישט וואַקלען אַזוינע ליידן אַ צווייטן צו פֿאַרשאַפֿן. אָבער אויך אַזאַ אַלפֿאָנסאָ האָט זי באַגערט מיט איר גאַנץ וועזן.

דאָ, אין טאָלעדאָ, האָט זי אָנגעהויבן, קאָן זי אים קיין נוצן נישט ברענגען. עס וואָלט געווען צומבעסטן, כּל־זמן עס איז מעגלעך, זיך צוריקצוקערן קיין בורגאָס, כּדי דאָרט צו זאָרגן פֿאַר די טעכטער און אָפּוואַרטן דעם ווייטערדיקן פֿאַרלויף פֿונעם קריג. דאָרט קאָן זי אויך אונטערהאַנדלען מיט די וואַקלענדיקע קעניגן פֿון לעאָן און נאַוואַרע.

אַלפֿאָנסאָ האָט זיך פֿאַר דער דאָזיקער צייט פֿיל אויסגעלערנט. איצט זעט ער זי דורך און דורך. איר אינערלעכע וועלט איז פֿאַר אים געלעגן, ווי אַ פֿעלד אויף וועלכן ער דאַרף פֿאַרפֿירן אַ שלאַכט. מיט אירע אייגענע ווערטער האָט ער איר געקאָנט זאָגן, וואָס זי טראַכט און אויף וואָס זי רעכנט. זי האָט באַשטימט געטראַכט, אַז זי האָט מיט רעכט רחלען אָפּגערוימט פֿון וועג, כּדי צו ברענגען נוצן דער מלוכה, און ער דאַרף עס איינזען און איר דערפֿאַר דאַנקען. זי איז יונג, זי איז שיין, ער וועט זי צוריק אין זיין בעט אַריינלאָזן, און מיט גאָטס גנאָד וועט זי אים נאָך געבוירן אַ יורש. זי האָט באַשטימט אַזוי געטראַכט און זי האָט געוואַרט, ער זאָל זי הייסן בלייבן. אָבער זי האָט פֿאַלש אויסגערעכנט, ווייל אַלפֿאָנסאָ, ווען ער וואָלט אַפֿילו געווען זיכער, ווי דער אָמן אין קירך, אַז זי וועט אים געבוירן אַ זון, אַלצאיינס וואָלט ער זיך צו רחלס מערדערין מער נישט צוגערירט.

זי איז געזעסן מאַיעסטעטיש רואיק, אָבער עטוואָס נידערשלאָגן.

— עס פֿרייט מיך דיין באַשלוס, דאָניאַ לעאָנאָר — האָט ער געענטפֿערט און העפֿלעך געשמייכלט מיט זיינע דינע ליפּן. — דו וועסט אַרויסווייזן מיר און דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט אַ גרויסע דינסט, ווען דו וועסט אָפּפֿאָרן קיין בורגאָס און וועסט אויסנוצן דיין באַהאַוונטקייט און חכמה אויף אונטערהאַנדלונג מיט די פּחדנישע, פֿאַרעטערישע קעניגן; אויך איך בין צופֿרידן, וואָס אונדזערע טעכטער וועלן זיין אונטער דיין השגחה. איך וועל שטעלן צו דיין דינסט אַ גרויסע באַגלייטונג.

לעאָנאָר האָט זיך צוגעהערט און זיך פֿאַרטראַכט איבער זיינע רייד. קענטיק, אַז זיין ליידנשאַפֿט צו דער יידישקע איז שוין פֿאַרביי. און אויב ער באַציט זיך נאָך צו איר קאַלט און אַפֿילו שפּאָטיש, איז עס געוויס

דערפאַר, וואָס זיין ריטערלעכער חוב הייסט אים זאָרגן פאַר די טויטע. לעאָנאָר האָט זיך נאָך געשפּירט גענוג שטאַרק אָפּצוקעמפן אים ביי דער טויטער רחל.

— איך האָב געהערט — האָט זי געזאָגט — אַז דו האָסט אַפילו קיין שום פּרוּוו נישט געמאַכט איינצוהאַלטן דע קאַסטראָ.

אַלפאָנסאָס אויגן האָבן אָנגעהויבן געפערלעך צו גלאַנצן. זי איז געווען גענוג דרייסט, צו באַנייען דעם אַמאָליקן העסלעכן שמועס. אָבער ער האָט זיך גלייך געצוימט:

— ס'איז אמת דאָס, וואָס דו האָסט געהערט — האָט ער געזאָגט. — איך האָב נישט קיין שום חשק געהאַט צוצורעדן אַ מענטש ער זאָל בלייבן, אויב ער וויל אַנטלויפן, ווען איך געפין מיך אין אַן עת־צרה.

— איך מיין, דאָן אַלפאָנסאָ — האָט זי זיך אָנגערופן קאַלטבלוטיק — אַז דו באַציסט זיך צו שטרענג צו דעם דאָזיקן ריטער. זיין מאַרקגראַף־פּשאַפט איז באמת באַדראָט פון דעם עמיר פון וואַלענסיע. איך האָב אים צוגעזאָגט אַ באַלוינונג פאַר זיין טיכטיקער אַרבעט, אָבער דו האָסט אים געלאָזט צו לאַנג וואַרטן. ער איז נישט אומגערעכט, ווען ער פילט זיך באַעוולט, וואָס דו האָסט אים צומאָל נישט אויסגעדריקט קיין דאַנק.

אַלפאָנסאָ איז געוואָרן זייער בלאַס. די באַקן־ביינער זענען נאָך מער אַרויסגעשפּרונגען אויף זיין אויסגעדאַרט פּנים, אָבער עס איז אים דאָך געלונגען איינצוהאַלטן די מאַסקע פון העפלעכקייט.

— מיט גאָטס הילף — האָט ער געזאָגט — וועל איך טאָלעדאָ איינ־האַלטן אָן דער הילף פון דע קאַסטראָ.

— נישט אין דעם האַנדלט עס זיך — האָט לעאָנאָר געענטפערט — דו ווייסט עס אַליין גאַנץ גוט. איך האָב מורא, ער זאָל נישט טאָן דאָס זעלבע, וואָס אונדזערע קוזינען פון לעאָן און נאַווואַראַ, מאַכן שאַכער־מאַכער מיט די מוסולמענער. ער קאָן זיך נאָך שטעלן אויף דער זייט פון די מוסולמענער, ווי סיד קאַמפּעאַדאָר האָט אַמאָל געטאָן, בעת איינער פון דיינע אבות האָבן אים קאַרג באַלוינט. נישט צום ערשטן מאָל פאַרשאַפן מיר אים ליידן. און ער איז שטאַרק אַמביציעז. עס ליגט נישט, ווי עס שיינט מיר, אין אונדזערע אינטערעסן אים צו יאָגן צו די מוסולמענער. צי ביסטו נישט געניגט, דאָן אַלפאָנסאָ, אים אָפּצוגעבן זיין קאַסטיליאָ?

מיט אַ מין ביטערן טריומף האָט אַלפאָנסאָ איצט דערשפּירט, וואָס אין איר קומט פאָר. רחל איז טויט און זי, לעאָנאָר, לעבט און שטייט פאַר אים קיל, מאַיעסטעטיש, מיט געווויסן רייץ. און זי וויל, אַז ער זאָל די טויטע

אַרויסשלאָגן פון קאָפּ און עס זאָל זיין ווי פריער איז געווען. אָבער זי האָט אַ גרויסן טעות, די טאָכטער פון דער דאַמע עלינאָר. רחל לעבט.
— איך זע, אז דו מיינסט ערנסט, דאָניא לעאָנאָר — האָט ער געזאָגט — איך זאָל נאָך באַלײנען דעם פּאַרעטער, וועלכער פאַרלאָזט מיך אין א סכנה־צייט. איך וועל בעסער דינגען רוטיערן, איידער ריטער. חוץ דעם האלט איך, אַז נישט איצט איז די צייט אויפצורעגן מיינע טאָלעדישע יידן. ווען איך וואָלט עס געטאָן, וואָלט עס געהייסן, אז איך גיב אָפּ כבוד דעם מערדער פון זייער בעסטן מאַן. דו, לעאָנאָר מיט דיין חכמה פון א מלוכה־פּארנעם, ווייסט עס געוויס פארשטיין.
אין זיין קלאָרער שטים איז געווען א לייכטער טאָן פון חוזק. אָבער אפילו די קליינע דאָזע חוזק האָט ביי לעאָנאָרן צוגענומען דעם שכל־הישר.
— איך האָב דעם דאָזיקן מאַן דעם קאסטיליא איבן עזרא צוגעזאָגט — האָט זי הויך אויסגערופן — ווילסטו מיך מאַכן פאר א ליגנערין? ווילסטו דיין קעניגין אַרויסשטעלן צו שפּאָט, אַבי צו חנפענען דיינע יידן?
אין זיך האָט אַלפאָנסאָ געיובלט. דו הערסט, רחל, ווי זי בייזערט זיך? אָבער איך וועל מיין חתימה נישט שטעלן אונטער אירע הבטחות. איך קאָן מיט איר מאָרד נישט מסכים זיין. איך וועל דיין מערדער דעם פּאַלאַץ נישט אָוועקגעבן.
— איך אויף דיין אָרט — האָט ער געזאָגט — וואָלט וועגן דעם דאָזיקן צוזאָג גאָרנישט דערמאָנט, דאָניא לעאָנאָר.
ערשט איצט האָט זי פאַרשטאַנען, אַז מיטן באַזייטיקן רחלען האָט זי גאָרנישט דערגרייכט. פּונקט ווי איר מוטער, וועלכע האָט דורך טויטן הענ־ריקס געליבטע בלויז צעשטערט איר אייגן לעבן, אזוי איז זי אויך איצט באַזיגט געוואָרן דורך דער טויטע יידישקע.
און אייז־קאַלטער פּחד האָט זי אַרומגעכאַפּט. איצט וועט זי אַ גאַנץ לעבן מוזן זיין אומפּרוכטבאַר און פאַרברענגען אין אײנזאַמקייט. פאַר איר האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גרויסער מדבר, וועגן וועלכע איר מאַמע האָט איר דערציילט, דאָס האַרץ־צערייסנדיקע אַקעדיאַ, די לאַנגע פּוסטע צייט.
זי האָט זיך געוואַקלט. זאָל זי שלום מאַכן מיט דעם אכזריותדיקן אמת. זי האָט געקוקט אויף דעם מאַן, זי האָט אים געליבט, זי האָט נישט מער ווי דעם דאָזיקן מאַן, זי דאַרף זיך אין אים האַלטן. זי האָט זיך צו אים געווענדעט מיט פאַרצווייפלטער הכנעה:
— איך דערנידעריק מיך, ווי קיין פרוי אין מיין שטאַנד האָט זיך נאָך

קיינמאָל נישט דערנידעריקט. לאָז מיך בלייבן אין טאָלעדאָ, אַלפּאָנסאָ! מיר ווילן מער נישט רעדן וועגן דע קאסטראָן, אָבער לאָז מיך בלייבן לעבן דיר! לאָמיר צוזאַמען זיין אין דער דאָזיקער געפערלעכער צייט!

אַלפאָנסאָ האָט איר געענטפערט, און יעדעס וואָרט איז געפאַלן קלאָר און קאַלט פון זיינע ליפּן:

— ס'האָט קיין שום צוועק נישט, לעאָנאָר, איך זאָג דיר אַזוי ווי די זאַך איז: דו האָסט מיין האַרץ פאַרשטיינערט דערמיט, וואָס דו האָסט זי געטויט.

אין אירע אויערן האָט געקלונגען אַן אַלטער לייטיינישער פערז, וואָס אַ גריכישע דיכטערין האָט פאַרפאַסט:

„די לבנה פאַרגייט, דער הימל־וואָגן פאַרגייט, האַלבע נאַכט איז אָנגעקומען. די שעה גייט פאַרביי, אָבער איך שלאָף איינע אַליין".

זי האָט זיך באַהערשט, זיך אויסגעגלייכט און געזאָגט:

— דו זאָגסט מיר דאָס, און פון די דאָזיקע ווערטער ווער איך האַרט ווי אַ שטיין. חוץ דעם זאָג איך דיר, אַז איך האָב ריכטיק געהאַנדלט. איך האָב עס געטאָן צוליב דיר, און איך וואָלט עס נאָכאַמאָל געטאָן.

אויפן צווייטן טאָג איז זי אַוועקגעפאָרן קיין בורגאָס.

קאַפּיטל זיבן

ווען מוסא האָט זיך דערוווּסט, אַז דער קאַנאָניק האָט פאַרברענט זיין כראָניק, האָט ער זיין פריינד געמאַכט מילדע פאָרווורפן. ער האָט אים געזאָגט, אַז די פאַרשריבענע דורך די כראָניקער וועלט־געשיכטע בלייבט אויף אייביק צום אָנדענק פאַר דער מענטשהייט. די גרויסע לייט פון די אַלטע צייטן האָבן פאַרערט אַ געטין פון געשיכטע־שרייבונג, און יידן, קריסטן, מוסולמענער האַלטן, אַז גאָט זענען ניחא די ווערק פון כראָניקער.

— מיין ווערק איז גאָט נישט געווען ניחא — האָט געענטפערט דער קאַנאָניק. — מיר איז פאַרבאָטן דעם אצבע אלקים צו זען אין די געשעענישן, איך האָב די געשעענישן נישט פאַרשטאַנען. אַלץ, וואָס איך האָב פאַרצייכנט איז געווען פאַלש. איך האָב נישט געטאָרט מיין ווערק פאָרזעצן, איך האָב עס נישט געטאָרט איבערלאָזן. זייענדיק אַליין בלינד, טאָר איך נישט פאַרפירן בלינדע. דיר קומט עס אָן לייכט, מוסא — האָט ער פאָרגעזעצט מיט ביטערקייט — דו האָסט דיינע דירעקטיוון, דו האָסט נאָך נישט איינגעזען, אַז זיי זענען פאַלש, דו דאַרפסט ווייטער שרייבן.

מוסא האָט געפּרוּווט אים טרייסטן:

— אויך דו וועסט געפינען נייע פּרינציפּן, מיין זייער געשעצטער און חשובער פריינד, וועלכע וועלן דיר אויף עטלעכע יאָר באַלייכטן דעם וועג.

דער אַלטער געלערנטער איז אַ גאַנצן טאָג נישט געזעסן אויף אַן אָרט. הונגער און עפּידעמיע האָט געהערשט אין דער באַלאַגערטער שטאָט. וואָס ווייטער אַלץ מער קראַנקע האָבן זיך צו אים געווענדעט נאָך הילף און היילונג.

ער, מוסאַ, האָט געוווּסט, אַז זיין וויסן אין מעדיצין איז באַגרענעצט. די מוסולמענישע מעדיצין, האָט ער דערקלערט דעם קאַנאָניק, איז אַ לענגערע צייט געשטאַנען אויף איין אָרט. זינט דער אומטאָלעראַנטער אַלגאַזאַלי האָט דערקלערט פאַר אַפּיקורסות יעדע וויסנשאַפט, וואָס שטאַמט

נישט פון קאַראַן, איז אויך די מוסולמענישע מעדיצין פאַרגליווערט געװאָרן און די אויבערהאַנט אין דער מעדיצין איז פולשטענדיק אַריבער צו די יידן.

— דער סולטאַן — האָט מוסאַ דערקלערט — איז געװען גערעכט, װען ער האָט דעם ייד משה בן מימון אָנערקענט פאַר זיין הויף־אַרצט. מיר, מוסולמענער, האָבן קיינעם, װאָס זאָל זיך קאָנען צו אים גלייכן. אונדזער קולטור האָט איר אויפבלי הינטער זיך. איבעריקנס — האָט ער פאַרענדיקט — איז די גאַנצע מעדיצינישע קונסט פון דער נאַטור אויך באַגרענעצט און דער בעסטער מייסטער קאָן נישט פיל אויפטאָן. היפּאָקראַט האָט אַמאָל געזאָגט: „די מעדיצין טרייסט אָפּט, טיילמאָל לינדערט זי. אָבער זעלטן היילט זי".

דעם אַרציבישאָף דאָן מאַרטין האָט שוין קיין דאָקטאָר נישט געקאָנט העלפן. זיינע װונדן זענען געװען שטערבלעך. אַלע האָבן עס געװוסט, און ער אַליין אויך. אָבער אין דער אַטמאָספער פון טויט, װאָס האָט געהערשט אַרום, האָט ער זיך פעסט געקלאַמערט אין לעבן. ער האָט זיך באַמיט װייטער צו אַרבעטן, האָט פאַרלאַנגט, אַז דאָן ראָדריגע זאָל אים טעגלעך באַזוכן און אינפאָרמירן װעגן אַלע ענינים.

דאָס װאָס דער אַרציבישאָף האָט דרינגלעך באַגערט דאָן ראָדריגעס געזעלשאַפט האָט געהאַט הינטער זיך אַ טיפע סיבה. ער האָט געשפּירט, אַז ער װעט שוין לאַנג נישט ציען, אָבער אויב עס איז אים נאָך באַשערט געװען צו לעבן, האָט ער געװאָלט װאָס אָפטער און מיט כוונה זיך מתוודה זיין פאַר זיין מילדן סעקרעטאַר. ער איז געלעגן, געשמעקט ציטרין, און קרעכצנדיק געפאָדערט אַין ציטרין נאָכן צװייטן. ער האָט גאַנץ אָפן אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט צוליבן אכזריותדיקן טויט פונעם ייד איבן עזרא און זיין טאָכטער ראַקעל, װאָס זיי האָבן, לויט זיין מיינונג, כשר פאַרדינט. דער קאַנאָניק האָט אים געמאַכט אַ פאָרוואורף, אַז זיין פרייד איז נישט אין קריסטלעכן גייסט. ער פון זיין זייט האָט געמוסרט דעם קאַנאָניק, אַז אינעם הייליקן קריג איז נישטאָ קיין אָרט פאַר באַרמהאַרציקייט.

אַ צװייט מאָל האָט ער ציטירט אַ װילדן זאַץ פון משהס קריגס־ליד.

— גאָט איז דער אמתער קריגס־מאַן. — און מיט פריינדלעכער כיטרעקייט האָט ער אים געבעטן: — ציטיר מיר דעם העברעישן טעקסט, מיין ליבער געלערנטער ברודער.

היות ראָדריגע האָט נישט געדענקט דעם העברעישן טעקסט אויף אויסנווייניק, האָט ער אים געמאַכט אַ לייכטן פאָרוואורף:

— אַזעלכע פּערזאָן, מיין גוטהאַרציקער פריינד, געדענקסטו נישט. אָבער צי איז דער דאָזיקער פּערזאָן נישט הערלעך אַפילו אין לאַטיין? — Dominus vir pugmatur*)

ער האָט די ווערטער מיט פאַרגעניגן איבערגעחזרט פאַר זיך עטלעכע מאָל, וואָרטנדיק, אַז דער קאַנאָניק זאָל זיך אָפּרופן. דער קאַנאָניק האָט נישט געהאַט קיין חשק זיך קעגנצושטעלן זיין קריגערישן פריינד, וועלכער איז קרוב למיתה און אים ציטירן שלום־פּערזאָן פון די הייליקע שריפטן. ער האָט געשוויגן.

דאָן מאַרטין האָט געהאַט איין גרויסע דאגה: ועמען וועט דער קעניג באַשטימען פאַר זיין נאָכפאָלגער. ער דער אַרציבישאָף פון טאָלעדאָ, דער פּרימאַס פון שפּאַניע, איז נאָכן קעניג געווען דער מעכטיקסטער מאַן אין קאַסטיליע. זיינע הכנסות האָבן איבערגעשטיגן דעם קעניגס הכנסות, און זיין השפעה איז געווען זייער גרויס. דאָן מאַרטין האָט כסדר דעם קעניג אָנגעוויזן, ער זאָל אויסוויילן דעם געהעריקן מאַן.

— האַרך זיך צו צו די ווערטער פון אַ שטאַרבנדיקן, מיין זון — האָט ער אים באַשווירן. — אונדזער ליבער דאָן ראָדריגע איז קלוג און פרום, כמעט אַ הייליקער, און דו וועסט נישט געפינען קיין בעסערן ראַטגעבער אין דיינע געשעפטן מיט גאָט. אָבער פאַר די געשעפטן פון עולם־הזה, פאַר קריגס־ענינים איז ער נישט דער געהעריקער מאַן, און אַלס אַרציבי־שאָף פון טאָלעדאָ וועט ער דיר געלט פאַר דיין אַרמיי נישט אַריינברענ־גען, און אויב ער וועט יאָ אַריינברענגען, וועט עס זיין זייער ווייניק. אַלזאָ, איך בעט דיך, מיין ליבער זון און קעניג, זאָלסט נישט אַוועקזעצן אויפן שטול פונעם הייליקן אילדעפּאָנסאָ קיין שמאַטע, נאָר אַ רעכטן קריסטלעכן ריטער, ווי איך אַליין בין געווען ביי מיין גאַנצער באַשיידנ־קייט און מיט מיינע אַלע פעלערן.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט דאָן מאַרטין חרטה געקריגן, פאַרוואָס ער האָט אָנגערעדט אויפן קאַנאָניק. ער האָט נאָך אים געשיקט. ער האָט זיך פאַר אים געקלאָגט:

— אַך, פאַרוואָס האָט מיך גאָט געמאַכט פאַר אַ פּריסטער און נישט פאַר קיין מיליטער־אָנפירער!

דאָן ראָדריגע האָט זיך באַמיט אים צו טרייסטן.

*) גאָט, דער מיליטערמאַן (לאַטיין).

אַ בייזע אומגעריכטע פרייד האָט מאַרטין באַקומען אויף זיין טויטן־בעט. דורך פאַרשידענע אומוועגן, געשטערט פון באַוואָפנטע מוסולמע־נער, מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון אַ סך וואָכן, איז אָנגעקומען אַ שליחות־בריוו פון פּויפּסט. דער הייליקער פאָטער האָט געגעבן דעם קעניג אַ שאַרפן באַפעל, ער זאָל ענדלעך משלח זיין זיין יידישן עסקריוואַנאָ, איבן עזרא: ווי אַזוי קאָן אַלפאָנסאָ דערפירן דעם הייליקן קריג צו אַ גוטן סוף, ווען זיין וויכטיקסטער ראַטגעבער איז אַן אומגלויביקער?

— דו זעסט, מיין ליבער, חשובֿער ברודער — האָט געיובלט דאָן מאַרטין פאַרן קאַנאָניק — אונדזערע פרומע און העלדישע קאַסטיליער האָבן געהאַנדלט אין זין פון קריסטוסעס שטעלפאַרטרעטער, ווען זיי האָבן זיך מיטן יידן אָפּגערעכנט. צי איז באמת מיין האַרץ געווען שלעכט, ווען איך האָב דערפון הנאה געהאָט?

די פריילעכע עמאָציע האָט אוועקגענומען ביים אַרציבישאָף זיינע לעצטע כוחות. עס האָט זיך אָנגעהויבן זיין גסיסה, וועלכע האָט שווער און לאַנג געדויערט. מיט זיין נשמה איז ער געווען אין שלאַכט. ער האָט זיך פאַנאַטדערגעשריגן: אלאַר, אַלאַר! פאָרויס! ער האָט געכאַרכלט, געקעמפט און געליטן.

מוסא האָט געהאַלטן, אַז פון הומאַניטאַרן שטאַנדפּונקט וואָלט געווען א סך בעסער איינצוגעבן דעם גוסס א שטאַרקן געטראַנק, כדי ער זאָל זיך נישט מאַטערן.

— פאַרקירצן דאָס לעבן איז נישט מענטשלעך — האָט ראָדריגע זיך קעגנגעשטעלט.

און דער אַרציבישאָף האָט זיך נאָך גאַנצע צוויי שעה געמאַטערט, איידער ער איז געשטאָרבן.

אין דער געגנט פון טריפאָליס זענען אויסגעבראָכן אויפשטאַנדן, און דער קאַליף, כדי אויפצוהאַלטן אָרדענונג אויף זיינע מזרח־אַפריקאַנישע גרענעצן, האָט געמוזט אָפּציען פון שפּאַניע א געוויסן טייל פון זיין מיליטער. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע דעראָבערונגען אויפן צפון פונעם האַלב־אינדזל. אין סאַמע מיטן פון זיין נצחון האָט ער זיך צוריק־געצויגן.

אַלפאָנסאָ האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. אין איין טאָג איז ער געוואָרן אן אַנדער מענטש. ער איז געוואָרן ריטער און קעניג, ווי ער איז עס

פריער געווען. פאַר דאָן ראָדריגען האָט ער אויסגעגאָסן זיין פרייד. איצט וועט ער אויסראָטן די חרפה פון אלארקאָס. ער וועט צונויפקלייבן זיין פאַרבליבן ביסל מיליטער און וועט פאַריאָגן דעם שונא. ער וועט זיי פאַריאָגן טיף אויף דרום, ער וועט נעמען קאָרדאָווע און קודם־כל סעוויליע!

דער קאַנאָניק האָט זיך איבערגעשראָקן. דאָס, וואָס ער האָט אָקאָרשט געהערט פון אַלפאָנסאָן, האָט ער באַטראַכט אַלס פאַרברעכערישע משוגעת. ראָדריגע האָט באַמערקט, אַז זינט אַלפאָנסאָ האָט זיך דערוווּסט וועגן רחלס דערמאָרדונג איז ער געווען פולשטענדיק צעבראָכן און איז געווען זיכער אַז געפינענדיק זיך אין אַזאַ פאַרצווייפלטן צושטאַנד, וועט אַלפאָנסאָ זיך געוויס אַרויסשלאָגן פון קאָפּ זיין ווילדע ריטערישקייט. דער קאַנאָניק האָט געהאַט איין ציל — באַפרייען אַלפאָנסאָן פון זיינע שעדלעכע ריזיקאַלישע געדאַנקען. מילא, תיכף נאָך דער מפּלה, בעת ער האָט זיך געפונען צווישן נויט און אומגליק, האָבן די דאָזיקע פּלענער נאָך געהאַט אַ זין. אָבער ביים ערשטן נסיון האָט שוין אַלפאָנסאָ פאַרפירט.

ראָדריגע האָט זיך אָן אַ קאַמף נישט געוואָלט אונטערגעבן.

— צי בליט נישט דער גאַנצער מוסולמענישער דרום, ווי פריער? — האָט ער זיך קעגנגעשטעלט דעם קעניג — צי שטייגט די קאַליפישע אַרמיי נאָך איצט נישט איבער פילפאַכיק אין צאָל די קריסטלעכע אַרמיי? נאָכדעם ווי קאַסטיליע האָט אַזאַ שווערן קלאַפּ באַקומען און איז געוואַלדיק אָפּגעשוואַכט, צי קאָן זי איצט דערפאַלגרייך אָנגרייפן?

— נעם נישט אונטער קיין צווייטע שלאַכט ביי אלארקאָס! — האָט ער געוואָרנט. — מיט אַ געבויגענעם קאָפּ דאַנק גאָט פאַר דיין ישועה. דער קאַליף איז אפילו איצט גרייט צו פירן אונטערהאַנדלונגען. שליס שלום אויף אַלע אָננעמלעכע באַדינגונגען!

אין האַרצן האָט ער געוווּסט, אַז דאָס איז דער איינציקער ריכטיקער וועג. אָבער ווען ראָדריגע האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט אלארקאָס, האָט זיך אינעם קעניג דערוועקט די אַלטע גאווה. זאָל ער איצט אַראָפּלאָזן די פליגלען ביים גינסטיקן ווינט, וואָס גאָט האָט אים אומגעריכט צוגעשיקט! זאָל ער דערשטיקן זיין אינערלעכע שטים, וואָס רופט צו אים: גרייף אָן, גרייף אָן!

— איצט, מיין פאָטער און פריינד — האָט ער געענטפערט פריינדלעך, מיט דער אַלטער גאווה — רעדט פון דיר אַרויס דער פריסטער און הייליקער, וועגן וועלכן מאַרטין האָט מיך געוואָרנט. דו דערמאָנסט וועגן

אלאַרקאָס. אָבער דאָסמאָל זענען די באַדינגונגען גאַנץ אַנדערע. דער קאַליף טרעט אָפּ און ס׳עקזיסטירט אַן אַלט מיליטעריש געזעץ דעם שונא צו יאָגן, ווען ער גייט אַוועק. געוויס האָבן נאָך אַלץ די מוסולמענער די אויבערהאַנט און עס פאָדערט זיך גוואַלדיקער מוט זיי אָנצוגרייפן. צי ווילסטו מיר פאַרווערן אָנצווענדן מיין מוט?

Vultu vivax א מוטיק פנים! מיט עגמת־נפש און אויפרעגונג האָט ראָדריגע אין אַלפאָנסאָס פנים באַמערקט די שטריכן פון בער־טראַנס אכזריותדיק אויסזען.

— ביסטו בלינד? — האָט ער זיך אָנגערופן צו אַלפאָנסאָן — צי זעסטו נישט גאָטס צייכנס? ווילסטו א צווייט מאָל מיסברויכן מיט זיין געדולד?

אַלפאָנסאָ מיט זיין געוויינלעכער שמייכלענדיקער זיכערקייט האָט געזאָגט:

— דו מוזט דעם קעניג פון קאַסטיליע מוחל זיין, וואָס ער פאַרשטייט גאָטס צייכנס אַנדערש ווי דו. ווען איך האָב זיך געשלאָגן פאַר אַלאַרקאָס, האָב איך נישט גוט אויסגערעכנט, און גאָט האָט מיך באַשטראָפט, ווייל איך האָט פאַרדינט. ער האָט מיך באַשטראָפט מיט א מפּלה, ער האָט אויף מיר אָנגעשיקט די פיר אַפּאָקאַליפּטישע רייטער. דאָס איז א פאַרדינטע שטראָף און איך נעם זי אָן. נאָכדעם האָט ער ביי מיר אַוועקגענומען ראַקעלן, צי מיינסטו, אַז דאָס איז אויך א שטראָף פאַר אַלאַרקאָס און פאַר מיין דרייסטקייט? ניין, גאָט האָט מיך אַזוי אכזריותדיק באַשטראָפט, ווייל איך בין אים נאָענט צום האַרצן, מער פון אַלע אַנדערע. גאָט האָט געוואָלט מיך מיט עפּעס פאַרגיטיקן, ער האָט מיר איצט פאַרגיטיקט, דער קאַליף האָט געמוזט אָפּטרעטן, דעריבער וועל איך זיגן.

אַ געוואַלדיקער צאָרן האָט אַרומגעכאַפּט ראָדריגען. דער דאָזיקער הונדערט־פּראָצענטיקער ריטער האָט צוגעמאַכטע אויגן און איז פאַר־גליווערט אין בלינדקייט. אָבער ער, ראָדריגע, וועט זיי עפענען. ער מוז איצט זיין הארטנעקיק, זיך קעגנשטעלן אַלפאָנסאָן — דאָס הייסט רח־מנות. דערמאָנענדיק זיך אין דער ווירקונג, וואָס בנימינס רייד האָבן אויף אים אַליין געמאַכט, האָט ער מיט יובלדיקער שטרענגקייט זיך אָנגערופן:

— ראַקעלס טויט איז פאַרבונדן מיט דיין שטראָף. ס׳איז אמת, אַז דו ביסט א פאַרעקשנטער בעל־גאווה. ראַקעל האָט געמוזט אומקומען צוליב דיין ריטערלעכער לייכטזיניקייט.

און ער האָט אים אַלץ דערציילט, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט פון

בנימינען, אַז רחל מיט איר פֿאָטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער שוץ אין דער יודעריאַ, ווייל אַלפֿאָנסאָ האָט איר געהייסן וואַרטן אויף אים אין דער גאַליאַנאַ.

עס האָבן זיך אין אים מיטאַמאָל דערוועקט אַ גאַנצער מבול פֿון דערינערונגען. דער צאַרנדיקער פּריסטער איז גערעכט: ער אַליין איז שולדיק.

— פֿאַרוואָס זענען זיי אין דער יודעריאַ נישט געגאַנגען? — האָט אים לעאָנאָר מיט חוזק געפֿרעגט, און ער האָט זיך אַליין אויך געשטעלט די דאָזיקע שאלה. ער האָט גאָר פֿאַרגעסן, אַז ער האָט רחלען געגעבן אַזאַ אָנווייזונג. איצט האָט אַלץ פֿאַר אים אויפֿגעטויכט שאַרף און קלאָר. צוויי מאָל האָט ער איר געגעבן אַזאַ אָנווייזונג. ער האָט אין יענער לעצטער נאַכט שטאַלצירט און געפּלאַפּלט, אָבער זי האָט זיין פּלאַפּלעריי און באַרימעריי אָנגענומען פֿאַר ערנסט. אפֿילו זיין אומבאַטראַכטע אָנווייזונג האָט זיך טיף איינגעקריצט אין איר האַרצן. און דעריבער איז זי געשטאָרבן. ער האָט זיך אפֿילו מיט איר נישט געזעגנט. ער איז אַוועקגעריטן, באַהערשט פֿון לייכטזיניקער העלדישקייט. ער האָט זי פֿאַרגעסן און זיך אַריינגעלאָזן אין זיין נאַרישער שלאַכט. דעריבער זענען זיינע קאַלאַטראַוואַ־ריטער אומגעקומען, איר ברודער אַלאַזאַר איז געפֿאַלן, אַ העלפֿט פֿון זיין מלוכה איז פֿאַרלוירן געגאַנגען און זי מיט איר פֿאָטער זענען דערהרגעט געוואָרן.

און איצט איז ער גרייט ווידער אָנצוהייבן אַ נייע נאַרישע מלחמה.

ער האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר נאַרישע אויגן, אָבער ער האָט געזען. ער האָט געזען יענץ פּנים, וואָס האָט פֿאַר אים אויפֿגעטויכט אינעם פֿאַרנאַכלעסיקטן קבר אין דער גאַליאַנאַ, רחלס שטום, באַרעדעוודיק געזיכט.

ראָדריגעס שטים האָט אים אויפֿגעוועקט פֿון די פֿאַרזונקענע רעיונות.

— זיי נישט ביי זיך גרויס, דאָן אַלפֿאָנסאָ — האָט ער געזאָגט — רעד זיך נישט איין, אַז דו שטייסט נעענטער צו גאָטס האַרץ, ווי אַלע אַנדערע. נישט צוליב דיר האָט גאָט גורם געווען דעם קאַליפֿס אָפּטרעטן. דו ביסט בלויז אַן אינסטרומענט, מיט וועלכן ער באַדינט זיך, האַלט זיך נישט פֿאַרן מיטלפּונקט פֿון דער וועלט, דאָן אַלפֿאָנסאָ. דו ביסט נישט גאַנץ קאַסטיליע. דו ביסט איינער פֿון די טויזנט מאָל טויזנטער איינוווינער פֿון קאַסטיליע. לערן זיך זיין מער באַשיידן.

אלפאָנסאָ האָט פאַרטראַכט געקוקט פאַר זיך. אָבער ער האָט געהערט. ער האָט געזאָגט:

— איך וועל דיינע ווערטער גוט פאַרגעדענקען, פריינד ראָדריגע. איך וועל טאָן, וואָס דו זאָגסט.

ער האָט געהייסן מעלדן דעם קאַליף, אַז ער איז גרייט אָנצוהייבן שלום־אונטערהאַנדלונגען. דער קאַליף איז געווען דער זיגער, און ער האָט געשטעלט פאַר־באַדינגונגען, איידער די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך נאָך אָנגעהויבן. צווישן אַנדערן האָט דער קאַליף פאַרלאַנגט, אַז אַלפאָנסאָ זאָל שיקן דעלעגירטע קיין סעווילייע. די גאַנצע וועלט דאַרף וויסן, אַז אַלפאָנסאָ, וועלכער האָט געבראָכן דעם וואָפנשטילשטאַנד מיט סעווילייע און האָט די מלחמה אַרויסגערופן, איז איצט געקומען אַלס באַזיגטער צום באַפאַלענעם, כדי צו בעטן שלום. לאַנג און העפטיק האָט זיך אַלפאָנסאָ קעגנגעשטעלט. דער קאַליף האָט נישט נאָכגעגעבן. אַלפאָנסאָ האָט געמוזט מסכים זיין.

ווער זאָל אָבער פאָרן קיין סעווילייע אונטערהאַנדלען? ווער האָט אַ שאַרפן מוח, געשיקטקייט, בייגעוודיקייט און כיטרעקייט, כדי איינצוהאַלטן דעם כבוד ביי דער דאָזיקער דעליקאַטער הכנעהדיקער מיסיע? מאַנריקע איז צו אַלט, דעם קאַנאָניק ראָדריגע פאַסט נישט צו שיקן צו די אומ־גלויביקע.

ראָדריגע האָט פאָרגעשלאָגן, מען זאָל די דאָזיקע שליחות אָנפאַר־טרויען דאָן אפרים בר אבא, דעם פאָרשטייער פון דער אַלאַכאַמאַ.

אַלפאָנסאָ אַליין האָט שוין אויך דערפון געטראַכט. דאָן אפרים האָט זיך ביי געוויסע שווערע געשעפטן אַרויסגעוויזן אַלס אַ קלוגער מאַן. און חוץ דעם קאָן דער דאָזיקער ייד בעסער ווי אַ גראַנד אָדער ווי אַ ריטער זיך אונטערוואַרפן די אַלע דערנידערונגען, וואָס דער שליח פון קאַסטיליע וועט דאַרפן אויסשטיין אין סעווילייע. אָבער אַלפאָנסאָ האָט מיט אַ שלעכט געפיל געטראַכט וועגן דאָן אפרימען. ער האָט די גאַנצע צייט אויסגעמיטן מיט אים זיך צו טרעפן, הגם אַ סך מאָל האָבן עס די געשעפטן געפאָדערט. פון די דריי טויזנט זעלנער, וואָס די אַלאַכאַמאַ האָט אים געשטעלט, זע־נען כמעט אַלע אומגעקומען. וועלן עס די יידן אים מוחל זיין? און צי וועלן זיי אים מוחל זיין דעם טויט פון זייער איבן עזרא?

ווען ראָדריגע האָט פאָרגעשלאָגן אפרימען, האָט דער קעניג אים

דערציילט וועגן די דאָזיקע געפילן. ער האָט גערעדט פּאַוואָליע מיט צאָרן. ער האָט געלאָזן אין גאַנג זיין חשד.

— אַלע יידן — האָט ער געזעוועט — זענען פאַרבונדן איינער מיטן צווייטן. געוויס האָט זיך יהודה מיט אים אָפּגערעדט. געוויס ווייסן זיי, וווּ עס געפינט זיך מיין זון, מיין ליבער סאַנטשאָ. און אויב זיי וועלן אים מיר נישט אַרויסגעבן מיט גוטן, דאַן וועל איך זיי צווינגען. ענדלעך, בין איך קעניג און די יידן זענען מיין אייגנטום. איך קאָן מיט זיי מאַכן, וואָס איך וויל. דאָס האָט מיר יהודה אַליין געזאָגט. איך וועל נישט פאַרטראָגן, זיי זאָלן נקמה נעמען אין מיין קינד.

צעטומלט פון דער דאָזיקער דרשה, האָט ראָדריגע שוין מער נישט צוגערעדט צו שיקן דאָן אפרימען.

דערווייל האָט זיך אין אַלפאָנסאָן דערוועקט א שטאַרקער חשק זיך צו זען מיט אפרימען און רעדן מיט אים. דערביי האָט ער נאָך אַליין נישט געוווּסט, צי זאָל ער פון אים פאַרלאַנגען ער זאָל אים אַרויסגעבן זיין זון, אָדער ער זאָל אים בעטן זיין א שליח. ער האָט אים געהייסן רופן צו זיך.

— צו איז דיר באַקאַנט, דאָן אפרים — האָט ער אָנגעהויבן — אַז דער קאַליף וויל אונטערהאַנדלונגען וועגן שלום? — היות דאָן אפרים האָט זיך שווייגנדיק פאַרנייגט, האָט ער אים אויפגעפאָדערט: — באַשטימט ווייסטו שוין אַלץ מער פון מיר און ווייסט שוין אויך זיינע באַדינגונגען.

דאָן אפרים איז פאַר אים געשטאַנען אַן אויסגעמאָגערטער, אַלט און געבויגן. ער איז געווען באַאומרואיקט, וואָס אַלפאָנסאָ האָט אים תיכף נאָך דער מפּלה ביי אלאַרקאָס און נאָך דער דערמאָרדונג פון יהודהן, נישט געהייסן קומען, און עס איז גאַנץ מעגלעך, האָט ער געטראַכט, אַז דער קעניג האָט איצט בדעה אַרויפצוואַרפן די גאַנצע שולד אויף די יידן. אפרים האָט געמוזט זיין פאַרזיכטיק.

— מיר האָבן — האָט אפרים געענטפערט — אָפּגעריכט דאַנק־תּפילות, ווען דער שונא איז אָפּגעטראָטן, פון טאָלעדאָ און מיר האָבן געבעטן גאָט, אַז ער זאָל אַראָפּשיקן חסד אויף דיין קעניגלעכן קאָפּ.

אַלפאָנסאָ האָט אָנגעהויבן מיט אים צו שפּאָסן.

— צי האַלטסטו, אַז גאָט טוט שלעכט, וואָס ער ווייזט מיר ווידער אַרויס גרויס חסד? איר, יידן, וועט מיר געוויס אויפוואַרפן, אַז צוליב מיין שולד זענען אומגעקומען אויף דער מלחמה טויזנטער פון אייערע מענער און אַז איך בין שולדיק אין דער דערמאָרדונג פון אייער יהודה.

— מיר האָבן געליטן און תפילה געטאָן — האָט אפרים געענטפערט.

— וואָס ווייסטו, אליזאָ, וועגן די שלום־באַדינגונגען? — האָט אלפאָנ־סאָ א פרעג געטאָן.

— גענוי ווייסן מיר נישט מער פון דיר — האָט אפרים אפּגעענטפערט — מיר זענען משער, אַז דער קאַליף וועט וועלן איינהאַלטן דעם גאַנצן געביט צו דרום פון גוואַדיאַנאַ. זיכער וועט ער פאַר זיין מלוכה־אוצר פאַרלאַנגען א הויכן יאָר־שטייער און פאַר דעם עמיר פון סעווילִיע — א הויכע קאָנטריבוציע. אויך וועט ער מסתם פאָדערן, מען זאָל אָפּשליסן א דויערנדיקן שלום־אָפּמאַך.

— איידער איינגיין אויף אַזעלכע באַדינגונגען, זאָל איך אפשר דעם קריג ווייטער פירן? — האָט אלפאָנסאָ פאַרטרויערט געזאָגט — אָדער האַלטסטו, אַז די דאָזיקע באַדינגונגען זענען אָננעמלעך? — האָט ער א פרעג געטאָן מיט א בייזן טאָן.

אפרים האָט זיך געוואַקלט צו ענטפערן. ווען ער וועט איצט רעדן וועגן אן אָפּמאַך און וועגן שלום, קאָן אַמאָל געשען, אַז דער קעניג וועט אויסגיסן זיין אָנמעכטיקן כעס אויף דער אלאכאמא און אויף אים אַליין. עס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט אָפּענטפערן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיין בכבודיק און זאָל נישט האָבן קיין גרויסע באַדייטונג. אלפאָנסאָ קאָן אַמאָל זיין ענטפער אויסטייטשן אַלס הסכמה, און פאַר אים איז גענוג די קלענסטע אויפמונטערונג פאַרצוזעצן דעם קריג, און גאָט ווייס א צווייט מאָל קיין נס נישט באַווייזן. טאָלעדאָ וועט זיין פאַרלוירן און מיט איר אויך די אלאכאמאַ. אין מאָמענט פון אַזעלכע ספקות און פאַרלעגנהייט האָט דער טויטער יהודה נישט איינמאָל דעם קריסטלעכן קעניג באַוויגן צום שלום. אַפּעלירנדיק צו זיין שכל־הישר. בערך הונדערט יאָר צייט האָבן די יידישע ראטגעבער אַפּעלירט צום שכל פון די קאַסטילישע קעניגן.

— אויב דו ווילסט אויסהערן אן אויפריכטיקע מיינונג פון אן אלטן מאַן, הער קעניג — האָט ער זיך אָנגערופן מיט זיין צעקראָכענער שטים — דאַן ראַט איך דיר צו מאַכן שלום. דו האָסט די דאָזיקע מלחמה פאַר־שפּילט. ווען דו וועסט די מלחמה פאָרזעצן, וועלן די מוסולמענער גיכער זיך רוקן אין די פּירענעען, איידער צום דרום־ים. וואָסערע באַדינגונגען דער קאַליף זאָל נישט פאָרלייגן, מאַך שלום, כל־זמן ער באַנוגנט זיך מיט די גרענעצן צו דרום פון טאָלעדאָ.

אַלפאָנסאָ האָט געשפּרייזט אַהין און צוריק. אין זיינע אויגן האָט גע־ברענט א געפערלעך פייער, דער שטערן האָט זיך טיף געקנייטשט. דאָס,

וואָס דער ייד זאָגט איז חוצפה. ער וועט אים הייסן אַרעסטירן און אים הייסן אַריינזעצן אין אַן אונטערערדישן קעלער אויף אַזוי לאַנג ביז זיין חוצפה וועט ביי אים פאַרגיין און ביז ער וועט אים נישט צוריקברענגען זיין סאַנטשאָ. ער וועט צונויפזאַמלען מענטשן און פערד, און וועט די מוסולמענער אומגעריכט אָנגרייפן, וועט זיך דורכרייסן דורך זייערע ליניעס. דאָך האָט ער געוווּסט, אַז אַזעלכע פּלענער זענען שטות, ער מוז פירן שלום־אונטערהאַנדלונגען און טאַקע דורך דעם דאָזיקן דאָן אפרים. אָבער ניין, ניין און נאָכאַמאָל ניין! ער וועט נאָך ראַדריגען און דעם יידן באַווייזן, אַז אַלפאָנסאָ לעבט! עס וואָלט אַלץ גוט געווען. ווען נישט ער, אַלפאָנסאָ, וואָלט געווען הער פארשפּילטער. דעריבער איז דער ייד גערעכט. ער איז נישט קיין נאַר און נישט קיין פאַרברעכער. ער מוז דעלעגירן שליחים קיין סעווילִיע, כדי אויסצובעטלען א שלום. ער איז געלאָפן אהין און צוריק מיט האסטיקע טריט. בלויז אין איין מינוט, בלויז אין איין איינציקער אומענדלעכער מינוט האָט ער דריי מאָל געענדערט זיין באַשלוס.

אפרים איז געשטאַנען אין א הכנעהדיקער פּאָזע, מיט א רואיק פּנים און געשוויגן; אָבער אינערלעך האָט אין אים געברויזט. ער האָט צוגעשמידט זיין בליק צום קעניג און נאָכגעפאָלגט זיינע אַלע באַוועגונגען.

פּלוצלונג איז אַלפאָנסאָ צוגעקומען נאָענט צו אים און מיט א בייזער חוצפּהדיקער שטים געזאָגט:

— הער, דו רודף־שלומניק, צי ביסטו איינשטימיק צו פאָרן קיין סעווילִיע אויף אונטערהאַנדלונגען?

אפרים האָט פון דעם דאָזיקן לייכטזיניקן מאַן א סך דערוואַרט, סיי גוטס, סיי שלעכטס, אָבער אויף אַזא פאָרשלאָג האָט ער זיך נישט געריכט. ער האָט נישט פאַרבאָרגן זיין איבעררעאַשונג. אויס העפלעכקייט איז ער אָפּגעטראָטן עטוואָס צוריק און אינסטינקטיוו אויפגעהויבן זיין אַלטע האַנט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרטיידיקן. איידער ער האָט אָנגעהויבן רעדן האָט אים אַלפאָנסאָ אומגעריכט און פריינדלעך דערקלערט:

— איך בעט דיך, זאָג נישט גלייך ניין. צוערשט זיי דיך מישב!

זיי זענען געזעסן איינער אַנטקעגנאיבער דעם צווייטן. אפרים האָט געריבן מיט די פינגער פון איין האַנט די פלאַך פון דער צווייטער האַנט. א גאַנץ לעבן האָט ער אויסגעמיטן צו וואַרפן זיך אין די אויגן. ער האָט זיך אפילו באַמיט יהודהן אָפּצורעדן פון אַזעלכע דערהויבענע אמטן, און איצט זאָל ער אַליין איבערנעמען אַזא שליחות און שטעכן אַלעמען די אויגן. וואָס ער זאָל נישט אויפטאָן, וועט דאָס נאַרישע אומדאַנקבאַרע

טאָלעדאָ שטענדיק עס באַצייכענען אַלס פּאַראַט, און ווען דער קעניג וועט אים געבן די שליחות, וועלן טויזנטער אים מקנא זיין. פון דער צווייטער זייט, אויב עס וועט אים געלינגען צו שליסן א דויערנדיקן שלום, וועט ער זיין לאַנד און די יידן א גרויסע טובה טאָן. אפרים, דער קאַלטער בעל־חשבון, איז געווען אויפגערעגט און צעטומלט. מיט זיין גאַנץ ווען האָט ער זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון דער דאָזיקער שליחות. דער „ניין" איז אים געלעגן אויף דער צונג, אָבער ווען ער האָט זיך דערמאָנט וועגן יהודהן האָט ער געהאַלטן פאַר זיין חוב צו זאָגן „יאָ".

— דער קאַליף האָט נישט ליב קיין יידן — האָט ער זיך ענדלעך אָנגערופן.

— ער ליבט אויך די קריסטן נישט זייער שטאַרק — האָט אַלפאָנסאָ געזאָגט.

— די אונטערהאַנדלונגען וועלן נישט זיין קיין לייכטע — האָט אפרים געזאָגט — און איך בין שוין אַלט און קראַנק.

דער קעניג האָט זיך גובר געווען.

— נישט צוליב דיין אַלטקייט — האָט ער געזאָגט — און נישט צוליב דיין קראַנקהייט זאָגסטו מיר ניין. דו שרעקסט דיך פאַר מיר, ווייל איך בין צו פאַרעקשנט און צו שטאָלץ. אָבער איצט בין איך עס נישט מער, איך האָב איינגעזען, אז א מאַן, וועלכער איז געשלאָגן געוואָרן, ווי איך, טאָר לאַנג נישט אָפּשלעפּן און טאָר זיך לאַנג נישט דינגען. איך וועל דיר נישט שטערן. איך וועל דיר געבן ברייטע פולמאַכטן. איך בין גרייט אַ הויכע מלחמה־אַנטשעדיקונג צו באַצאָלן דעם עמיר פון סעווילייע און אויך א יערלעכן שטייער דעם קאַליף — האָט ער מיט צאָרן פאַרענדיקט.

אפרים האָט פאַרזיכטיק, ווי דרך־אגב אָפּגעענטפערט:

— איך גלויב, אַז דיינע שליחים וועלן וועגן די דאָזיקע פראַגן קאָנען קומען צו א פאַרשטענדעניש, איך האָב אָבער געוואָלט וויסן, הער קעניג, וואָס טראַכטסטו וועגן דעם וויכטיקסטן פונקט, וועגן דויער פון וואָפנשטילשטאַנד? איך גלויב נישט, אַז דער קאַליף וועט איינגיין אויף א שלום קנאַפּער פון צוועלף יאָר. ביסטו גרייט אונטערצושרייבן אַזאַ אָפּמאַך? צי האָסטו אים בדעה צו האַלטן?

ווידער איז דער קעניג גרייט געווען זיך אָנצוצינדן. דו, ייד, האָסט אויף זיך גענומען די ראָל פון א ווידוי־פאָטער? דאָך האָט ביי אים דער שכל־הישר ווידער געזיגט. אַמאָל, בעת ער האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך

מיט סעווילינע און אונטערגעשריבן די ווערטער (In octo annos *) האָט ער די ערשטע צייט דערויף געקוקט, ווי אויף טינט געשמירט אויף פּאַרמעט. אָבער די דאָזיקע דריי ווערטער האָבן דעם קאַליף אין זיין לאַנד אַריינגעבראַכט און זיינע קאַלאַטראַווא־ריטער געפּטרט. דאַן אפרים איז געקומען, וואָס ער דערמאָנט אים, אז אויב ער וועט איצט שליסן שלום אויף צוועלף יאָר, דאַרף באמת צוועלף לאַנגע יאָר נישט זיין קיין מלחמה.

— איך זע — האָט אלפאָנסאָ געזאָגט ווייך און ביטער — אַז דו ביסט שוין פון לאַנג באַקאַנט מיטן קאַליפס שטעלונג.

אפרים האָט מורא געהאַט פאר עפּעס ערגערס. ער האָט מיט א לייכט געמיט אָפּגעענטפערט:

— אַזוי וואָלט געטאַן יעדער איינער, וועמען די געזעלשאַפטלעכע ענינים זענען נאָנט צום האַרצן.

אַלפאָנסאָ האָט געשוויגן, גלייך ער וואָלט געהאַט שלעכטע געדאַנקען אין קאָפּ. אפרים האָט אים איינגערעדט:

— א לאַנגער שלום וועט פאר דיר נוצלעכער זיין, ווי פאַר די מוסולמענער. ווען דו וואָלסט אַפילו שטאַרק געוואָרן, קאָנסטו אַזוי שנעל קיין גרויסע מלחמה נישט פירן. דו דאַרפסט צייט, דאָס גאַנצע פּאַרוויסטע קריסטלעכע שפּאַניע באַדאַרף צייט, כדי צו זיך צו קומען.

— צוועלף יאָר — האָט אַלפאָנסאָ געזאָגט. — דו פאַרלאַנגסט צופיל, אַלטער מאַן.

— איך בעט דיך, הער קעניג, שיק מיך נישט קיין סעווילינע — האָט ער געענטפערט ערנסט, קאַטעגאָריש.

— איך גיב דיר די צוועלף יאָר — האָט אלפאָנסאָ געזאָגט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, ווידער געלאָפן אהין און צוריק.

— איך פאַרלאַנג — האָט ער געזאָגט — דו זאָלסט ווי צומשנעלסטן אָפּפאָרן קיין סעווילינע. גיב מיר צו וויסן אין וועלכע פולמאַכטן דו ביי־טיקסט זיך, און קלייב דיר צו באַגלייטער.

— היות דו באַפעלסט — האָט אפרים געזאָגט — וועל איך אין דער דעלעגאַציע אנטיילנעמען אלס פינאַנס־ראטגעבער אָדער סעקרעטאַר. אין דער שפּיץ פון דער דעלעגאַציע דאַרף שטיין איינער פון דיינע גראַנדן. אין קעגנפאַל וועלן די מוסולמענער פון אָנהייב אן זיין אויפ־געגרעגט.

---

*) אין אַכט יאָר (לאַטיין).

— אין דער דעלעגאַציע — האָט אלפאָנסאָ געזאָגט — זאָלן זיין צוויי פון מיינע באַראָנען, אָדער אפשר דריי. אָבער פולמאכטן וועסטו בלויז האָבן.

אפרים האָט זיך טיף פאַרנייגט.

— איך וועל מיט גאָטס הילף פרוון —האָט ער געזאָגט — דיר צו ברענגען פון דאָרט נישט קיין צו שלעכטן שלום. — און ער האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין.

אָבער אלפאָנסאָ האָט אים נאָך נישט אָפגעלאָזט. ער האָט געזאָגט לאַנגזאַם:

— עס איז דאָ נאָך איין זאַך, וועגן וועלכער איך וואָלט זיך געוואָלט מיט דיר מישב זיין, דאָן אפרים. דאָס פאַרמעגן, וואָס איז פאַרבליבן נאָכן טויט פון מיין פריינד און עסקריוואנא, דאָן יהודה, דאַרף זיין גאַנץ באַטרעפלעך. איך גלויב נישט, אַז ער האָט איבערגעלאָזט אַזעלכע קרובים, וואָס האָבן דאָס רעכט צו פאָדערן זיין ירושה, אפשר ווייסטו פון אַזעלכע?

דאָן אפרים האָט פאַרזיכטיק אָפגעענטפערט:

— עס איז געווען אין סאראגאָסע איינער מיטן נאָמען דאָן יוסף איבן עזרא, א קוזין פון דאָן יהודה, זכר צדיק לברכה. לויט אונדזער געזעץ און אונדזער מנהג האָט ער דאָס רעכט אויף א צענט חלק ירושה. איך וואָלט דיין קעניגלעכן מאיעסטעט געראטן דעם דאָזיקן חלק אים איבערלאָזן. ער וועט דיר ברענגען גרויס נוצן אין פאַל, ווען עס וועלן זיין שוועריקייטן ביי די אויסלענדישע פירמעס, מיט וועלכע דאָן יהודה איז געווען פאַרבונדן אין דער גאַרער וועלט.

— זאָל זיין אַזוי, ווי דו שלאָגסט פאָר — האָט אלפאָנסאָ געזאָגט. — איך האָב אויך געהאַט בדעה א טייל פון זיין ירושה אַוועקגעבן דער אלאכאמא פון טאָלעדאָ.

— דו ביסט זייער גרויסמוטיק, הער קעניג — האָט דאָן אפרים געזאָגט. — אָבער צי איז דיר באַקאַנט, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן זייער גרויסע סכומים? נאָכן אַרציבישאָף פון טאָלעדאָ איז דאָן יהודה געווען דער רייכסטער מאן אין דיין לאַנד.

— וואָס שייך זיין פאַרמעגן — האָט דער קעניג געזאָגט עטוואָס צעטומלט — וועל איך איבערגעבן דעם באַאַמטן פון מיינע קרוין־אוצרות, ער זאָל דערמיט פאַרוואַלטן ביז דער הויפט־יורש, דאָניא ראקעלס זון, וועט נישט געפונען ווערן.

איבעריקנס — האָט ער פאַרענדיקט אָן שום צוזאַמענהאַנג — זענען

דאָ דאָקומענטן, וואָס גיבן דעם דאָזיקן ראקעלס זון אַלע רעכט און דעם טיטל פון אלמעדא־גראפשאפט. דאָן יהודה אַליין האָט זיי צוגעגרייט.

— עס איז דיין רעכט, הער קעניג — האָט אפרים געענטפערט — דאָן יהודהס ירושה צונעמען פאַר דיינע קרוין־אוצרות. דאָס איז דיין זאַך און קיינער קאָן דיר נישט מאַכן קיין פאָרוואורפן.

אלפאָנסאָ האָט פלוצלונג שטרענג, עטוואָס הייזעריק א זאָג געטאָן:

— מיין טויטער פריינד יהודה איז תמיד געווען מיט דיר צוזאַמען און געוויס וויסטו א סך. איך וויל אין דיר, אלטער מאַן, נישט אַריינדרינגען און דיך פרעגן אויף וויפל דו וויסט. אָבער דער געדאַנק, אַז מיין זון געפינט זיך צווישן אייך און איך וויס נישט וווּ, קאָסט מיר א סך געזונט. דאָס מוזסטו פאַרשטיין. צי ווילסטו מיר נישט העלפן?

ער האָט זיך געבעטן צארט, מיט רחמים. דאָס האָט אויף אַפרימען געווירקט און אויך באַאומרואיקט. עס איז געווען א געפערלעכע אויפגאַבע, וואָס זיין טויטער פריינד און שונא האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. ער האָט געזאָגט:

— קיינער ווייסט נישט, הער קעניג, און קיינער קאָן נישט דערגיין, אויב דאָן יהודה האָט אַליין פאַרבאַהאַלטן זיין אייניקל. אויב דאָס איז טאַקע אַזוי, האָט ער אזא מין דעליקאטע זאַך געוויס אָנפארטרויט איין איינציקן זיכערן מאַן, וואָס קאָן האַלטן א סוד.

אלפאָנסאָ האָט זיך געשפּירט נידערגעשלאָגן און נישטיק. אָבער קעגן זיין ווילן האָט ער אים נישט אָפּגעלאָזט און געזאָגט:

— איך גלויב דיר און גלויב דיר נישט. איך האָב מורא, אַז אויב איר ווייסט עפּעס, וועט איר מיר אויך נישט זאָגן. איך בין זיך פאַר דיר מודה, אַז עס נאָגט מיר אין האַרצן, וואָס מיין זון וועט אויסוואַקסן צווישן אייך און וועט איבערנעמען אייערע מנהגים. איך דאַרף אייך דערפאַר פיינט האָבן און א סך מאָל האָס איך אייך.

— נאָכאַמאָל פרעג איך דיך, הער קעניג — האָט ער געזאָגט — צי ווילסטו, אַז א מאַן, וועגן וועלכן דו טראַכסט אַזוי שלעכט, צי ווילסטו אים באמת שיקן קיין סעווילִיע, כדי ער זאָל דאָרט פאַרטיידיקן דיינע ענינים און די אינטערעסן פון דיין לאַנד?

— איך האָב א סך מאָל געהאַט אומצוטרוי צו דאָן יהודהן — האָט דער קעניג געזאָגט — און דאָך האָב איך געוווּסט, אַז ער איז מיינער אַ פריינד. דו ביסט אַלט, האָסט רגילות, קענסט זיך אויף מענטשן און

קאָנסט דיך אָריענטירן. איך וויל, אַז דו זאָלסט פאַרן פאַר מיר קיין סעווילִיע. איך ווייס, אַז איך האָב נישט קיין בעסערן צו שיקן.

אין אפרימען האָט זיך דערוועקט מיטלייד, געמישט מיט צופרידנקייט.

— עס וועט אפשר קומען א צייט — האָט ער געזאָגט — און עס וועט זיך צו דיר מעלדן דער אָדער יענער אַלס דיין פארשוווּנדענער זון. איך ראָט דיר, הער קעניג, זאָלסט דערפון נישט מאַכן קיין וועזן. דאָס וועלן געוויס אויסנוצן שווינדלער. לאָז עס איבער פאר אונדז, מיר זאָלן עס אויספאָרשן און איך פאַרשווער דיר, אַז צו אַלע דיינע האגות, וואָס דו האָסט, פאַרשאַף דיר נישט נאָך איינע. בארואיק דיך, דאָן אלפאָנסאָ, דו האָסט געראָטענע טעכטער, איידעלע אינפאַנטינען, וועלכע וועלן אַמאָל ווערן גרויסע קעניגינס. דיינע אייניקלעך וועלן זיצן אויף שפּאַנישע טראָנען און מיט גאָטס הילף וועלן זיי פאַראייניקן די לענדער פונעם האַלב־אינדזל.

און ער האָט פאַרענדיקט מיט פאַרנעפּלטע ווערטער, אָבער דער קעניג האָט אים פאַרשטאַנען.

— דאָן יהודה איבן עזרא איז טויט, זיין זון און זיין טאָכטער זענען טויט. אויב עס איז עמעץ געבליבן פון זיין אָפּשטאַם, איז עס דאָס דאָזיקע אייניקל. און דאָן יהודה האָט זיך פון איסלאַם צוריקגעקערט צום גלויבן פון זיינע אבות, און דאָס איז זיין צוואה.

אַלפאָנסאָ איז געווען צופרידן און צוגעגעבן א גרויסע באַדייטונג דאָס וואָס ער האָט די אונטערהאַנדלונגען וועגן א שלום־אָפּמאַך אין דער נישט־פאַרענדיקטער מלחמה אָנפאַרטרויט דעם ייד, דעם סוחר, דאָן אפרימען. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין צווייפלהאַפטער ריטערישקייט, האָט זיך צעשיידט מיט בערטראַנען, האָט באַזייטיקט זיין פאַרגאַנגענהייט, זיין יוגנט. ער האָט דערויף נישט חרטה געהאַט, אָבער דערשפּירט ווי אַ פוסטקייט וואָלט אַנגעפילט זיין גוף.

אויפן וועג, ווו ער האָט געשפּרייזט, האָבן אים נישט געלאָקט קיין שום סודותפולע זייטיקע שטעגן, ער האָט נישט געפירט צו קיין שום בלויע, שימערירנדיקע ווייטקייטן, ער האָט געפירט פּראָסט פּשוט צו אַ געוויסן דרייסטן ציל. אָבער אַז ער איז שוין אויף דעם וועג אַרויף, האָט ער באַשלאָסן צו גיין ביזן סוף. ער וועט אויף זיך אַליין קייטן אָנבינדן, כדי דער ביטערער שלום, וואָס ער נעמט אויף זיך, זאָל נישט געשטעלט ווערן אונטער אַ געפאַר דורך זיסע און העלדישע אַוואַנטורעס.

אַ גאַנצע נאַכט איז ער נישט געשלאָפן. ער האָט געוויגן און אָפּגע־וואָרפן, אויף דאָסניי געוויגן, באַשלאָסן און אָפּגעוואָרפן.

און ענדלעך באַשלאָסן.

ער דערקלערט ראָדריגען מיט אַ לייכטן שמייכל, אַז ער האָט בדעה די באַפרייטע עפּיסקאָפּאַטן פון אווילאַ, סעגאָוויאַ, סיגוענצאַ ווידער באַזעצן, און אים, ראָדריגען, וויל ער איבערגעבן דעם עפּיסקאָפּאַט פון סיגוענצאַ.

— ווילסטו פון דיין שטרענגן בעל־יועץ פּטור ווערן? — האָט ראָדרי־גע מיט אומווילקער שטיינונג געפרעגט.

אַלפאָנסאָ האָט שטאַרקער געשמייכלט און אויף די שטריכן פון זיין פּנים האָט זיך ווי פריער אָפּגעשפּיגלט זיין אויפגעלעבטער יוגנטלעכער רייץ און שטיפערישקייט.

— דאָס דאָזיקע מאָל ביזטו מיך אומזיסט חושד, הויכגעשעצטער פּאַ־טער. נישט פּטור ווערן וויל איך פון דיר, נאָר ענגער זיך מיט דיר פאַר־בינדן. אָבער אַזוי ווי מיר איז באַוווסט, דערלויבן נישט די קירך־געזעצן אַ קאַנאָניק צו ווערן אַרציבישאָף פון טאָלעדאָ...

שטורמיש און ווידערשפּרוכלעך זענען געפלויגן ראָדריגעס געדאַנקען. אַלפאָנסאָ וויל אים באַשטימען אַלס פּרימאַס פון שפּאַניע! ער קאָן זיין אַ גוטער בעל־יועץ, אָבער פון אזא דערהויבונג האָט דער באַשיידענער מאַן קיינמאָל נישט געטרוימט. איצט האָט ער זיך שטאַרק געוווּנדערט, וואָס דאָן מארטין האָט זיך דערפאַר געשראָקן. פון איצט אָן וועט ער נישט בלויז עצות געבן, נאָר ער וועט האָבן אַ דעה אין די רייכסטע לאַנד־הכנסות און מען וועט זיך רעכענען מיט זיין וואָגיק וואָרט אין די ענינים פון מלחמה און שלום. דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים צעטומלט. דאָס, וואָס איז אים איצט צוגעפאַלן איז ברכה, חסד און גלייכצייטיק אַ שווערע לאַסט.

אַלפאָנסאָ, זעענדיק ראָדריגעס צעטומלט פּנים, האָט האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט צו אים געזאָגט:

— אויף אַ פּאָר חדשים וועט דיר אויסקומען צו גיין קיין סיגוענצאַ און איך וועל דיך נישט קאָנען זען. דער היילקער פּאָטער איז אַ שווערער סוחר. נישט אַזוי לייכט וועט מיר אָנקומען אַרויסצוקריגן פאַר דיר דעם פּאַליוס (בישאָף־מאַנטל). אָבער איך וועל מיך לאָזן קאָסטן און האָף, אַז איך וועל אים ענדלעך באַקומען. איך וועל דיך מאַכן פאַרן צווייטן מאַן אין דער מלוכה — האָט ער צוגעגעבן מיט יינגלשער עקשנות — דו האָסט מיר די שפּאַנישע צייט־רעכענונג אָפּגעשאַפט, אָבער איך וויל דיך האָבן פאַרן פּרימאַס פון שפּאַניע.

מוסא איז געווען שטאַרק פאַרדאגהט, ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז ראָדריגע פאָרט אַוועק קיין סיגוענצא. ווי זאָל ער, מוסא, דער מוסולמענער, וואָס איז פאַרהאַסט פון אַ סך שונאים, פאַרבלייבן אין טאָלעדאָ אָן דער שוץ פונעם קאַנאָניק? איצט וועט ער זיך דאָ פילן ווי אַ ציטווייליקער, פאַרבייגייענדיקער גאַסט, אָן שום פריינד, איינזאַם, ווי ער איז שוין נישט איינמאָל געווען אין לעבן. פוסט און וויסט איז פאַר אים געלעגן דער לעצטער שטח פון זיין לעבנס־וועג.

דער קלוגער מוסאַ, דער מענטשן־קענער, נישט געקוקט אויף זיין צער, האָט נישט פאַרגעסן אין דער גינסטיקער ענדערונג אין קאַנאָניקס לעבן און האָט געפונען אַ פאָר וואַרעמע ווערטער אויסצודריקן זיין פרייד.

— די פילפאכיקע עניבים פון דיין נייעם אַמט — האָט מוסא געזאָגט — וועלן שנעל פון דיר אַוועקנעמען די טרויעריקע איבערלעבונגען פון די לעצטע חדשים. דו וועסט אָננעמען באַשלוסן, טאָן זאַכן, וואָס באַוועגן מיט מענטשלעכע גורלות. און די דאָזיקע אַרבעט — האָט ער געזאָגט מיט ברען — האָף איך, וועט דיר צוגעבן חשק ווידער אָנצוהייבן דיין כראָניק. יאָ, מיין הויכגעשעצטער פריינד — האָט ער מיט אַ פאַרטראַכטער מינע פאַרענדיקט — ווער עס מאַכט געשיכטע, דער ווערט געשטעלט פאַר אַ נסיון זי צו באַשרייבן.

און באמת, קוים האָט אים דער קעניג פאָרגעלייגט דאָס אַרציבישאָפטום, ווי אין ראָדריגעס קאָפ זענען אַנטשטאַנען די נסיונות, וועגן וועלכע מוסא האָט גערעדט. דאָ נישט לאַנג האָט זיך אַלפאָנסאָ פאַרבונדן מיטן מיושבדיקן ראַטגעבער דאָן אפרים. איצט האָט ער, אויס אייגענעם פאַרלאַנג, זיך געמאַכט אָפּהענגיק פון אים, ראָדריגען, דעם נישט־ריטערלעכן רודף־שלומניק. בלויז דער אַלפאָנסאָ, וואָס האָט זיך אינערלעך געענדערט, האָט געקאָנט נעמען אויף זיך אַזאַ דאָפלטע לאַסט. דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין האָט אַנטוויקלט אין ראָדריגעס האַרץ אַ נייעם לייכטן שפּראָצל פון מוט, פון האָפענונג און אַ גליקלעכן פאָרגעפיל, אַז אויף צו להכעיס זיינע אומעטיקע חקירות, איז אין די שוידערלעכע געשעענישן פונעם לעצטן יאָר דאָך געווען אַ זין. אָבער ער אַליין וויל זיך מער נישט לאָזן פאַרפירן פון די דאָזיקע געפילן. ער וויל זיך מער נישט דערלויבן צו ווידמען דעם קלאָרן געדאַנקענגאַנג, ווייל ער וויל נישט איבערלעבן קיין צווייטע אַנטוישונג.

ראָדריגע האָט היציק געענטפערט מוסאן:

— איך טראַכט אפילו נישט אָנצוהויבן ווידער מיין כראָניק. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז איך האָב מיין גאַנצן מאַטעריאַל פאַרברענט.

— דיין אַקאַדעמיע קאָן דיר אין אַ קורצער צייט נייע מאַטעריאַלן ליפערן — האָט מוסאַ געלאָסן געזאָגט. — אויך מיינע מאַטעריאַלן קאָנען דיר אַ סך נוצן ברענגען. איך קאָן דיר זיי צונויפזאַמלען. פאַרשטייט זיך — האָט ער פאָרגעזעצט מיט אַן אומעטיק געזיכט — אַז לייכט וועט נישט אָנקומען מיט דיר זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג. ווער ווייסט אין וועלכן ערד־ווינקל איך וועל זיך מוזן פאַרבאָרגן, ווען איך וועל פאַרלירן דיין שוץ.

צוערשט האָט אים ראָדריגע נישט פאַרשטאַנען. אָבער גלייך האָט ער זיך געכאַפּט און געזאָגט:

— וואָס האָסטו דען געמיינט? זעלבסטפאַרשטענדלעך, דו פאָרסט מיט מיר קיין סיגועצאַ.

מוסאַ האָט אויפגעלעבט. זיין מוסולמענישע העפלעכקייט האָט געפאָדערט, אַז ער זאָל זיך צוערשט אָפּזאָגן.

— צי וועל איך נישט — האָט ער געזאָגט — אין דיין בישאָף־פּאַלאַץ פון סיגועצאַ אויסזען פרעמד? די אַלע וואָס לעבן אונטער דיין ביי־שאָף־שטעקן, וועלן זיך וווּנדערן, וואָס דו האָסט אַריינגעלאָזט אין דיין שטוב אַ באַשניטענעם.

— זאָלן זיי טראַכטן, וואָס זיי ווילן — האָט ראָדריגע קורץ און צאָרנדיק געענטפערט.

מיט אַ ברייטן, פריילעכן שמייכל אויף זיין העסלעך פנים, האָט מוסא פאָרגעזעצט:

—איך מוז דיר אויך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז איצט וועלן זיך אָנהייבן דיינע אמתע ליבע־צרות מיט מיר. פון איצט אָן און ווייטער וועל איך דיך נישט לאָזן רוען, ביז דו וועסט זיך ווידער נישט נעמען צו דיין כראָניק.

שוין איצט, אין טאָלעדאָ, האָט ער ביי זיין פריינד גערייצט דעם אַפּעטיט און כסדר אַנטוויקלט געשיכטלעך־פילאָזאָפישע דעבאַטן. ער איז געשטאַנען נעבן זיין שרייבטיש, עפּעס געקריצט און געזאָגט פון איבער דער פּלייצע:

— עס איז נישט קיין פשוטער צופאַל, וואָס מיר, מוסולמענער, האָבן זיך געמוזט ווידער אָפּזאָגן פון טאָלעדאָ, נאָכדעם ווי זי איז שוין געווען כמעט אין אונדזערע הענט. אונדזער צייט, די גרויסע צייט פון אונדזער מאַכט איז ליידער פאַרביי, און די אינערלעכע רייסענישן, וואָס שטערן די קאַליפן צו פאַרענדיקן זייער זיג, וועלן זיך כסדר איבערחזרן. דאָס

איז אַזוי זיכער, ווי די מאַטעמאַטישע געזעצן פונעם אַלכּאַרעזמי. די וועלט־מלוכה פון די מוסולמענער, ווי מעכטיק זי זאָל נישט אויסזען, איז שוין צו אַלט. זי ברעכט זיך.

מוסא האָט דערוואַרט דעם ענטפער, וואָס ער האָט באַקומען פון ראַדריגען.

— ווי אַזוי קאָנסטו זאָגן, אַז אייער צייט איז פאַרביי? איר האָט דאָך געזיגט! אונדזער אַרמיי איז פאַרניכטעט, אייערע גרענעצן ציען זיך כּמעט ביי טאָלעדאָ, אונדזער שטאָלצער דאָן אַלפאָנסאָ צאָלט אייך קאָנ־טריבוציע. — ער האָט זיך צעהיצט. — די הערשאַפט פון די מוסולמע־נער, זאָגסטו, גייט אונטער! די גרויסע צייטן פון די מוסולמענער זענען פאַרביי! דריי מאָל אין דעם דאָזיקן יאָרהונדערט זענען מיר אויף אייך אָנגעפאַלן מיט גרויסע אַרמיי־מחנות, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזוינע נישט געזען, פינף הונדערט מאָל טויזנט קריסטלעכע ריטער זענען אין די דאָזיקע קרייץ־צוגן אומגעקומען און טויזנט מאָל טויזנט סתם קריסט־לעכע מענטשן האָבן אין דער היים באַקומען דעם טויט פון עפּידע־מיעס און נויט. און די הייליקע שטאָט געפינט זיך נאָך אַלץ אין אייער באַזיץ, פונקט ווי מיט הונדערט יאָר צוריק. און דו באַקלאָגסט זיך, אַז אייער קעניגרייך גייט אונטער!

— דו מאַכסט זיך פאַר אַ קלענערן חכם, ווי דו ביסט אין דער ווירק־לעכקייט, מיין הויכגעשעצטער פריינד — האָט מוסא העפלעך אָפּגע־ענטפערט. — דו טראָגסט צונויף די געשיכטע פון עטלעכע צענדליק יאָרן אָדער פון איין יאָרהונדערט אין געשלאָסענע ראַמען. אָבער מיר, דו און איך, מיר ווילן דאָך נישט באַשרייבן בלויז דעם היינט און אַ ביסל פון נעכטן, מיר טראַכטן דאָך אויפצופאַסן דעם זין פון די געשעענישן, כּדי זיך פאָרצושטעלן די צוקונפט, ווי אמתע שליחים פון גאָט. עס שטעלט זיך ליידער אַרויס, אַז אייערע קרייץ־צוגן זענען נישט געווען דורכויס מפּלה. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָס איר האָט אין לעצטן יאָרהונדערט דעראָבערט, האָט נישט אויסגעקויפט אייערע גרויסע קרבּ־נות, דערפאַר אָבער האָט איר אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט אַ סך גע־וווּנען, און ווי דו ווייסט פונקט ווי איך, איז נישט אָפּצושאַצן אייערע פּאָליטישע און וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען. מיר האָבן אייך פּראָסט און פּשוט אַרומגעפירט אין אונדזערע פאַבריקן, מיר האָבן אייך באַוויזן, ווי מיר דערציען אונדזער יוגנט, ווי מיר פירן אָן מיט אונדזערע שטעט, ווי מיר משפּטן. אין זענט געווען גוטע תּלמידים און טוט גוט נאָך דאָס

אַלץ, וואָס ביי אונדז איז גוט. איר האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אין היינטיקן יאָרהונדערט איז מען נישט אַזוי שטאַרק אַנגעוויזן אויף ריטער, ווי אויף וויסנשאַפֿטלער און פּאַכקענער, אויף בוי־מייסטער, אויף וואָפֿנשמידן, אויף אינזשיניערן, אויף אַלע מינים האַנטווערקעריי און אויף געלערנטע לאַנדווירטן. און איר זענט יונג, איר זענט אין אויפֿשטייג, באַלד וועט איר אונדז דעריאָגן און איבעריאָגן. איר האָט פֿינף הונדערט מאָל טויזנט ריטער פֿאַרלוירן, אָבער נישט איר זענט די באַזיגטע.

ער האָט געשטאַרקט זיין שוואַכע שטים. געקוקט אויף זיין פֿריינד מיט זיינע שטילע, קלוגע, עטוואָס שפּאָסיקע אויגן. ראָדריגע האָט גע־שוויגן. ער האָט זיך געפֿילט באַזיגט, אָבער ער איז געווען צופֿרידן.

אַזעלכע און ענלעכע געשפּרעכן פֿירן די ביידע מענער, אָבער מערק־ווירדיק, וואָס אין זייערע וויכוחים האָט ראָדריגע געגלויבט אינעם טריומף פֿון די אומגלויביקע, בעת מוסא האָט געצווייפֿלט אינעם ענד־גילטיקן נצחון פֿון די מוסולמענער.

וואָס לענגער ראָדריגע האָט זיך אַריינגעטראַכט אין זיין פֿריינדס אַרגומענטן, אַלץ קלאָרער זענען זיי אים געוואָרן, אַלץ מער האָפֿענונג האָבן זיי אים געגעבן. ער האָט זיך געפֿילט יונג און באַנייט. עס האָט אים מער נישט געקוועלט דער זאַץ פֿון אַפּאָסטאָל פּאַולוס צו די קאָרינטער, אַז גאָטס נאַרישקייט האָט מער מאַכט, ווי די חכמה פֿון די חכמים. איצט האָט אין אים טריומפֿירט אַן אַנדער וואָרט פֿונעם אַפּאָסטאָל:

„דאָס אַלטע איז אַוועק, קוק ווי אַלץ איז ניי געוואָרן".

אַנשטאָט דעם בלינדן התלהבותדיקן גלויבן, איז איצט אין אים אַנטשטאַנען אַ געפֿיל פֿון וויסן, אַ מער וואָגיק געפֿיל: אין אַלע וועלט־געשעענישן איז דאָ אַ לאָגישער זין. דאָס דאָזיקע געפֿיל האָט ער נאָך פֿאָרלויפֿיק נישט געקאָנט אויפֿקלערן אין לאָגישע זאַצן. ער איז געווען ווייט פֿון קלאָרקייט. עס איז פֿאַר אים געווען גענוג צו וויסן דעם זין פֿון די וועלט־געשעענישן אויף אַזויפֿיל אויף וויפֿל דער הייליקער אויגוסטין האָט געוווסט וועגן צייט־באַגריף.

„ווען דו פֿרעגסט מיך נישט, ווייס איך עס: ווען דו פֿרעגסט מיך, ווייס איך עס נישט".

וואָס ווייטער אַלץ מער האָבן מוסאס ווערטער געווירקט אויף ראָד־ריגען, און וואָס ווייטער אַלץ מער האָט זיך אים געגלוסט צו ווערן גאָטס שליח און אויספֿירן די קלוגע וועגן פֿון די געשעענישן.

און דאָך האָט ער זיך נישט געיאָגט אָנצוהייבן זיין כראָניק. אַ נייער געדאַנק האָט אים דערפון אָפּגעהאַלטן.

— איך האָב מורא — האָט ער דערקלערט זיין פריינד — אַז מיטן דאָזיקן ווערק בין איך אַזוי שטאַרק נישט אויסן דינען גאָט, ווי עס לאָקט מיך דער שריפטשטעלערישער כבוד.

אויף מוסאס פנים האָט זיך באַוויזן א כיטרע מינע. ער האָט אַרויסגעשלעפּט א בוך „דאָס לעבן פון הייליקן אויגוסטין" און פאָרגעליי־ענט ראָדריגען וועגן דעם, וואָס פּאָסידיוס, א תלמיד פונעם הייליקן, האָט פארצייכנט איבער זיינע לעצטע טעג. אויגוסטין איז דעמלט געווען אר־ציבישאָף פון דער שטאָט היפּאָ, א באַלאַגערטע דורך די וואַנדאַלן. פון זיין פּאַלאַץ האָט ער געזען, ווי דאָס קאַרטאַגישע לאַנד ברענט. ער איז אַלט געווען זעקס און זיבעציק יאָר, ער איז געווען זייער שוואַך און האָט געשפּירט, אַז ער וועט אינגיכן שטאַרבן. ער האָט געדאגהט פאַר דער באַלאַגערטער שטאָט און פאַר דער גאַנצער פּראָווינץ, וואָס איז געווען פאַרפלייצט פון שונא. גלייכצייטיק האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעלייענט זיינע צאָלרייכע ביכער, האָט קאָרעגירט און געענדערט. ער האָט געוואָלט, אַז פון אַלע זיינע ווערק זאָל אין דער ביבליאָטעק פון היפּאָ אַריינגע־טראָגן ווערן כאָטש איין עקזעמפּליאַר, וואָס זאָל זיין פריי פון פעלערן. חוץ דעם האָט ער זיך באַמיט צו פאַרענדיקן נאָך איין בוך, כדי אָפּצולייקענען די שיטה פון יוליאַן, דעם אַפּיקורס.

„אויגוסטין, דער הייליקסטער פון אַלע בישאָפן — האָט געמאָלדן פּאָסידיוס — איז געשטאָרבן דעם פינפטן טאָג פון סעפּטעמבער חודש. נאָך אויף זיין טויטן־בעט האָט ער זיך באַמיט אָפּצוווערן דעם אָנגריף פון די וואַנדאַלן און געאַרבעט איבער זיין גרויס ווערק קעגן דעם אַפּיקורס יוליאַן"

מוסא האָט אַרויסגעקוקט פון זיין בוך און מיט א כיטרער מינע א פרעג געטאָן:

— — ווילסטו הייליקער זיין, מיין הויכגעשעצטער פריינד, פון דעם הייליקן אויגוסטין? הער זיך צו צו דיין אייגן האַרץ און באַמי דיך אויסצופאָרשן, צי דיינע ספקות שמעקן נישט מיט פרומער גאווה?

אין דעם זעלבן אָוונט האָט ראָדריגע צוגעגרייט א דיקן פּאַק ווייס, טייער פּאַפּיר און פּאַוואַליע, גרינטלעך האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן:

— עס הייבט זיך אָן די געשיכטע פון שפּאַניע.

Incipit chronicon rerum Hispanurm

מוסא האָט אָבער געטראַכט, שמייכלענדיק:

— עס איז נישטאָ קיין גרעסערע קרענק, ווי די קרענק פון שריי־בעריי.

דער שלום, וואָס אפרים האָט געבראַכט אַהיים איז געווען א סך א בעסערער, ווי מען האָט דערוואַרט. דאָך האָט ער נישט געקאָנט דערגרייכן, און אפשר האָט ער עס נישט געוואָלט דערגרייכן, אַז דער דויער פון וואָפנשטילשטאַנד זאָל זיין ווייניקער פון צוועלף יאָר.

נאָכדעם ווי דאָן אַלפאָנסאָ האָט אויסגעהערט אפרימס אויספירלעכן באַריכט, האָט ער געזאָגט:

— איך ווייס, אַז איך דאַרף דיר דאנקבאַר זיין און איך בין עס. איך וועל צונויפרופן מיינע גראַנדן, זיי זאָלן זיין עדות, ווי דו וועסט מיר צו־ריקגעבן די הענטשקע פון דער אויסגעפירטער אויפגאַבע.

אפרים איז געווען קעגן דעם, טענהנדיק:

— איך גלויב נישט, אַז איך זאָל זיך האָבן פאַרדינט אזא כבוד. חוץ דעם, וועט עס מיר אין דער אלאַכאַמאַ פון טאָלעדאָ פאַרשאַפן א סך קנאה און ווייניק פריינד.

אלפאָנסאָ האָט תיכף אוועקגעשטעלט אפרימען א שאלה, צי איז לויט זיין מיינונג באמת נייטיק גאַנצע צוועלף יאָר אויף אויפשטעלן די ווירט־שאַפט פון לאַנד.

אפרים האָט געפילט, אז אלפאָנסאָ איז אומצופרידן. ער האָט דעם דאָזיקן מאַן פּאַרויס און גרינטלעך געוואָרנט, אַז ער מוז אינערלעך גרייט זיין אויף א לאַנגן שלום. איידער אפרים האָט נאָך אָנגענומען די דאָזיקע אומאָנגענעמע אויפגאַבע, האָט ער זי אָפּהענגיק געמאַכט פון דעם שלום־באַדינג, און קוים האָט ער דעם דאָזיקן אָפּמאַך געשלאָסן, ווי אַל־פאָנסאָ טראַכט אים שוין צו ברעכן. אפרים האָט געענטפערט:

— דער צושטאַנד פון דיין מלוכה איז אַזאַ, אז דו וועסט געוויס מוזן פאַרלענגערן דעם וואָפנשטילשטאַנד מער ווי אויף צוועלף יאָר. איך וועל שוין נישט דערלעבן דיין נייעם פעלד־צוג, און דו וועסט שוין אויך נישט זיין יונג, ווען דו וועסט אים אָנהייבן.

היות דאָן אלפאָנסאָ איז געשטאַנען אָנגעבלאָזן און געשוויגן, האָט אפרים פאַרגעזעצט:

— נעם דיר אריין אין זינען, הער קעניג. דאָן יהודה האָט פאַר דיר א נוצלעכע אַרבעט געטאָן. ער האָט אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען, וועלכע

האַלטן אָן אפילו נאָך דיין מפּלה. ער האָט דיין קאַסטיליע געגעבן די גרעסטע פאַרבינדונגס־מעגלעכקייטן מיט דער גאָרער וועלט. ער האָט דיר קרעדיט דערוואָרבן. אָבער ווען דו ווילסט ציען דערפון נוצן, דאַן מוזטו דיך האַלטן ביי זיין גרונט־פּלאַן, וואָס איז באַזירט אויף שלום. טראַכט נישט אין די נאָענטסטע יאָרן וועגן דיינע ריטער און באַראָנען, וועלכע קאָנען בלויז דאָס לאַנד אָרעם מאַכן. טראַכט וועגן דיינע בירגער און פּויערים, טראַכט וועגן דיינע שטעט, זיי גיב פּריווילעגיעס, זיי גיב *) Fueros שטאַרק זיי קעגן די גראַנדן.

אַלפאָנסאָ האָט אויסגעהערט אויפמערקזאַם, אָבער עס האָט אים נישט געשמעקט. זיין וועלט איז די וועלט פון ריטער. דער אמת פון א קעניג איז גאַנץ אַנדערש, ווי דער אמת פון אן אַלטן ייד, פון א באַנקיר. אַל־פאָנסאָס פילאָזאָפיע זענען בערטראַנס לידער. אין דער הינזיכט איז דער דאָזיקער אפרים קענטיק גערעכט. ווען אַלפאָנסאָ טראַכט אין צוועלף יאָר אַרום פירן א דערפאָלגרייכע מלחמה, מוז ער שוין איצט אָנהייבן צערט־לען די ברייטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג. ער מוז דעם בירגער, דעם פּויער, דעם פּראָסטאַק געבן אן אָרט אין זיין ראַט, און דעם ריטער באַ־שטראָפן, ווען ער שלאָגט זיינע פּויערים, אָדער ווען ער נעמט מיט וואָפן אַוועק ביים בירגער זיין פאַרמעג. עס וועט זיין א וויסטע, לאַנגווייליקע וועלט. און ווי טרויעריק וועט אויסקוקן זיין קאַסטיליע, איבער וועלכער עס וועט אים אויסקומען צו געוועלטיקן!

אפרים האָט אים געשילדערט דעם טרויעריקן מצב פון זיין ווירט־שאַפט. די אַרבעט אין די שאַכטן האָט זיך אָפּגעשטעלט, די טוך־וואַר־שטאַטן, וועלכע יהודה האָט דערפירט צום בליענדיקן מצב, זענען צעבראָכן און צעשטאָכן, די שאָף־סטאַדעס אַוועקגעטריבן, די פּי־צוכט, די הויפּט־הכנסה פונעם לאַנד, איז איצט פולשטענדיק פאַרוואָרלאָזט. דער קאַסטילי־שער מאַראַוועדי איז אַנטווערטעט. מען מוז צאָלן זעקס קאַסטילישע פאַר איין אַראַגאָנישן מאַראַוועדי. כדי די לאַנדווירטשאַפט און האַנטווערקעריי זאָל אינגאַנצן נישט אונטערגיין, מוז מען מאַכן שטייער־הנחות און גאַ־ראַנטירן זיי נייע רעכט. ער האָט געבראַכט פאַרשידענע פּרטים. ער האָט פאָרגעשלאָגן ווו מען דאַרף פאַרקלענערן די צינזן און שטייערן און ווו מען דאַרף זיי אינגאַנצן בטל מאַכן. ער האָט געבראַכט ציפערן, אַלץ נייע און נייע ציפערן.

---

*) מוניציפּאַלע פּריווילעגיעס (שפּאַניש).

ווען דאָן יהודה האָט אַמאָל דאָס זעלבע גערעדט, האָט זיך אַלפאָנסאָ געלאָזט אויף א קורצער צייט פון אים פאַרפלאָנטערן. אָפטמאָל האָבן בײַ אים ארויסגערופן עקל די טרוקענע געשעפטן, וואָס פאסן נישט פאַר קיין קעניג, עס פלעגט אים אויסקומען יהודהן גראָב אָפּצוענטפערן. אָבער הגם אפרים האָט איצט גערעדט נישט אַזוי שיין און פיין ווי יהודה, האָט זיך דאָן אַלפאָנסאָ שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט זיינע ציפערן, זיי זענען אין אים אַריינגעדרונגען, ס'איז אים געפעלן געוואָרן די פינקטלעכקייט, מיט וועלכער דער ייד האָט גערעכנט. אלפאָנסאָן האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן אין דעם אַלעם, אָבער דאָך איז ער געווען צופרידן. מען טאָר די אויגן נישט פאַרמאַכן אויף דער נייער עקלדיקער צייט, מען מוז זיין ביכטער. א סך מענטשן פאר אים האָבן זיך געמוזט אַזוי נוהג זיין. זייער גרויסע און מעכטיקע לייט, ווי למשל דער קעניג הענריק און ער, אלפאָנסאָ, האָבן טייער באַצאָלט פאר זייער בלינדקייט.

— א גליק איז, פאר דיין לאַנד, הער קעניג — האָט אפרים אויסגעפירט — וואָס דו האָסט דעמלט דערלויבט יהודהן אַריינצוברענגען אין דיין לאַנד זעקס טויזנט יידישע פליטים פון פראנקרייך. מיט די דאָזיקע פעיקע מענער קאָנסטו פאַרבייטן א סך ספעציאַליסטן, וועלכע זענען געהרגעט אָדער אַנדערש פאַרשוווּנדן געוואָרן. דו מוזט אויסדריקן אַנרקענונג פאר דאָן יהודהן, זכר צדיק לברכה, אַז ער...

דער קעניג האָט אים איבערגעריסן אין מיטן פון זיינע רייד:

— איך האָב דיך שוין אַמאָל אויפגעפאָדערט זאָלסט אָנפירן מיט מיינע פינאַנסן. אָבער דו האָסט אָפּגעזאָגט. דו ביסט וואַרשיינלעך געווען גערעכט. עס איז דעמלט געווען קנאַפּ אַרבעט און איך האָב עס אַרויפגעלייגט אויף די פּלייצעס פון מיינע ראַטגעבער. איצט איז אפשר ארבעט נאָך קנאַפּער, אָבער איך בין בינו־לבינו קליגער געוואָרן, דו האָסט עס אפשר באַמערקט. איך בעט דיך אַלזאָ א צווייט מאָל צו ווערן מיין אַל־פאַקים אָדער בעסער, מיין אַלפאַקים מאַיאָר *)

אפרים האָט זיך געריכט אויף אַזאַ פאַרשלאַג, און זיך דערפאר גע־שראָקן. ער האָט זיך געוועהרט מיט זיין גאַנצן האַרצן. עס זענען אים געווען דערווידער עפנטלעכע אמטן. ער איז געווען אַלט און ער האָט געוואָלט די לעצטע טעג, וואָס זענען אים נאָך פאַרבליבן צום לעבן פאַרברענגען ביי זיך אין שטוב, ביי א וואַרעמען אויוון, נישט וואַרפן זיך אין די אויגן

*) העכסטער ראַטגעבער (אַראַביש).

און רואיק אָטעמען. זיין גאַנצע אומצופרידנקייט און שנאה צו אלפאָנסאָן האָט זיך אין אים דערוועקט. דער דאָזיקער מאַן האָט דעם גרעסטן טייל פון די דריי טויזנט זעלנער, וואָס די אַלאַכאמא האָט אים געשטעלט, צום טויט געיאָגט צוליב זיין לייכטזיניקער, ריטערלעכער אוואַנטורע. ער האָט ביי זיין טרייען דינער עזרא אַוועקגערויבט זיין טאָכטער, זיין זון און אים אליין נישט געראַטעוועט אין נויט. און וויל ער אים, אפרימען, אין זיין וואָגן איינשפּאַנען און אים טרייבן אויפן משופּעדיקן צרותדיקן וועג, וואָס איז אַנטשטאַנען פאַר אים.

— דו באַציִסט זיך דאָך מיט כבוד צו מיר — האָט ער געזאָגט — די אונטערהאַנדלונגען אין סעווילִיע האָבן מיך דערשיטערט. די ענינים פון דער אלאכאמא וואַרטן אויף מיר. איך בין זייער אַלט. באַפריי מיך דערפון, הער קעניג.

— איך וויל א יידן האָבן פאַר אַן אלפאקים — האָט אלפאָנסאָ געזאָגט קינדעריש מיט אַן אָנגעבלאָזענער מינע.

די ווערטער זענען געווען אומבאַטראַכט, אומגעלומפּערט, אָבער עס האָט אין זיי געקלונגען די העפלעכקייט פונעם פריערדיקן אַלפאָנסאָ. מיט איין בליק האָט אפרים אַריינגעדרונגען אין אַלפאָנסאָס האַרץ. ער האָט פאַרשטאַנען, אז אלפאָנסאָ וויל איצט אויסקויפן זיין חטא לגבי דעם טויטן יהודה און מיט אַלע כוחות צו גיין אויף דעם וועג, וואָס זיין עסקריוואַנאָ האָט אָנגעצייכנט. מיט א געוויסן ציטער אין האַרצן האָט אלפאָנסאָ איצט געזוכט א נייעם דאָן יהודה. אויב אפרים וועט איבערנע־מען דעם פאַרגעלייגטן אמט און פאַרזעצן יהודהס אַרבעט — וועט עס הייסן באַוווּסטזיניק פאַרקירצן זיך דאָס לעבן.

עס זענען אַרויפגעשווומען אפרימען אויפן זכרון יהודהס גלאַנצנדיקע, דורכדרינגלעכע אָפּשפּאָטערישע אויגן, ער האָט געהערט זיין בייגעוודיקע, אָנגענעם־קלינגענדיקע שטים. ער האָט זיך דערמאָנט זייער לעצטן צוזאַמענ־טרעף. עס מוז זיך געפינען איינער, וואָס זאָל נעמען די אויסגעשטרעקטע גראָבע, אומריינע האַנט פונעם קריסטלעכן קעניג און מיט טרחה אים שלע־פּן אויפן שמאָלן, שטרענגן וועג פון שלום.

אפרים, טוליענדיק זיך אין זיינע פּילצאָליקע קליידער, האָט באמת אויסגעזען זייער אַלט און שטאַרק צעבראָכן. ער האָט גערעדט און יעדעס וואָרט איז אים קוים אַרויס פון האַלדז.

— דו באַפעלסט, הער קעניג, וועל איך פּרווון ברענגען אין אָרדנונג די ענינים פון דיין לאַנד.

— איך דאַנק דיר — האָט אַלפּאָנסאָ געזאָגט. — אָבער איך וויל מיט דיר זיך אַדורכשמועסן וועגן נאָך אַן ענין. דאָן אפרים בר אבא, איך האָב מיין טויטן עסקריוואַנאָ נישט תמיד ארויסגעוויזן די געהעריקע דאַנקבאַר־קייט, וואָס ער האָט זיך פאַרדינט און נישט אזוי ווי מיין זיידע איז זיך באַגאַנגען מיט זיין איבן עזרא. איך האָב גרויס צער דערפון, וואָס מען האָט די טויטע נישט ארויסגעוויזן דעם געהעריקן כבוד און זיי באַגראָבן אויף דער שענל, ווי אַרעמעלייט. איך האָב אַ סך מאָל געטראַכט אויף מיין אופן עס צודערלייזידיקן לויט זייער שטאַנד. אָבער איך האָב מיך איבערגעלייגט, אַז עס וועט זיין בעסער, ווען איר וועט מיין טויטן עסקריוואַנאָ מקבר זיין אויף אייער שטייגער, אָפּגעבנדיק אים דעם געהעריקן כבוד. דאָס זעלבע וועט איר מאַכן מיט זיין טאָכטער ראַקעל, וועלכע איז מיר געווען זייער נאָענט. צו איך געהערן זיי ביידע, ביז צו דער לעצטער מינוט האָבן זיי צו אייך געהערט. און איך וועל דיר זייער דאַנקבאַר זיין, ווען דו וועסט זיי מקבר זיין, ווי אַזוי זיי האָבן זיך עס געווונטשן.

— דו האָסט פון פאַרויס געטראָפן, הער קעניג, דאָס וואָס איך האָב דיך געוואָלט בעטן — האָט אפרים געזאָגט. — איך וועל וועגן דעם אַלעם זאָרגן. אָבער דערלויב מיר, מיט דיין חסד, אָפּצולייגן אויף אַ קורצער צייט זייער קבורה, כדי די אַלע מענטשן, וואָס ווילן באַערן דעם כבוד פון יהודה איבן עזרא, זאָלן זיך באַצייטנס דערוויסן.

באַלד נאָכן אָפּשליסן דעם שלום, האָט דאָניא בערענגאַריאַ געבוירן אַ ייִנגל. דער דאָזיקער קינפטיקער קעניג פון אַראַגאָן און קאַסטיליע איז געטויפט געוואָרן אונטערן נאָמען פערנאַן, די טויפונג איז געפּייערט געוואָרן מיט דער גרעסטער פּאָמפּע. אַלע פינף קריסטלעכע הערשער פונעם האַלב־אינדזל האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין סאַראַגאָסע אָנטייל צו נעמען אין דער צערעמאָניע.

אויפן באַנקעט זענען אויף דערהויבענע שטולן זייט ביי זייט געזעסן אַלפאָנסאָ און לעאָנאָר. דאָניא לעאָנאָר איז געווען, ווי געוויינלעך, שיין, ווייבלעך, העפלעך און שטאָלץ, און ווי די קורטואַזיע האָט געפאָדערט, האָט זי זיך מיט איר מאַן אויסגעטוישט מיט העפלעכע ווערטער.

אַלפאָנסאָ האָט זיך אין דעם טאָג געדאַרפט פילן אַלס קעניג פון אַלע קעניגן, אָפּשאַצנדיק זיין ווערט און זיין בכבודיק אָרט. ערשט מיט אַ יאָר צוריק איז זיין לאַנד געווען אונטערן וואָפן פונעם שונא און אַליין איז ער

געווען איינגעשלאָסן אין זיין הויפּטשטאָט. ווי בייז ער איז דעמאָלט געווען פאַר חרפּה, ווען ער האָט געטראַכט וועגן ריטשארדן פון ענגלאַנד. ער, ריטשארד, האָט דעמלט באמת באַקומען אַ שם אַלס מילעס קריסטיאַנוס (קריסטלעכער זעלנער), דער מלך ריק, וואָס האָט אָנגעטריבן אַ פּחד אויף די מוסולמענער. ער האָט געשטורעמט די פעסטונג עכו, האָט אין אַן אָפענער שלאַכט רומפול באַזיגט דעם סולטאַן סאלאדין. אָבער וואָס איז געווען די פּעולה? די אומגעהויערע פאַרלוסטן פון די קרייצלער־ארמייען זענען געווען כמעט אומזיסט, אַ קלאָגעדיקער וואָפנשטילשטאַנד איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן, די הייליקע שטאָט איז ווי פריער אין די הענט פון די אומגלויביקע, און ריטשארד אַליין, אָפּגעריסן פון זיינע בני־ברית, איז הילפלאָז געזעסן אין איינער פון די עסטרייכישע תפיסות. ער אָבער, אַלפאָנסאָ, געוועלטיקט דאָ ווי דער מעכטיקער קעניג אויפן האַלב־אינדזל, און זיין אייניקל וואָס איז היינט געטויפט געוואָרן, דער קרעפטיקער, קליינער פערגאַן, וועט באַשטימט פאַראייניקן אראגאַן און קאַסטיליע, און גאַנץ מעגלעך, אַז ער וועט זיך קרוינען מיטן נאָמען קייזער, ווי איינער פון זיינע אבות, אַלפאָנסאָ דער זיבעטער.

צווישן דעם גלאַנץ און אויפבלי איז אין אַלפאָנסאָס האַרץ געוואַקסן אַ פוסטקייט. ער האָט געקוקט אויף דאָניא לעאָנאָר און געזען איר איינזאַמקייט. ער האָט געזען זיין טאָכטער בערענגאַריא, און האָט געזען אין אירע אויגן, אין אירע גרויסע, גרינע מוטער־אויגן די ווילדע גאווה, דעם הונגער נאָך מאַכט און כבוד. ער איז געווען זיכער, אַז אויף איר מאַן קוקט זי ווי אויף אַ טיפּש, וואָס האָט נאָך אַלפאָנסאָס מפּלה נישט געשטרעבט צו דער איבערהערשאַפט אויפן האַלב־אינדזל. ער איז געווען זיכער, אַז איצט לעבט זי מיט איר גאַנצער נשמה בלויז מיט איר קליינעם זון, מיט דעם קינפּטיקן קייזער פערגאַן און צו אים, צו איר פאָטער, שפּירט זי גלייכגילט. ער שטייט אויפן וועג פון איר זון און פון איר גאווה. ער האָט צוליב זיין לייזנשאַפט זיך קעניגלעכן חוב פאַרנאַכלעסיקט, ער האָט דאָס לאַנד, וואָס געהערט צו איר און צו איר זון איינמאָל כמעט פאַרלוירן, און וועט עס מעגלעך פולשטענדיק פאַרשפּילן, איידער נאָך איר קליינער פערגאַן וועט אָנטאָן די קייזערלעכע קרוין.

די אדל־קינדער, וועלכע האָבן דעם קעניג פאַרגעלייגט שפּייז, ווייַן און סערוועטקעס, זענען געשטאַנען און געוואַרט. ער האָט זיי נישט געזען. ער האָט פּלוצלונג דערשפּירט, ווי איינזאַם ער איז צווישן די פינף טויזנט

מאָל טויזנט קאַסטיליער, וואָס פאַרערן אים. ער האָט געקוקט פאָרויס, זייער אַן איינזאַמער, אין אַ פוסטער וועלט.

דאָן ראָדריגע האָט מיט עגמת־נפש באַמערקט, ווי פון הינטער זיין גלייכגילטיקער, פריינדלעכער, קעניגלעכער מאסקע, קוקט אַלפאָנסאָ העפּטיק, שטאָלץ פאָרויס און טראַכט. עס האָט זיך אין אים דערוועקט אַ געפיל פון רחמנות צו אַלפאָנסאָן און גלייכצייטיק די ווילדע נייגעריקייט פון אַ כראָניקער. ער האָט שטודירט אַלפאָנסאָן מיט זאַכלעכער רואיקייט. אַלפאָנסאָ איז באמת געווען אַ Memoria tenax ,intelectu corax vultu vivax*) אַלפאָנסאָ האָט גוט פאַרציכנט די געשעעענישן אין זיין זכרון, ער האָט זיי אויפגעכאַפּט מיט זיין שאַרפן פאַרשטאַנד, זיי זענען אין אים פעסט איינגעקריצט און זיי שפיגלען זיך איצט אָפּ אויף זיין פּנים. יאָ, אויף אַלפאָנסאָס פּנים זענען אויסגעקריצט זיינע דערפאַרונגען, זיינע ווילדע ליידנשאַפטן, זיינע שווער שטורמישע נצחונות, זיינע ביטערע מפּלות. טיף געקריטשעט איז זיין שטערן, שטאַרק געדונצלט די באַקן. זיין פּנים איז די כראָניק פון זיין לעבן. דורך זיין פּנים פון אַ פערציקיאָריקן קוקט שוין אַרויס דאָס געזיכט פון אַ זקן, וואָס ער וועט נאָך אַמאָל זיין.

אויפן צפון פון לאַנד, נעבן דער גרענעץ פון נאַוואַרע, אויפן געביט פונעם באַראָן דע האַראָ, האָט געלעבט אַ נזיר, וועלכער האָט געפירט אַ שטרענג גייסטיק לעבן. ער האָט געלעבט אין אַ מערה, הויך אויף אַ באַרג־שיפּוע פון דער סיעראַ דע נעילאַ. עס איז פּשוט אַ נס, ווי אַזוי ער האָט דאָרט געלעבט. ער איז געווען בלינד. בישט אַנדערש, אַז ער איז געשטאַנען אונטער אַן אויסערגעוויינלעכער שוץ פון דער השגחה: גאָט האָט געשיצט זיינע פיס פאַרן אָפּגרונט און אים אָפּגעהיט פון ווילדע חיות, וועלף האָבן זיך געלייגט נעבן זיינע פיס און אים געלעקט די הענט.

בעלי־תשובה פלעגן קומען צו אים, מיטברענגענדיק שפּייז פאַר זיין קאַרגן געברויך. זיי פלעגן אים בעטן, ער זאָל אויף זיי אַרויפלייגן זיינע הענט, וואָרעם ברכה האָבן אויסגעטיילט זיינע הענט, צורירנדיק זיך צו עמעצנס פּנים, האָט ער תיכף אָנגעטאַפּט, צי יענער איז אַ בעל־עבירה און ווי וויט גאָטס מחילה קאָן צו אים דערגרייכן.

און דער רום פונעם נזיר און פון זיינע מעשים טובים האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד.

---

*) פעסטער זכרון, פעיקער אינטעלעקט, לעבעדיק אויסזען (לאַטיין).

דער נזיר איז געווען יענער דיעגא, וועמען אַלפּאָנסאָ האָט געהייסן אויסשטעכן די אויגן, ווייל ער איז געשלאָפן אויף זיין פּאָסטן בעת אַל־פּאָנסאָס ערשטער זיגרייכער שלאַכט ביי אלארקאָס.

די באַראָנען דע האַרא, אויף וועמענס געביט דיעגא האָט זיך געפונען, זענען געווען האַרטנעקיקע וואסאלן, נישט געווען שווה־בשווה מיט אַלפּאָנ־סאָן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אדאנק די וויסטע געשעענישן פונעם לעצטן יאָר, איז טאָלעדאָ געוואָרן א זינדיקע שטאָט און האָבן אויפגעפּאָדערט דיעגאָן, ער זאָל אהינגיין. דער באַזוך פונעם הייליקן וועט וועקן די גע־וויסנס פון די טאָלעדער. חוץ דעם האָבן די דע־האַראס געהאָפט, אַז דורך דער אָנוועזנהייט פונעם הייליקן אין דער הויפּטשטאָט, וועלן זיי דערמיט פאַרשאַפן דעם קעניג עגמת־נפש.

גאַנץ טאָלעדאָ האָט געשטראָמט אָנצוקוקן דעם גאָטס־געבענטשטן מאַן און אים אָפּגעבן כבוד. שפּעטער האָבן די מענטשן אָנגעהויבן אויס־צודריקן זייער פאַרלאַנג, דער קעניג זאָל זיך מיט אים באַגעגענען, כדי צו געניסן פון זיינע וווּנדערלעכע מעשים. פריער, ווען אַלפּאָנסאָ פלעגט שטראַלנדיק פון פרייד רייטן איבער די גאַסן זייט ביי זייט מיט זיין שיי־נער רחל, האָט דאָס פאָלק אָנטיילגענומען אין זיין האַרציקער פאַרוווּר־טער תאווה, זיי האָבן אויך געקוואָלן, געיובלט און דער טאָג, ווען זיי פלעגן אים מיט איר באַגעגענען איז געווען אויך דער טאָג פון זייער יום־טוב. אָבער ווען זיי האָבן איצט באַגעגנט אלפאָנסאָן, האָבן זיי צו אים דער־שפּירט אַן אומגעהויער רחמנות שרעק און אימה פאַרן באַשטראָפן, כאָרן געשטעמפּלטן. זיי האָבן געווונטשן, ער זאָל זיך אָפּרייניקן פון זיינע חטאים, מיט דער הילף פון הייליקן נזיר.

דאָן ראָדריגע האָט געזען, אַז אינעם גאַנצן טאַראַראַם, וואָס מען מאַכט אַרום דיעגאָן, שטעקט פינצטערניש און אַבערגלויבן. ער האָט אויך אָנ־געטאַפּט די שלעכטע כוונות פון די דע־האַראס, און געראָטן דעם קעניג נישט לייגן קיין שום אכט אויף דיעגאָן.

אים, אלפאָנסאָן, האָט דער דאָזיקער מאַן צו פאַרדאַנקען זיין בלינד־קייט. גרויס איז געווען זיין חרפּה, ווען ער האָט דערפון געטראַכט. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט רחלען מיט צופרידנקייט דערציילט, ווי ער האָט אים בלינד געמאַכט און זיין שפּרוך פון זעלנער־פליכט. ער האָט זיך אויך דערמאָנט, ווי רחלס פריילעך פּנים איז פאַרשלאָסן געוואָרן, און ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען פאַרוואָס.

ער האָט געזען מיט וואָסער שוידער די מענטשן קוקן אויף אים, ער האָט פאַרשטאַנען זייער פאַרלאַנג, ער זאָל זיך צעגייפטרעפן מיטן הייליקן. עס האָט זיך אויך אין אים דערוועקט א נייגיר צו וויסן, וואָס פון דעם דיעגאָ איז געוואָרן. צי האָט באמת ער, אלפאָנסאָ, נישט ווּיסנדיק און נישט ווילנדיק אים געמאַכט פאַר א הייליקן?

ווען דער בלינדער איז פאַר אים געשטאַנען, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז געווען דער זעלבער דיעגאָ פון אַמאָל. יענער דיעגאָ איז געווען א פעסטער יונג, שטאָלץ און פאַררייסן, עטוואָס ענלעך צו דע־קאַסט־ראָ. צי איז עס טאַקע דער זעלבער דיעגאָ, וועלכן ער האָט געהייסן אויס־שטעכן די אויגן? אַלפאָנסאָ איז געווען צעטומלט. ער האָט בּאַדויערט, וואָס ער האָט דעם מאַן גערופן. ער האָט נישט געוווּסט וואָס אים צו זאָגן. און יענער האָט אויך געשוויגן. ענדלעך, האָט ער ווילנדיק נישט ווילנדיק צו אים מיט שפּאַס א זאָג געטאָן:

— קענטיק, אַז דער שפּרוך, וואָס איך האָב דיר אַזוי פעסט אַריינגע־האַקט אין קאָפּ, איז געווען נישט קיין שלעכטער?

— ווער ביסטו? — האָט דער בלינדער געפרעגט.

אַלפאָנסאָ האָט אין גרויס פאַרלעגנהייט געשטויגט. צי האָט מען דעם מענטשן נישט געזאָגט צו וועמען מען פירט אים? און אפשר האָט ער עס גאָרנישט געוואָלט וויסן?

— איך, בין דער קעניג — האָט אלפאָנסאָ געזאָגט.

— איך האָב דיין שטים נישט דערקענט — האָט דער בלינדער גע־זאָגט שטיל און רואיק. — דו ווייזט גאָרנישט אַרויס אַזויגס, אַז איך זאָל דיך דערקענען.

— צי האָב איך דעמלט, דיעגאָ, אומגערעכטיק געהאַנדלט? — האָט אלפאָנסאָ געפרעגט.

— דאָס האָט דיך גאָט געהייסן טאָן, וואָס דו האָסט געטאָן — האָט דער בלינדער רואיק געענטפערט — אָבער דער שלאָף, וואָס איז אויף מיר דעמלט אַנגעפאַלן, איז אויך געקומען פון גאָט. אַלאַרקאָס איז געווען א האַרטער נסיון פאַר דיר, נישט ווייניקער ווי פאַר מיר. דאָס האָט דיך יענער נצחון ביי אַלאַרקאָס פאַרפירט, און דו האָסט דיך געלאָזן אין א צווייטער משוגענער שלאַכט. מיר האָבן מיינע יסורים צום סוף געבראַכט מזל־ברכה. איך האָב געפונען דעם שלום. — און אַן שום צוזאַמענהאַנג האָט ער פאַרגעזעצט:

— איך האָב געהערט, אַז אַלאַרקאָס עקזיסטירט שוין נישט מער.

איצט האָט אַלפאָנסאָ באַמערקט, אַז אונטער דער שוץ פון זיין הייליקייט, האָט ער איבער אים חוזק געמאַכט. אָבער די ווערטער זענען אַרויסגעגאַנגען אויסטערליש גלייכגילטיק פונעם בלינדנס ליפּן, פּונקט ווי זיי וואָלטן אַרויס פון א דריטער פּערזאָן, וועלכער האָט זיי ביידן באַטראַכט פון א ווייטער הויכקייט און זענען נישט געווען באַשטימט צו פאַרשאַפן אים עגמת־נפש.

— איך האָב גאָט געבעטן — האָט דיעגאָ געזאָגט — אַז דאָס אומגליק זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין א ברכה, הער קעניג. לאָז אויף דיר אַ קוק טאָן — האָט ער פאַרלאַנגט, אויסשטרעקנדיק צו אים זיינע הענט.

אַלפאָנסאָ האָט פאַרשטאַנען, וואָס דער בלינדער פאַרלאַנגט. ער איז צו אים צוגעגאַנגען נאָענט, און דער בלינדער האָט באַטאַפּט זיין פּנים. דער קעניג האָט געשפּירט א ווידערווילן בעת דער בלינדער האָט מיט זיינע קנאָכיקע הענט געטאַפּט און געדריקט זיין שטערן, זיינע באַקן. אַלץ אין דעם דאָזיקן מאַן האָט ביי אים אַרויסגערופן עקל: זיין אויסזען, זיינע רייד, זיין אָטעם. עס איז אים באמת אויסגעקומען אויסצושטיין א נסיון. צי איז דער מאַן נישט א פאַקוסניק, א יאַריד־קלאָון?

— זיי געטרייסט — האָט דיעגאָ געזאָגט — גאָט האָט דיר געגעבן כוחות מיט הכנעה צו וואַרטן. „ווער עס פאַלט נישט, דער שטייט נישט אויף”. עס וועט דיר אפשר אויסקומען לאַנג צו וואַרטן, אָבער דו ביסט גענוג שטאַרק.

אַלפאָנסאָ האָט אים באַגלייט ביז צו דער טיר, און אים איבערגעגעבן אין די הענט פון די, וואָס האָבן אים געבראַכט.

עס איז געקומען דער טאָג, ווען מען האָט אויסגעגראָבן יהודה איבן עזרא און זיין טאָכטער, כדי זיי אַריבערטראָגן אויפן יידישן בית־עלמין, אין דער יודעריא. עס איז געווען א טאָג אָנהייב הארבסט, עס האָט געבלאָזן א וואַרעמער ווינט. דער שטאָט־פעלדז פון טאָלעדאָ איז געווען איינגעהילט אין א שווערן טונקעלן, שוואַרץ־גרינעם נעפּל.

זיי האָבן יהודהן און רחלען איינגעהילט אין ווייסע תכריכים. מען האָט זיי אַריינגעלייגט אין פשוטע ארונות, לויטן יידישן מנהג. מען האָט דאָרט אַריינגעלייגט פּעטע, שוואַרצע ערד, פון ציון. אויף ציונס ערד איז געלעגן דער קאָפּ פון יהודה איבן עזרא, וואָס האָט געשאַפן און געטראַכט

פֿאַר דער גרויסקייט און כּבֿוד פֿון זיין פֿאָלק, און דער קאָפּ פֿון רחלען, וואָס האָט געטרוימט פֿון משיחן.

אַלע יידישע קהילות פֿון שפּאַניע האָבן געשיקט זייערע פֿאָרשטייער. אויך פֿון פּראָוואַנס און פֿון פֿראַנקרייך זענען אַ סך געקומען. אַפֿילו פֿון דייטשלאַנד.

אכט אָנגעזעענסטע מענטשן פֿון דער טאָלעדאָ־אַלאַכאַמאַ האָבן אויפֿגעהויבן די ארונות אויף זייערע פּלייצעס און געשפּרייזט איבער די שטעגן פֿון דער גאַליאַנאַ, באַשאָטן מיט שטיינדלעך, צווישן ביימער און בייטן ביז צום הויפּט־טויער. דאָרט ווו עס איז געווען די אויפֿשריפֿט „אַלאַפֿיאַ, זיי באַגריסט" זענען שוין געשטאַנען אַנדערע, גרייט איבערצונעמען די ארונות. זיי האָבן געטראָגן אַ קליינעם שטח און אַנדערע טרעגער האָבן שוין ווידער געוואַרט. ווייל גרויס איז געווען די צאָל, וואָס האָבן געוואָלט האָבן דעם כּבֿוד צו טראָגן די טויטע ביז צום קבֿר.

פֿון אַקסל צו אַקסל האָבן זיך געצויגן די ארונות לענגאויס דעם הייסן וועג צום אַלקאַנטאַראַ, דער בריק, וואָס האָט געפֿירט דורכן טאַכאָ־טייך.

אַ קורצן שטח האָט אויך דער יונגער בנימין געטראָגן איינעם פֿון די ביידע ארונות, דעם צווייטן, דעם ארון פֿון רחלען. לייכט איז געווען די משׂא, אָבער דער יונגער מענטש האָט קוים געשלעפּט זיינע פֿיס. אַ שווערער טעמפּער ווייטיק האָט באַהערשט זיין גאַנץ וועזן.

ער באַמיט זיך מיט געדאַנקען צו פֿאַריאָגן זיין פּיין. ער טראַכט וועגן די זעקס טויזנט יידישע פּליטים, וואָס יהודה, נישט געקוקט אויפֿן ווילדן ווידערשטאַנד, האָט דאָך אַריינגעבראַכט אין לאַנד, און ווי אַזוי פֿון באַלעסטיקטע אַריינדרינגלער זענען זיי געוואָרן געווונטשענע מיט־בירגער. עס איז איצט געוואָרן אַנדערש, אַ סך בעסער, ווי ער, בנימין, האָט געהאָפֿט. כּמעט נישט גלויבנדיק האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי זיין פֿעטער אפֿרים איז געשיקט געוואָרן קיין סעוויליע, ווי אַזוי ער האָט גורם געווען דעם שלום און ווי ער האָט אים באַוואָרנט מיט פֿאַרשידענע מיטלען. יהודהס ווערק איז פֿאַרבליבן, עס גייט ווייטער. און דער קעניג נישט בלויז וואָס ער פֿאַרטראָגט עס, ער פֿאָדערט עס. אָבער וויפֿל טויטן און צרות האָבן זיך געפֿאָדערט, איידער דער דאָזיקער ריטער איז געקומען צום פֿאַרשטאַנד. צי וועט דער דאָזיקער פֿאַרשטאַנד אָנהאַלטן?

אין זיין עקל צום קעניג טאָר ער זיך נישט לאָזן פֿאַרפֿירן דורך אַן אומגערעכטן אורטייל. דער קעניג האָט זיך פֿאַרענדערט. דאָס איז רחלס פֿאַרדינסט. עס האָט פּאַסירט, ווי אין יענער לעגענדע, וואָס זי האָט ליב

געהאַט צו דערציילן: דער כישוף־מאַכער האָט אַריינגעהויכט לעבן אינעם שטיק ליים, אָבער דער כישוף־מאַכער איז אַליין דערפון געשטאָרבן.

פּאַוואָליע האָט בנימין געשפּרייזט מיט רחלס לייכטער משא אויף די פּלייצעס, פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען האָט ער מיט זיינע נישט־גלייכמעסיקע טריט געשטערט די אַנדערע טרעגער.

די זעקס טויזנט יידן וועלן איצט קאָנען פירן אַ מענטשלעך לעבן. אָבער דאָס איז ווייניק, ווען מען מעסט עס מיטן אומזיניקן טויט, מיט וועלכן עס איז אין דעם לעצטן צענדליק יאָר טויזנט מאָל טויזנט אומגעקומען אין קריג. ווייניק איז אָבער דאָס, וואָס עס איז ביז איצט דערגרייכט געוואָרן: עטוואָס שלום, וואָס אפרים האָט געבראַכט און עטוואָס מער שכל, וואָס דער קעניג האָט דערוואָרבן. דאָס איז בלויז אַ שוואַכע ליכט אין אַ גרויסער נאַכט. אָבער דאָס שוואַכע נייע ליכט איז דאָ, עס לייכט. און אויב אויף אים וועט אָנפאַלן אַ פּחד, וועט דאָס שוואַכע ליכט פאַרטרייבן זיין שרעק.

ער און די, וואָס האָבן מיט אים געטראָגן, האָבן שוין געדאַרפט איבערגעבן אַנדערע די ארונות. און הגם ער האָט זיך שוין באַפרייט פון דער משא און האָט שוין נישט געדאַרפט מער גיין טריט אין טריט מיט אַנדערע, האָבן זיך זיינע פיס דאָך געשלעפּט נאָך שווערער. ער האָט אָנגעגורטלט זיינע כוחות, געגאַנגען פאָרויס און געטראַכט. ער האָט געטראַכט ביטער, מיט עקשנות, אָנגעשטרענגט: מען האָט אונדז געהייסן ביי דעם ווערק אַרבעטן, אָבער פאַרענדיקן דאָס ווערק האָט מען אונדז נישט געהייסן.

אַלפאָנסאָ האָט אַרויסגעגעבן אַ בעפעל, אַז היות טאָלעדאָ האָט שלעכט אָפּגעדאַנקט איר עסקריוואַנאָ, זאָל זי אים איצט אָפּגעבן דעם העכסטן כבוד. די מענטשן פון טאָלעדאָ האָבן גערן זיך צוגעהאָרכט צו זיין באַפעל. אַלע הייזער זענען געוואָרן באַדעקט מיט שוואַרצע טיכער, אין אַן איינפאַרביק טונקעלע מאַסע האָט זיך געצויגן דאָס פאָלק איבער די בונטע גאַסן, פאַרשטיקט איז געוואָרן דער שטאָט־ געפילדער און ס'האָט זיך געהערט אַ שווערע זשומעריי. אומעטום, אויפן גאַנצן וועג זענען געווען אויסגעשטעלט קעניגלעכע זעלנער און ווען די ארונות זענען פאַרביי, האָבן די זעלנער אַראָפּגעלאָזט די פאָנען מיטן הערב פון קאַסטיליע. מענטשן האָבן אַנטבלויזט זייערע קעפּ, אַסך האָבן געקניט, פרויען און מיידלעך האָבן הויך אויפן קול געוויינט מיט ביטערע טרערן איבערן גורל פון ראַקעל די שיינע.

די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן דורך גאַסן באַרג־אַרויף צום צענטער פון שטאָט, מען איז נישט געגאַנגען מיטן קירצערן וועג. די לוויה האָט

געמאַכט אן אומוועג דורכן מאַרק־פּלאַץ, דורכן סאָקאָדאָווער, כדי וואָס מער מענטשן זאָלן קאָנען אָפּגעבן די טויטע דעם לעצטן כבוד.

ביי אַ פענצטער, הויך אויפן שלאָס, פונוואַנען מען האָט ווייט געקאָנט זען דעם טרויער־צוג, איז געשטאַנען אַלפאָנסאָ אַליין.

ער האָט געטראַכט:

איך בין איצט קיינמאָל נישט טרויעריק, איך בין רואיק געוואָרן. איך בין פריי פון שטאַרקע ליידנשאַפטן, איך בין געוואָרן אַ בעסערער קעניג. איך דאַרף זיין צופרידן, אָבער איך בין עס נישט.

יאָ, איך וועל נאָך דערלעבן צו מיין גרויסן פעלד־צוג, און איך וועל אים אָנפירן, שטייענדיק אין דער שפּיץ פון אַ פּאַראַייניקטער שפּאַניע. אָבער אין דער מיגוט, ווען איך וועל דעם נצחון האָבן אין דער האַנט, וועל איך נישט פילן קיין הייסערע פרייד, ווי די, אז איך האָב מיין חוב דערפילט. און ווען איך וועל האָבן מיין ציל דערגרייכט, וועט אין בעסטן פאַל זיין אַ דערלייכטערונג, אָבער גליק וועט עס נישט זיין. דאָס גליק, וואָס עס איז מיר צוגעטיילט געוואָרן, ליגט הינטער מיר. מיין גליק איז געווען דאָ, איך האָב עס אין מיינע אָרעמס געהאַלטן, און עס האָט זיך צו מיר געדריקט און געטוליעט, ווייך, מיט אַ זיסער שיכרות. אָבער איך בין געווען לייכטזיניק און פון אים אַוועק. און איצט טראָגן זיי דאָרט אונטן פאַרביי דאָס גליק, וואָס איז מיר באַשטימט געווען.

צוועלף יאָר דאַרף איך וואַרטן אויף מיין פעלד־צוג. איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט וואַרטן. דאָס לעבן איז מיר אַנטרונען, ווי אַ פערד. איצט קריכט עס, ווי אַ שנעק. דאָס יאָר ציט זיך, דער טאָג ציט זיך. און איך האַלט עס אויס, הגם איך ווער נישט איינמאָל אין כעס. און ערגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט וואַרטן.

איך וועל דעם פעלד־צוג פירן מיט ישוב־הדעת. גאָרנישט וועט נישט פאַרבלייבן פון דער פריערדיקער ווילדער באַגייסטערונג. זיי וועלן שרייען אלאָר! אלאָר! פאָרויס! און איך וועל נישט מיטשרייען.

ער האָט זיך באַמיט צו טראַכטן וועגן דעם, פאַר וועמען ער וועט פירן דעם פעלד־צוג, וועגן דעם קליינעם פערנאַן. אָבער ער האָט נישט געזען קיין קלאָר בילד, קיין שום וואַרעמקייט האָט נישט אויסגעהויכט דאָס בילד פון זיין אייניקל. אַלץ וואָס עס האָט איצט אַלפאָנסאָן אַרומגערינגלט, איז געווען בלאַס, נעפּלדיק, נישטווירקלעך.

ער האָט געטראַכט:

איך בין אַלט פערציק יאָר, אָבער מיין לעבן איז שוין הינטער מיר. קיין שום זאַך איז פאַר מיר נישט ווירקלעך אַחוץ מיין פאַרגאַנגענהייט. מיין היינט ליגט אין נעפל און שטויב, ווי אַ שלאַכטפעלד בעתן קאַמף. און אויב איך וועל אַפילו אָפּהאַלטן אַ נצחון, וועט עס בלויז זיין געררויש און נעפל. יאָ , ווען איך וואָלט געקאָנט זיגן פאַר מיין זון, פאַר מיין סאַנטשאַ, פאַר מיין ליבן ממזר! אָבער ווער ווייסט, ווו וועט דאָן זיין מיין סאַנטשאַ. וואַרשיינלעך וועט ער זיין צווישן די, וועלכע האַלטן מער פון שלום, ווי פון נצחון.

בינו־לבינו איז די לוויה צוגעקומען צו איר ציל.

דריי בית־עלמינס האָבן די יידן געהאַט אין טאָלעדאָ, צוויי אויסער־האַלב די מויערן און איינעם אין דער יודעריא גופא. אויף דעם דאָזיקן בית־עלמין, וואָס איז געווען קליין און זייער אַלט, האָט מען בלויז מקבר געווען מיטגלידער פון אָנגעזעענע משפחות און דערונטער די איבן עזראס. צווישן די איבן עזראס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געפירט זייער אָפּשטאַם פון דוד המלך און איינער פון זיי איז מיט שלמה המלכס שטייער־באַאמטן אַדאָניראַם אַהער אויפן שפּאַנישן האַלב־אינדזל געקומען, ווי עס שטייט אָנגעשריבן אויף דער מצבה. צווישן די טויטע איבן עזראס ליגן אַזעלכע, וועלכע זענען נאָך אין די רוימישע צייטן געווען סוחרים. עס זע־נען דאָרט געלעגן באַנקירן, שטייער־אינקאַסענטן און אַזעלכע, וואָס האָבן געלעבט אין טאָלעדאָ אין די צייטן פון די גאָטישע קעניגן, געיאָגט און געפּלאָגט געוואָרן. עס זענען דאָרט מקבר געוואָרן אויך אַזעלכע, וואָס זע־נען ביי די מוסולמענער געווען וויזירן, גרויסע דאָקטוירים, און פּאָעטן. עס איז דאָ אויך געלעגן דער איבן עזרא, וואָס האָט דעם קאסטיליא געבויט, וואָס טראָגט ביז היינט צו טאָג זיין נאָמען, און אויך יהודהס פעטער, וועל־כער האָט פאַרן קייזער אַלפאָנסאָ איינגעהאַלטן קאַלאַטראַווא.

אויף דעם דאָזיקן בית־עלמין האָט מען געבראַכט ביידע טויטע קערפּערס.

ענג צונויפגעפּרעסט זענען געשטאַנען די אבלים. זיי זענען אַזוי גע־דיכט געשטאַנען, דערציילט דער כראָניקער, אַז מען האָט געקאָנט לויפן איבער זייערע פּלייצעס.

אויף דער קרקע פון די איבן עזראס האָט מען צוגעגרייט צוויי נייע קברים. דאָרט האָט מען אַריינגעלייגט יהודה איבן עזרא און זיין טאָכטער רחל און זיי פאַראייניקט מיט זייערע אבות.

מען האָט געוואַשן די הענט און אינדערשטיל געזאָגט די ברכות־פּסוקים.

דאָן יוסף איבן עזרא, יהודהס נאָענסטער קרוב, האָט געזאָגט קדיש וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: יתגדל ויתקדש שמיה רבא, געריימט און געלויבט זאָל זיין דיין געהויבענער נאָמען, און ענדיקט זיך: שלום הערשט אין זיינע הויכקייטן, ער זאָל געבן שלום אונדז און כל ישראל. און דער עולם האָט געענטפערט „אָמן".

אין אַלע יידישע קהילות פון שפאניע און פראנקרייך האָט מען אין משך פון דרייסיק טעג געזאָגט קדיש צום אָנדענק פון מורינו ורבינו דאָן יהודה איבן עזרא, און צום אָנדענק פון זיין טאָכטער רחל.

און אין גאַנץ קאַסטיליע, ווו נאָר עס האָבן זיך אויפגעקליבן מענטשן, אויף מערק, אין שענקען, האָבן זשאָנגלערן, טרובאַדורן געזונגען באַלאַדן וועגן אַלפאָנסאָ און זיין הייסער טראַגישער ליבע צו דער שיינער יידישקע. טיף אין פאָלק זענען אַריינגעדרונגען די דאָזיקע לידער. און סיי יום־טוב און סיי אינדערוואָכן, ביים עסן אָדער ביי דער אַרבעט אפילו אין שלאָף, האָט גאַנץ קאַסטיליע געזונגען:

„און דער קעניג, פאַרבלענדט פון ליבע, האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ יידישקע, און זי הייסט פערמאָסא. יאָ, פערמאָסא הייסט די שיינע. זי הייסט אזוי מיט רעכט און מיט איר האָט דער קעניג פאַרגעסן די קעניגין".

דאָן אַלפאָנסאָ האָט מער קיינמאָל נישט אַריבערגעטראָטן דעם גדר פון הוערטא דעל רעי (קעניגלעכער גאָרטן).

ביסלעכווייז איז דער גאָרטן באַדעקט געוואָרן מיט ווילדגראָז און די גאַליאַנאַ איז צעפאַלן. אויך די ווייסע מויער, וואָס האָט זי אַרומגעריגלט, האָט זיך צעבראָקלט. צומלענגסטן האָט זיך געהאַלטן דאָס גרויסע טויער, דורך וועלכן דע־קאַסטראָ מיט זיין באַנדע האָבן זיך אַריינגעריסן, כדי רחלען און איר פאָטער צו טויטן.

איך אַליין בין פאַר דעם דאָזיקן טויער געשטאַנען און האָב געזען די אַראַבישע אויפשריפט, מיט וועלכן די גאַליאַנאַ באַגריסט דעם גאַסט:

אלאפיא, זיי באַגריסט און געבענטשט.

נאָכוואָרט פון אויטאָר

צענדליקער יאָרן בין איך געווען פאַרנומען מיט דער געשיכטע פון יענער הדסה, וועלכער דער פּערסישער מלך אחשורוש האָט דערהויבן צו א מלכה אונטערן נאָמען אסתר. זי האָט געראַטעוועט איר פאָלק, די יידן, פון זיכערן אומקום.

דער דאָזיקער קליינער ראָמאַן אונטערן נאָמען „מגילת־אסתר", וואָס באַשרייבט די געשיכטע פון הדסהן, איז איינער פון די איינדרוקפולסטע און פּאָפּולערסטע ספרים פון תנ"ך. דער מחבר איז באַהאַוונט אין דער קונסט פון די גרויסע העברעישע און אראבישע דערציילער, ער שאַפט אויסערלעכע און אינערלעכע שפּאַנונג און פירט אַריין אין דער פאַבולע אַלץ מער און מער איבעראַשונגען. אגב, האָט ער געשריבן אין א צייט, ווען זיין פאָלק איז געראַטעוועט געוואָרן פון א גרויסער סכנה. ער האָט געליטן און געיובלט צוזאַמען מיט זיין פאָלק, און זיין הייסער פּאַטריאָטיזם דערגייט ביז היינטיקן טאָג צו די הערצער פון די לייענער.

אויף מיר, יעדנפאַלס, האָט די „מגילת־אסתר" געמאַכט א שטאַרקן איינדרוק. זי האָט אָנגערעגט א סך מענטשן און במשך פון איבער צוויי טויזנט יאָר זינט איר אַנטשטייונג, האָט נישט איינער געפּרוווט איבער־צוחזרן דעם דאָזיקן ראָמאַן, צופּאַסנדיק אים צו די געשעענישן פון זיין אייגענער צייט. טיילמאָל, ווען איך האָב שטאַרק געשפּירט די אונטער־דריקונג פון ביידע פעלקער, צו וועלכע איך געהער, האָט זיך אין מיר דער־וועקט א חשק פונדאָסניי צו דערציילן די געשיכטע פון אסתר המלכה פון שטאַנדפּונקט פון מיין וועלט.

דער עיקר רעגט אן אין דעם דאָזיקן קליינעם ראָמאַן די פּאַרשייטע קונסט פונעם אַלטן יידישן דיכטער, א קונסט, וואָס קיינער ביז אים האָט נישט געקענט. ער מאַכט זיינע אויסטראַכטענישן גלויבנסווירדיק, צו־געבנדיק זיי קאָנקרעטע זאַכלעכקייט. אויף אַזאַ אופן האָט ער זיך געשטעלט אין דער ראָל פון א מענטש, וואָס האָט באַקומען די אויפגאַבע געשיכטלעך

טרוקן צו פאַרצייכענען די געשעענישן פון פערסישן הויף. ער גיט צו זיין ראָמאַן דעם כאַראַקטער פון א הויף־כראָניק און באַהאַלט אונטערן אביעקטיוון טאָן די יידיש־נאַציאָנאַליסטישע טענדענץ פון דער דערציילונג. קיין איינציק מאָל דערמאָנט ער נישט, אַז גאָט זאָל האָבן ארויסגעוויזן חסד צו זיין אויסדערוויילט פאָלק. דאָס איז דער איינציקער ספר פון תנ״ך, ווו גאָט ווערט נישט דערמאָנט. ער גיט אויך נישט קיין שום אָפּשאַצונג איבער דעם מהות און די מעשים פון זיינע העלדן. ער לויבט נישט זיין אסתר המלכה און נישט איר אפיטרופוס מרדכי. ער זידלט אַפילו נישט דעם שונא ישראל המנען. ער פאַרלאָזט זיך אויף דעם סיפור־המעשה גרפא און האַלט, אַז די געשעענישן, וואָס ער האָט אויסגעטראכט, זענען גענוג, כדי אויפצורעגן דעם לייענער קעגן דעם יידנפיינד און אַרויסצורופן גרויס באַגייסטערונג פאַרן אָנגעווייטיקטן און טריומפירנדיקן מרדכי און זיין אסתר. דאָס געלינגט דעם דיכטער זייער גוט און, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער אַליין פאַרבאָרגט זיין פרייד, פרייט זיך דער לייענער מיטן גאַנצן האַרצן, ווען ער זעט צום סוף, ווי המן הענגט אויף דער תליה, וואָס ער אַליין האָט צוגעגרייט פאַר מרדכין.

ווען דער לייענער פאַרטראכט זיך נאָכן פאַרענדיקן די מגילה, דעמלט ערשט אַנטשטייען ביי אים ספקות. ווי אַזוי האָט געקאָנט א פּרוי, וואָס דער הערשער פון דער וועלט האָט אַוועקגעזעצט אויף זיין טראָן, אַזוי לאַנג אויסבאַהאַלטן איר נאָמען און איר אָפּשטאַם? וואָס איז עס פאַר אַ גרויסער שר, וועלכער וויל צוליב איין־איינציקן שונא אויסראָטן זיין גאַנץ פאָלק? וואָס איז עס פאַר א קעניג, וואָס היינט פאַראורטיילט ער אומבאַטראכט א גאַנץ פאָלק אויף אויסראָטן און מאָרגן קווענקלט ער זיך נישט צו הייסן אומברענגען די צאָלרייכע שונאים פון דאָזיקן פאָלק? קוים שטעלט מען זיך אַזעלכע פראגן, ווערט די זאכלעכקייט פון אויטאָר אַ מאסקע און דער גאַנצער ראָמאַן — א פיקציע.

עס האָט זיך דערוועקט אין מיר א שטאַרקער חשק א נעם צו טאָן צו דער געשיכטע פונעם אלטן דיכטער און אין איר אַריינטראָגן זין און וואַרשיינלעכקייט. איך האָב געוואָלט די האַנדלונג איבערטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, ווו די מענטשן און געשעענישן זאָלן באַקומען א תיקון און איך זאָל גלייכצייטיק באַקומען די מעגלעכקייט צו ווארפן א בליק אויפן עבר און אויף דער צוקונפט, כדי די געשעענישן, פאַרבונדענע מיט אסתרן, זאָלן אויך ווארפן א ליכט אויף די געשעענישן פון היינט.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אז די עצם־געשיכטע האָט א גרויסן

פעלער. עס איז נישטאָ קיין העלדין. אסתר איז א מאַריאָנעטקע אין דער האַנט פון איר אַפּיטראָפּוס מרדכי, וואָס ווערט דורך אים באַוועגט פון דרויסן. זי איז בלויז א רינגעלע אין דער קייט פון דער אקציע און מער גאָרנישט. די דאָזיקע פּוסטקייט אין צענטער פון דער געשעעניש האָט גורם געווען, דערצו, וואָס די אַלע, וואָס האָבן זיך טריי געהאַלטן ביים ביבלישן טעקסט, האָבן געליטן א דורכפאַל. ראַסין *) האָט פאַרשטעקט „זיין דיכטונג אין זיכערן האַפן פון פרומקייט, גרילפּאַרצער **) האָט פאַרוואָרפן זיין נישט פאַרענדיקט ווערק. איך האָב געהאַט די פולע זיכער־קייט, אַז איך וואָלט געקאָנט אין מיין אסתר אַריינגיסן לעבן, דווקא דאָס, וואָס עס פעלט ביי אסתר־המלכה. אָבער עס וואָלט מיר אויסגעקומען זייער ווייט אָפּצוטרעטן פון דער ביבלישער מעשה, וואָס איז באַקרוינט מיט א צווייטווינטיאַריקן אָרעאָל. דעריבער האָב איך זיך באַנוגנט נאָר מיט אָנוואַרפן א סקיץ פאַר א צוקונפטיק בוך.

פאַרשטייט זיך, אַז אין משך פון לאַנגע יאָרן, וואָס איך האָב זיך פאַרנומען מיט מגילת־אסתר, האָבן פאַר מיר אויפגעטויכט אַנדערע יידישע פרויען, וועלכע האָבן געשפּילט א וויכטיקע ראָל אין דער געשיכטע פון זייער פאָלק. איינע פון זיי איז, נעמלעך, ראַקעל לא פערמאָסאַ, די פריינדין פון קעניג אַלפאָנסאָ.

צוערשט האָב איך זיך וועגן איר געשיכטע דערוווסט פון גרילפּאַר־צערס דראַמע. איך האָב געליבט און ליב ווייטער די דאָזיקע פּיעסע, דעם צאַרטן שווונג פון אירע פערזן און דעם דיכטערס קענטעניש פון דער מענטשלעכער נשמה. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון וועלכער עס איז גע־שיכטלעכער אויטענטישקייט, כדי בולטער אַרויסצוברענגען זיינע גע־שטאַלטן. אויסטערליש זעט אויס די שאַרפע קריטיק פון גרילפּאַרצערן מצד זיין פריינד און אַרויסגעבער הענריק לאובע (דער גאַנצער מאַטער־יאַל, וואָס איז א סענסאַציאָנעלער אויסמיש פון ערדאָטיק און געשיכטע, רופט אַרויס ווידערווילן, מאַרטין לוטער, למשל, האָט העפטיק און צאַרנדיק פאַראורטיילט די מגילת־אסתר). וואָס שייך לאובען, האַלט ער, אַז גריל־

---

*) פויכטוואַנגער מיינט דאָ לואי ראַסין, דעם זון פונעם פראַנצויזישן דראַמאַטורג זשאַן ראַסין, וועלכער האָט אָנגעשריבן א פּאָעמע „רעליגיע“.

**) גרילפּאַרציער פראַנץ, פּאָעט און דראַמאַטורג, געבוירן אין ווין, וועלכער האָט אָנגעשריבן א פּיעסע „די ייִדישקע פון טאָלעדאָ“.

פאַרצערן איז זיין „יידישקע“ נישט געלונגען, ווייל דער אויטאָר האָט זיך טריי געהאַלטן ביי לאָפּע דע וועגאַס דראַמע *) La judia de Toledo וועלכע איז לויט לאַובעס מיינונג אַן איבערפלעכלעך טעאַטער־שטיק.

איך האָב איבערגעלייענט לאָפּע דע וועגאַס דראַמע. זי איז טאַקע זייער טעאַטראַליש; זי איז, קענטיק, דורך אים אָנגעוואָרפן געוואָרן אויפן פּאַפּיר אין משך פון עטלעכע טעג און איז נישט געווען ווי געהעריק דורכגעטראַכט. היות דער מאַטעריאַל, וואָס דער דיכטער האָט געפונען אין דער אַלטער כראָניק, איז נישט געווען גענוג אויסצופילן דריי אַקטן, האָט אים לאָפּע דע וועגאַ אויסגענוצט בלויז פאַר די לעצטע צוויי אַקטן. פאַרן ערשטן אַקט האָט ער אויסגענוצט עטלעכע קאַפּיטלען פון דער זעלבער כראָניק, וועלכע האָבן מקדים געווען די געשיכטע מיט דער „יידישקע“, אָבער אוממיטלבאַר האָבן זיי מיט איר גאָרנישט צו טאָן. אָבער אַזוי ווי לאָפּע דע וועגאַ איז געווען אַ באַגייסטערטער און אַן אויסערגעוויינלעכער טעאַטראַל, ווערט די פרייד פון די טעאַטראַלע עפעקטן איבערגעטראָגן אויף די לייענער און צושויער, און זיין זאָרגלאָזיקייט שוואַכט אויף קיין האָר נישט אָפּ דעם כוח פון זיין פּיעסע. זיין „יידישקע פון טאָלעדאָ“ איז אַ שטאַרקע, פאַרביקע, ווילד־פּאַטריאָטישע פּיעסע, און איך פאַרשטיי גאַנץ גוט פאַרוואָס זי האָט צוגעצויגן גרילפאַרצערן.

יאָ, דער מאַטעריאַל האָט מיך צוגעצויגן, פּונקט ווי ער האָט אָנגערעגט לאָפּע דע וועגאַן און גרילפאַרצערן. איך האָב זיך באַקענט מיטן מקור־פון וועלכן לאָפּע דע וועגאַ האָט געשעפּט. דאָס איז געווען יענע כראָניק, פון וועלכער איך האָב אַרויסגעכאַפּט עטלעכע שורות אַלס מאָטאָ פאַר יעדע טייל פון מיין ראָמאַן. די דאָזיקע כראָניק איז געשריבן פון אַן אַנדער אַלפאָנסאָ פון קאַסטיליע, נעמלעך דעם צענטן, ער איז געווען אַן אוראייניקל פון אונדזער אַלפאָנסאָ, וועלכער איז געבוירן געוואָרן זיבן יאָר נאָך יענעמס טויט. מיט גרויס סימפּאַטיע דערציילט ער וועגן דער ליבע פון זיין עלטער־זיידע צו דער יידישקע. די דאָזיקע ליבע־געשיכטע האָט פון סאַמע אָנהייב און דורך יאָרהונדערטער געצייצט די פאַנטאַזיע פון די שפּאַניער. וועגן דער דאָזיקער ליבע איז ביזן סאַמע מיטן פון פאַריקן יאָרהונדערט כסדר פאַרפאַסט געוואָרן אַלץ נייע באַלאַדן, ראָמאַנסן, פּערזן, ראָמאַנען, נאָוועלן און פּיעסן. אַפילו ביי די אַראַבער שפּילט די דאָזיקע געשיכטע

---

*) לאָפּע דע וועגאַ, שפּאַנישער פּאָעט און דראַמאַטורג (1635—1562) האָט אָנגעשריבן אַ פּיעסע „די יידישקע פון טאָלעדאָ“.—

א געוויסע ראָל. די ראָמאַנטיקער פון פאַרשידענע צייטן און לענדער האָבן זי איבערגעחזרט יעדער איינער אויף זיין אופן.

ווי ווייט איך האָב זיך געקאָנט אָריענטירן האָט קיין איינע פון די פילע קאָנצעפּציעס זיך נישט אינטערעסירט מיט דער געשיכטע פונעם לאַנד, וווּ די געשעענישן האָבן זיך אָפּגעשפּילט. דאָך אָבער איז דער גורל פון די פאַרליבטע ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון זייער לאַנד, און וואָס בעסער דער באַאָבאַכטער וועט זיך באַקענען מיט די באַדינגונגען פון יענער שפּאַנישער עפּאָכע, אַלץ א טיפערן זין וועט פאַר אים באַקומען די געשיכטע פון אסתר — רחל און דעם קעניג.

די אַלטע שפּאַנישע כראָניקעס און באלאדן, ווו עס ווערט דערמאָנט וועגן דער ליבע פון אלפאָנסאָ צו דער יידישקע, גלויבן נאיוו און באַמונה שלימה, אַז קריג איז א הייליקע זאך. זיי האָבן מיר געהאָלפן צו פאַרשטיין יענע ריטערלעכע ציוויליזאציע, וועלכע, נישט געקוקט אויף איר ראפינירטער קורטואזיע, איז נאָך אַלץ געווען טיף פאַרזונקען אין באַרבאַריזם; זיי האָבן מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרשטיין דאָס אינערלעכע וועזן פון יענע קאסטילישע באראָנען מיט זייער משוגענער, פאנאטישער העלדישקייט, מיט זייער אומבאגרענעצטער גאווה, וועלכע האָבן אָן שום געוויסן צעשטערט די שענסטע שטעט און לענדער, וואָס אַנדערע האָבן אויפגעבויט. די געשיכטע פון רחלען און קעניג קאָן, לויט מיין מיינונג, פאַרשטיין בלויז דער, וואָס שפּירט דעם רייצנדיקן כוח פון יענע אוואנטוריסטישע פּאַסירונגען.

איך האָב נישט געהאַט בדעה די דאָזיקע אומזיניקע העלדישקייט אויפצוקלערן, איך האָב געוואָלט ברענגען צום אויסדרוק איר גלאַנץ און רייץ, נישט פאַרדעקנדיק איר שעדלעכקייט. איך האָב געוואָלט באַווייזן סארא מאגישן כוח די דאָזיקע קריגערישקייט באזיצט, אז זי האָט געקאָנט אריינציען מענטשן, וועלכע האָבן בולט געזען איר שעדלעכקייט. רחל פילט די סכנה פון אלפאָנסאָס אומזיניקער דרייסטקייט, אָבער דאָך האָט זי אים ליב. דאָס, וואָס עס לאָקט אָן דער קלוגער רחל אין דעם דאָזיקן אומגליקלעכן מאַן, קאָן דינען אַלס סימבאָל פאַר יעדן נסיון פון קריגערישן אָדער אוואנטוריסטישן כאראקטער, וואָס פארפירט צייטנווייז אפילו גלייכע קעפּ.

דעם קריגערישן ריטער האָב איך געוואָלט אַנטקעגנשטעלן א מאַן פון שלום, וואָס ווערט נישט באַזונגען אין כראָניקעס און באלאדן, אָבער ער עקזיסטירט דאָך. פאַרנעפּלט לעבט ער אויף די שפּאַלטן פון דער

כראַניק, דייטלעכער זעט מען אים אין דאָקומענטן, פּריווילעגיעס און געזעצן, אָבער צומבולטסטן ווערט ער אָפּגעשפּיגלט אין די ביכער פון גערלערנטע און פילאָזאָפן. דאָרט געפינט מען בירגער און פויערים, איינוווינער פון אויפגעקומענע שטעט, וועלכע באַמיען זיך איינצושטעלן אָרדענונג און געזעץ דאָרט, ווו עס בושעווען די צעווילדעוועטע ריטער און באַראָנען. פאַר שלום קעמפן די יידן, ווייל זיי ווייסן, אַז אין פאַל פון א מלחמה, וועלן זיי זיין די ערשטע צעריבן צו ווערן פון די קעמפנדיקע צדדים. אָבער קודם־כל זעען מיר דאָרט אויך דענקער, גייסטלעכע און סתם מענטשן, ווי ראַדריגע, מוסא, בנימין, וואָס קעמפן מיט טאַט און וואָרט קעגן מלחמה, און אויך מענער, וואָס קאָנען דער באַוואָפנטער העלדישקייט פון די ריטער גאָרנישט קעגנשטעלן חוץ דעם שטילן מוט פון זייער נשמה. אָבער צי איז עס נישט גענוג?

מען פלעגט זאָגן, אַז אויף צוויי זיילן האַלט זיך אונדזער ציוויליזאַציע: אויפן הומאַניסטישן בילדונגס־אידעאַל פון די גריכן און רוימער און אויפן יידיש־קריסטלעכן מאַראַל־קאָדעקס פון דער ביבל. מיר דאַכט זיך, אַז אונדזער ציוויליזאַציע איז איבערגעבליבן א דריטע ירושה: כבוד פאַר העלדישקייט און פאַר ריטערישקייט. דאָס פאַרלטערטע געשטאַלט פון די קריסטלעכע ריטער, ווי דער מיטלאַלטער שילדערט עס, איז נאָך ביז היינט נישט פארטונקלט געוואָרן. נאָך אַלץ באַזינגט מען דעם רום פון העלדן, פון מלחמה־לייט. דער גרויסער דיכטער סערוואַנטעס האָט מיט צאַרטער פינקטלעכקייט אַרויסגעבראַכט די לעכערלעכקייט פונעם ריטערטום. די וועלט האָט געלאַכט, אָבער האָט זיך נישט געלאָזט איבערצייגן. אין יעדן ריטער איז פון אָנהייב אָן געווען א שטיק דאָן־קיכאָט, אָבער די וועלט האָט נישט געוואָלט און וויל נישט זען דעם פּאַיאַץ, וואָס שטעקט אינעם ריטער. זי וויל בלויז זען זיין רום. זי כאַפּט כסדר התפעלות פון ריטער און באַדעקט אים מיט כבוד.

ווי באַלד דאָס באַגייסטערטע, מיטלאַלטערלעכע ריטערטום איז נאָך ביז היינט, צום אומגליק, א לעבעדיקע דערשיינונג, דעריבער האַלט איך, אַז די געשיכטע פון אַלפאָנסאָ און רחלען גייט אונדז שטאַרק אָן. די טעאָרעטיקער פון יענעם יאָרהונדערט האָבן זיך געפּלפּולט איבער דעם, צי איז דערלויבט באַצייטנס אָנצוגרייפן דעם שונא, אויב יענער טראָגט זיך אַרום מיט אַזעלכע געדאַנקען און צי איז נישט קיין שאַנד צו באַצאָלן

פאַרן שלום מיט גרויסע קרבנות. איך האָב דאָ געוואָלט לעבעדיק מאַכן מענטשן, וועמען די דאָזיקע געדאַנקען האָבן נישט געלאָזן צורו. איך האָב צו זיך געזאָגט, אז דער, וואָס דערציילט פונדאָסניי די מעשים פון יענע, שרייבט נישט בלויז געשיכטע, נאר טראָגט אַריין ליכט און גיט א זין די פראָבלעמען פון אונדזער צייט.